STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02958

# IN DER FREMD

D. Zakalik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. צאַקאַליק

# אין דער פרעמד

פאַרלאַג י. ל. פרץ
ישראל

1968

D. ZAKALIK / IN DER FREMD

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

*

ד. זאַקאַליק / אין דער פרעמד

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©
נדפס בישראל תשכ״ח
Printed in Israel 1968

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062



ל ז כ ר

מ נ ח מ ן מיין ברודער, דעם שרייבער ז. ק. ליק,
וועמען דער ערשטער באַנד „אין שטורעם" איז
געווידמעט געוועז ביי זיין לעבן.

# אינהאַלט

## ערשטע טייל — קאָמי


1. די קעלנערקע סטעפּאַנאָוואַ . . . . . . . 13
2. קאָלקאַ סאָלאָוועי . . . . . . . . 19
3. דיזשורנע פּעטריכאָוו . . . . . . . . 27
4. קראַנקן־שוועסטער זאָיאַ . . . . . . . . 34
5. דאָקטאָרין שוראַ . . . . . . . . 42
6. דיכטער פּטאַשעק . . . . . . . . 50
7. סאַלאָמאָן מאַיִסעוויטש . . . . . . . . 57


## צווייטע טייל — טאַשקענט


1. חבר איי[illegible]למאַן . . . . . . . 67
2. יאַדוויגאַ, די מאַכאָרקע־פּאַרקויפערין . . . . . 73
3. דער מזלדיקער אברהם . . . . . . . 81
4. פאַרשווינען פון אַ טשאַיכאַנאַ . . . . . . . 87
5. אַ דריטער צום מזומן . . . . . . . 93
6. מאַטיס מיטן „לאַפּ־לאַפּ" . . . . . . . 99


## דריטע טייל — פון בוכאַרע און קאַספּישן ים


1. דער דיכטער וואָלד . . . . . . . . 107
2. באַטשאַן, דער בעל־תכלית . . . . . . . . 114
3. דער בריגאַדיר באַבאַיעף . . . . . . . . 123
4. מאַטיס אַ קראַנקער . . . . . . . . . 130
5. מאַטיס אין שפּיטאָל . . . . . . . . . 137
6. גריגאָרי, דער לץ . . . . . . . . . 144


## פערטע טייל — אין גוזאַר


1. גערש סעמיאָנאָוויטש . . . . . . . . 155
2. יידל קנאַפּער . . . . . . . . . 167
3. קוכערס זענען זיי געווען . . . . . . . . 179
4. הערש־בער מענדעלעס . . . . . . . . 188

## ערשטע טייל

# קאָמי

1

## די קעלנערקע סטעפּאַנאָוונאַ

סיקטיווקאַר — די הויפּטשטאָט פון דער אויטאָנאָמער רע־פּובליק קאָמי, וואָס אויפן ווייטן צפון אין ראַטנפאַרבאַנד, איז נישט פון היינט־נעכטן אויפגעקומען. פאַראַן דאָרט הייזער, וואָס פון אַלטקייט האָבן זיי שוין נישט די צורה פון אַ הויז און זענען ענלעך גאָר צו שטאַלן. די נייע בנינים זענען אָבער שוין געבויט מיט ברייטע פענצטער און שווערע טויערן.

סיקטיווקאַר איז אַ פאַרטשטאָט און אַלע גאַסן פירן צום פאָרט. די שטאָט אין גאַנצן איז ווי פאַרוואָרפן ערגעץ עק וועלט. די איינוווינער פון סיקטיווקאַר — ס׳רוב געוועזענע לאַגערניקעס, וואָס זיי איז געלונגען אויסצוהאַלטן די לאַנגיאָריקע „סראָקן״,* אָבער מ׳האָט זיי נישט דערלויבט צו קומען אַהין, פון וואַנען מ׳האָט זיי אָוועקגענומען. זיי איז אָנגעוויזן געוואָרן די שטאָט סיקטיווקאַר — דאָ צו וווינען „ווי פרייע בירגער״, אָבער מיטן חותם „לאַגעראָב״. דאָ זענען זיי אָבער צווישן אייגענע — אַלע לאַגערניקעס. איינעם אינטערעסירט נישט דעם צווייטנס לאַגער, וואָס איז מסתמא נישט בעסער געווען ווי זיינער — מען באַרימט זיך נישט מיט די צרות.

די ביעזשענצעס, אַמנעסטירטע און באַפרייטע פון די לאַגערן, יידן, וואָס זענען אָקערשט אָנגעקומען מיטן דאַמפער פונעם פּאָרט אייקענאַ, האָבן זיך איצט אַפילו נישט אומגעקוקט, ווו זיי זענען.

* אורטיילן.

אויסגעהונגערטע נאָך אַ ביסן ברויט און אַ לעפל געקעכטס, האָבן זיי באַלד זיך אַ לאָז געטאָן אינעם רעסטאָראַן ביים פּאָרט. כאָטש זיי האָבן אין דערפל וואַזשאַיעל, די צענטראַלע פון די לאַגערן אין אוסטוויים-געגנט, אונטערגעשריבן זייער הסכמה צו פאָרן קיין סיקטיווקאַר, האָבן זיי דערווייל זיך נישט געכאַפּט קוקן אויף דעם „מקום מקלט". דער גלאַנץ פון די פּאָרצעלייענע טעלערם אויפן רעסטאָראַן-טיש האָט זיי איצט געכישופט.

אָבער נישט אַלע אָנגעקומענע האָבן געקאָנט מיט איין מאָל באַקומען ערטער ביי די טישלעך פון פּאָרט-רעסטאָראַן, איז אַ טייל אַוועק אין שטאָט אַריין, ווייל זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין שטאָט זענען פאַראַן צוויי רעסטאָראַנען: איינער פאַר דעם „עמך", דער צווייטער פאַר באַאַמטע.

אַלעק איז אַוועק אין רעסטאָראַן פאַר באַאַמטע. דער נאָמען האָט אים ווי עפּעס צוריקגעבראַכט צו זיין אַמאָליק לעבן. ער האָט געוואָלט זיין מיט זיינס גלייכן.

אין האָל פון רעסטאָראַן איז ער שטיין געבליבן. ער האָט זיך עפּעס געשעמט צו ווייזן פאַר מענטשן, ווי אַ שלעפּער, אַ בראָד-יאַגע...

אַז דער פּאָרטיער האָט צוגענומען פון אים זיין פּאַלטאָ, האָט ער געוואָלט אָנזאָגן נישט צו הענגען אים צווישן די מלבושים פון די שטאָטגעסט: ער דינט דאָך אים אויך ווי אַ קאָלדרע, קאָן ער פאַר-אומריייניקן די זאַכן פון אַנדערע.

דער פּאָרטיער, אַן אַלטיטשקער, מיט ציטערדיקע הענט, האָט דאָך געטאָן זיין אַרבעט פלינק: בליץ-שנעל איז ער מיטן פּאַלטאָ געווען אין דער גאַרדעראָב — אַלעק האָט נישט באַוויזן קיין וואָרט צו זאָגן, האָט ער געזען ווי יענער הענגט אַוועק דעם פּאַלטאָ אויף אַ באַזונדערער שטאַנג.

פריִער האָט אַלעק געמיינט, אַז ער וועט אין רעסטאָראַן טרעפן אייגענע. זוכנדיק אַן אָרט ווו זיך אַנידערצוזעצן, האָט ער דערזען ביי די טישן בלויז פרעמדע. מיט זיין שלעפערישן „שטאָט" איז

אים געווען נישט באַקוועם זיך צוזעצן צו עמעצן, האָט ער אויסגע-פונען אַ טישל — אָפּגעזונדערט פון אַלע. און כדי מען זאָל נישט זען זיינע אומגעלומפּערטע קאַמאַשן, האָט ער די פיס גוט פאַר-רוקט אונטערן בענקל.

צו באַדינען די געסט איז געווען בלויז איין קעלנערקע — סטעפּאַנאָוונאַ. אין איר לאַנגן, ווייסן כאַלאַט — האָט זי בלויז דער הויכער בוזעם אויסגעטיילט פון די מאַנצבילן. געשווירן איז זי געווען ווי אַ מאַן. לויט די מאַנדל-אויגן איז זי נישט געווען פון סלאַווישן אָפּשטאַם.

אַ ביסל זיך אַרומגעקוקט, האָט אַלעק באַמערקט שטיקלעך ברויט, וואָס געסט לאָזן איבער. יעדעס שטיקל ברויט איז אויס-געוואַקסן אין זיינע אויגן, ווי דורך אַ פאַרגרעסער-גלאָז. ער האָט געהאַט חשק צוגיין צום שטיקל ברויט און נעמען עס. דער גאַסט האָט עס נישט דערעסן, איז עס הפקר. דאָך רירט ער זיך נישט פון אָרט. עפּעס האַלט אים אָפּ.

שוין דאָס צווייטע מאָל ווי ער מיינט — אָט-אָט קומט זי צו, די בירגערין סטעפּאַנאָוונאַ, שטעלט אַוועק אויף זיין טישל די טאַץ מיט פולע טעלערס באָרשטש און פלייש. ער איז שוין גרייט אָנצונעמען די גאָפּל-מעסער.

די בירגערין סטעפּאַנאָוונאַ קומט אָבער נישט צו, נעמט אפילו נישט אויף ביי אים זיין באַשטעלונג. ער וועט אפּנים זיין ביי איר פון די לעצטע, אָדער זי וועט אים לאָזן וואַרטן ביז ס׳וועט נישט זיין וואָס צו דערלאַנגען.

וויל ער אַ רוף טאָן: „גראַזשדאַנקאַ !״ און ער האַלט זיך אָפּ. ער וויים פון דערפאַרונג — מען קוקט קרום אויף אַן אומגעדול-דיקן.

דער הונגער און די מידקייט האָבן צונויפגעקלעפּט די אויגן. ער האָט זיך געקנייפּט, כדי נישט איינצודרימלען. ווידער האָט ער זיין בליק געווענדט אויף דער סטעפּאַנאָוונאַ :

„אַ ביסל צו הויך אויפגעוווירן דער בוזעם אירער. איר גע־שטאַלט זעט אוים ווי אַ שטענדער... פאַר וואָס קומט זי נישט צו אויפנעמען די באַשטעלונג?"

בכיוון טוט ער אַ רוק דאָס טישל. ס'האָט אַ שאַרפן ריץ געטאָן, אַ גרילץ אין דער שטילקייט. געסט האָבן זיך אומגעקוקט. אויך סטעפאַנאָווגאַ האָט דערשטוינט געקוקט, אָבער מיט אַ לייכטער האַנט־באַוועגונג געוויזן, אַז זי אַנטשולדיקט זיך:

— נאָך איין מינוט, פּאַזשאַלויסטאַ! *

אַ מידער פון וואַרטן באַשליסט שוין אָלעק צו גיין אין צווייטן רעסטאָראַן.

נאָענט צו דער טיר איז די בירגערין סטעפּאַנאָווגאַ אים פאַר־לאָפן דעם וועג. מיט ברייט צעעפנטע אויגן און אַ צעשמייכלטע האָט זי זיך געווענדט צו אים בעטנדיק:

— טאָווארישטש! גראַזשדאַנין! דיאַדושקאַ! ** נאָך אַ פּאָר מינוט. שוין באַשטעלט עסן פאַר דיר... ס'וועט דאָך מיך קאָסטן אַ העלפט פון טאַגלוין, אויב דו וועסט אַוועק.

*

ווען די קעלנערקע האָט אָלעקן צוגעברענגט דאָס עסן, זענען שוין אין רעסטאָראַן קיין געסט נישט געווען. זי האָט אַראָפּגע־שטעלט די טעלערס פון טאַץ אויפן טישל, אָבער זי איז נישט באַלד אַוועק, זי האָט עפּעס געוואַרט.

אָלעק האָט געמיינט, אַז זי וואַרט אויף באַצאָלן, האָט ער גענומען דעם חשבון.

— ענדיקט עסן, גראַזשדאַנין. מיר פאַרמאַכן נאָך נישט — האָט זי גוטמוטיק געזאָגט.

— וועל איך קריגן אויך טיי?

---

* ביטע.

** חבר, בירגער, פעטערל.

— מיר גיבן נישט קיין טיי. בלויז אויף „אוזשין".* אָבער אייך וועל איך צוברענגען טיי, גראַזשדאַנין.

— אַ דאַנק.

— אין וועלכן לאַגער געווען? — פרעגט סטעפּאַנאָווגאַ אָן שהיות.

— נ.ק.וו.ד.-לאַגער ביים שוואַרצן טייכל.

— אַלע לאַגערן זענען ענקאַוועדע-לאַגערן.

— נישט אַלע ביים שוואַרצן טייכל.

— אפשר האָט איר דאָרט געטראָפן איינעם סטעפּאַן דימיט-ריטש? ענלעך צו דיר. אַ לאַנג פּנים און קנאָכיקע, איינגעפאַלענע באַקן.

— ווער איז ער דיינס?

— מיין טאַטע! דער פאַבריקמאַכער האָט מיר אַנומלט געזאָגט, אַז איך זאָל נאָכפרעגן ביי די, וואָס קומען איצט פון די לאַגערן.

— ער וועט מסתמא בקרוב אַהיימקומען — ענטפערט אַלעק.

— ליבער גאָט, מיר זאָלן דאָס דערלעבן!

— ער וועט זיכער אַמנעסטירט ווערן. ס'איז דאָך מלחמה.

— האָסט נישט געהערט אַזאַ נאָמען, דימיטריטש, סטעפּאַן?

— כ'דערמאָן זיך נישט.

— ביי וואָס האָסטו געאַרבעט?

— פאַרשידנס.

— ביי „לעספּאָוואַל"?

— ניין.

— נישט אַלע אַרבעטן ביי „לעספּאָוואַל"?

— לויט קאַטעגאָריע.

— כ'וועל ברענגען די טיי! — כאַפּט זי זיך, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס. — טיי מיט עכטן צוקער וועל איך ברענגען. גיב אַ טראַכט דערוויל, אפשר האָסטו דאָך געהערט דעם נאָמען

* אָוונטברויט.

סטעפאַן דימיטריטש! אויב נישט היינט, וועסטו זיך אפשר מאָרגן דערמאָנען. כ׳וועל בעטן מיין קוזין, וועט ער אויך קומען.

אַלעקן איז חשוד געוואָרן איר צושטיין צו אים: — צי איז זי נישט אָנגעשטעלט אויף אַרויסצוקריגן רייד? זי באַשטעלט אים צו קומען מאָרגן, זי וועט זיין מיט אַן עדות...

סטעפאַנאָוונאַ ברענגט צו דאָס גלאָז טיי און בלייבט ווידער שטיין.

— אַ גרויסן דאַנק — זאָגט אַלעק און נעמט טרינקען.

— ס׳איז אַ מאַטערניש צו אַרבעטן אין לאַגער?

— ווי פאַר וועמען.

— מען יאָגט צו דער אַרבעט?

אַלעק שווייגט.

— מאָרגן וועל איך ברענגען די פאָטאָגראַפיע, וועסטו אים אפשר דערקענען — פאַרענדיקט זי דעם שמועס.

*

ער האָט זיך יאָ דערמאָנט אין אַ סטעפאַן: אַ הויכער, גרינג־אויגיקער, אַ כעסן. די ציין האָט ער אויפגעגעסן פון קריצן מיט זיי. ער פלעגט תמיד רייכערן און שפייען. ער איז דעמאָלט געשיקט געוואָרן צו העלפן אים ביי „קאַטקע”. צווישן אַ גרופּע כינעזער געווען. זיי האָבן געפלאָכטן צווייגן, ווי שטריק, אויף צו בינדן טראַטוועס. ער האָט געהאָלפן סטעפאַנען קאָלערן די קלעצער. נישט געקאָנט נאָכקומען סטעפאַנס אימפעט. סטעפאַן האָט געזידלט, געשאָלטן. ער, אַלעק, האָט נישט געקאָנט מער אַרבעטן, האָט אים סטעפאַנען אויפגעקאָכט די יוכע, ער איז אים פאַרפאָרן מיט דער פויסט אין די ציין. אַלעקס ליפּן זענען פאַרבלוטיקט געוואָרן, האָט יענער אים אָנגעכאַפּט, אַריינגעקוקט אין מויל:

— סלאַווא באָגו! סלאַווא באָגו! * געזונטע ציין, — האָט ער געזאָגט און זיך צעלאַכט.

---

* אַ לויב צו גאָט.

2

## קאַלקאַ סאָלאָוועי

פון רעסטאָראַן איז ער אַרויס און שטיין געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט:

— וווּהין? וווּהין גיין?

ער האָט געקוקט אויף רעכטס, אויף לינקס, אין איין גאַס, אין אַ צווייטער — הייזער, הייזער — אָבער נישט פאַר אים אַריינצוגיין. ער איז אין אַ שטאָט, וואָס איז פאַר אים אַ פרעמדע וועלט. דאָס ערשטע מאָל, ביי זיינע עטלעכע און דרייסיק יאָר, געפינט ער זיך אין אַזאַ אויסטערלישן מצב. אין וואַרשע, ווען ער איז געווען אַליין, זענען אים היימיש געווען די הייזער, די שילדן איבער די געשעפטן. און דאָ — ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך.

דערמאָנט ער זיך: דער ענקאַווּעדיסט אין וואָזשאָיעל האָט אים געזאָגט, געוואָרנט: צושרייבן זיך אָן אַדרעס וווּהין צו קומען — זאָל זיין צו „ספּלאַוו״-אַרבעט, ביי דער געזעלשאַפט „ספּלאַוו-אָטדיעל״, נאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף צופאַל.

אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג האָט ער ווידער זיך אָפּגעשטעלט, ווידער זיך אין עפּעס דערמאָנט: ער האָט זיך נישט אָפּגערעדט מיט העניעך פאָגעל. ערשט נעכטן אויפן דאַמפּער געטראָפן זיך מיט אים, זיך געפעלן געוואָרן. פאָגעל האָט געזאָגט: ער וועט טאָן אַלץ נישט צו פאַלן... ער ווייסט, אַז ער איז אויף אַ וואַסער, וויל ער זיך האַלטן אויף דער אויבערפלאַך...

איז ווּ געפינט מען איצט דעם פאָגעל?

אַ גרופּע ביעזשענצעס איז צוריקגעגאַנגען פון רעסטאָראַן פאַר „עמך". אַלעק האָט זיך דערמאָנט, אַז אויפן דאַמפּער איז הענעך פאָגעל געווען אין זייער חברה.

— איז הענעך נישט געווען מיט אייך אין רעסטאָראַן?

— הענעך? הענעכל די קאָזאַצקע פּיאה? — פרעגט איבער איינער.

— ער איז נאָך אין רעסטאָראַן „עמך" — זאָגט אַ צווייטער.

דער רעסטאָראַן פאַר „עמך" האָט זיך גוט אָנגעזעצט אין דער שמאָלער, זייטיקער גאַס. ווי אַ ביליקער רעסטאָראַן, פילן זיך די ריחות פון דער קיך איבער דער גאַס. אויך דאָ האָבן געדרייצט דעם גומען ריחות פון געפּרעגלעכצן.

דער רעסטאָראַן-זאַל פאַר „עמך" האָט אַריינגענומען אַ גרעסערע צאָל געסט. די אַמנעסטירטע ביעזשענצעס האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַ שפּיצל ביי אַ טישל. זיי האָבן זיך באַמיט נישט צו טומלען, דאָך האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון רעדן איינער מיטן צווייטן, איז במילא געווען טומלדיק און רעשיק.

די ריי, וואָס אַלעק האָט געטראָפן ביים בופעט, איז שוין געווען די לעצטע רונדע צו באַקומען מיטאָג מיט ברויט. די שטייענדיקע נאָענט צו דער קאַסע האָבן געקאָנט באַמערקן, אַז אין די קיישלעך איז דאָ ווייניק ברויט. מען זעט שוין אָן די דנאָען.

דער צווייטער בופעט, ווו מען קריגט סאָדע-וואַסער און פּאַפּיראָסן, איז איצט ליידיק. ס'שטייט דאָרט בלויז קאַלקאַ סאַלאָווע. ווען אַפילו ס'איז נישטאָ קיין סחורה, דאַרף מען שטיין ביים בופעט און ענטפערן:

— ניעט! ניעט!...

אַ גרויסער טייל פון די ביעזשענצעס ווייסן שוין, אַז זיי וועלן נישט קריגן קיין ברויט, און אַ ספק, צי זופּ יאָ. דאָך האַלטן זיי די ערטער ביי די טישלעך, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעטשוועקעוועט צו די בענקלעך. די אַנדערע טייל, פון דער לעצטער רונדע, איז

צופרידן: די לעצטע וועלן נישט מוזן פריימאַכן די בענקלעך און גיין.

— אונדזער צוקונפט בלײַט אַן אונדז — האָט אַלעק דערהערט. דאָס האָט געזאָגט הענעך פּאַגעל.

אויף די טישלעך זענען צעשטעלט געוואָרן טעלערס זופּ, פון וועלכער ס׳האָט געשלאָגן אַ פּאַרע.

הענעך פּאַגעל איז פון פאַך געווען אַ דרוקער. ער האָט אַ פּאָ־טאָגראַפיע פון יענער צייט: מיט אַ גרויסע טשופרינע און אַן אָפּ־געקעמטער פּיאה — ווי אַ קאָזאַק. אָבער וואָס פאַראַ שטרייק ס׳איז ווען נישט איז אויסגעבראָכן אין זײַן שטעטל, בײַ די בעקערס, קאַמאַשנשטעפּערס, צי בײַ די שניידערס — האָט מען אַלץ צוגעשריבן אים, הענעכן: „ס׳איז די אַרבעט פון דער קאָזאַצקער פּיאה״. ער איז אַפילו שיער נישט געוואָרן אַ קאָמוניסט. איצט ווייסט ער שוין, אַז ער וועט עס נישט ווערן. ער באַדויערט איצט אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט דעמאָלט געטאָן, אָדער נישט געטאָן. ער האָט געקאָנט הנאה האָבן פון לייכטע פאַרדינסטן און זיך אָפּגעזאָגט. ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט סטעלאַן, האָט ער — נאָך איר מוטערס טויט — געקאָנט איבערנעמען די קראָם מיט פאַיאַנס־געפעס. איז אים נישט אָנגעשטאַנען צו ווערן אַ סוחר, אַ קליינבירגער, אַן אויס־נוצער, אַ פּאַראַזיט.

— געהאַט פולע קעשענעס מיט פרייהייט, נישט געוווּסט ווי עס טייער צו האַלטן. איצט, אַז איך בין ווי אַ פויגל אין אַ שטייג, שאַץ איך ערשט וואָס פאַראַ גרויסער נאַר כ׳בין געווען — זאָגט הענעך אויפן קול, כדי אַלע בײַם טיש זאָלן הערן.

— איך האַלט נישט פון דײַנע זאָגעכצן, הענעך! דול נישט קיין קאָפּ מיטן אָמאָל. איצט בין איך פריי, און דאָס איז אַלץ... ווען איך זאָל איצט קאָנען זיך שטעלן פאַרן עמוד, ווי אין אַ יום־טוב, וואָלט איך פאַר דער פריי געזאָגט גאַנץ הלל! — האָט אַ מיטל־יאָריקער, מיט אַ הויכן גאָרגל־קנאָפּ, אַרויסגעשאָלט מיט אַ מעטאַ־לענער שטימע.

— די פריי! די פריי איז באַלזאַם! — הייבט איינער אָן און פאַרכליניעט זיך.

— פרייהייט איז נשמה! פרייהייט איז אָטעם! — מישט זיך אַריין אַ דריטער.

אַלעק האָט זיך נישט געמישט אין וויכוח. ער האָט זיך איינ־געקוקט אין די אויסגעסאַכניעטע פּנימער און אין זיי געזען זיך. זיי האָבן זיך געקוויקט מיט טרייסט־רייד און ער האָט געפילט, אַז אַזוי איז אויך מיט אים. זייערע פאַרחושכטע פּנימער זענען געווען אַ קאַנטראַסט צום גלאַנץ פון די אויגן און צום שמייכל, וואָס האָט זיך אָפּט פונאַנדערגעוויקלט אויף זייערע פאַרטריקנטע ליפּן.

— ווי שמעקט אייך די „פּאַלעוווקע"? — פרעגט איינער פאַרבייגייענדיק.

— „שטראַפנאַי" קעסל! — ענטפערט הענעך. מיט אַ מאָל טוט ער אַ פרעג:

— ווער וויל אַ גרודקע מאַקוך צום נאָגן?
אַלע לאַכן קרום.

— אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס! — זאָגט הענעך און מאַכט אָן ערנסטע מינע.

— וווהין מיינט מען צו גיין, חברה? — פרעגט גרינבערג, דער געוועזענער זייפנזידער.

— מיר וועלן נישט גיין!

— קאַלקאַ סאַלאַוועי האָט שוין אַ פּישטשע געטאָן, מיר זאָלן גיין.

— אַז איך קוק זיך איין אין די פאַרשלאָפענע אויגן פון קאַלקאַ סאַלאַוועי, דאַכט זיך מיר, אַז אָט־אָט צעוויינט ער זיך, וואָס מען גייט נישט — זאָגט גרינבערג.

אַלעק האָט פאַרגעשלאָגן, אַז ער וועט רעדן מיט קאַלקאַ סאַלאַ־וועי, ער זאָל לאָזן זיי בלייבן אויף „אוזשין". קאַלקאַ איז טאַקע נישט מער ווי אַ שומר ביים בופעט אויף צו ענטפערן: „ניעט!",

אָבער אַז דער „זאַוו"* איז נישטאָ, איז ע ר „זאַוו". ער פישטשעט שוין ווידער:

— וורעמיאַ, גראַזשדאַניע, וורעמיאַ!**

*

קאָלקאַ סאָלאָוועי איז אַ קאַרליק, אַ סריס, אַ בחור אין די יאָרן. ביים בופעט זיצט ער אויף אַ הויך בענקל און העלפט, דער עיקר, פאַרקויפן סאָדע־וואַסער און פּאַפּיראָסן — ווען ס'איז דאָ. דעם נאָמען סאָלאָוועי האָט מען אים צוגעגעבן מחמת זיין פויגל־שטימע. זיין פנים איז פול מיט קנייטשן, און גרין, ווי אַ נישט רייפע ציטרין. ער האָט זיך געקרימט ווען מען האָט זיך געווענדט צו אים אויף „טאָ־וואַרישטש". דאַקעגן „גראַזשדאַנין" איז אים צום הארצן. דאָס האָט אַלעק באַמערקט בעת איינער פון די ביעזשענצעס האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ס'איז נישטאָ קיין פיצל זייף אין דער טואַלעט.

צו ערשט האָט קאָלקאַ אַלעקן קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז ער וועט נישט דערלויבן צו בלייבן אויף „אוזשין". ווען אַלעק האָט אים פאַרגעשטעלט די פאַרלעגנהייט און דעם צער פון די געסט, האָט ער אויסגעשטשירעט די גרויסע ציין, געלאַכט און געקנאַקט מיט די פינגער. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ וויש געטאָן זיינע הענט־לעך און אַ ווונק געטאָן צו אַלעקן. ער איז אַראָפּ פון בענקל און מיטן קליינעם פינגערל גערופן אַלעקן ער זאָל אים נאָכגיין.

הינטערן ווענטל, וווּ קאָלקאַ האָט געהאַט שטיין זיין בעט, האָט ער געפרעגט:

— דו, „גראַזשדאַנין", וועסט מיר זאָגן דעם אמת?

— נאָר דעם אמת, גראַזשדאַנין קאָלקאַ!

— זאָג זשע מיר, ווי לאַנג לעבן שוין יידן?

— זינט די וועלט שטייט, גראַזשדאַנין קאָלקאַ!

---

* פאַרוואַלטער.

** צייט, בירגער, צייט.

— דו ביסט נאָך אַ גרעסערער בלאָפער פון פאַריקמאַכער...

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן. צוגעפאַלן צום שענקעלע לעבן בעט, אַרויסגענומען אַ ספרל אָן טעוועלער, די בלעטלעך צעקנאַדערטע, און האַלטנדיק עם פעסט אין די קליינע הענטלעך זיינע, האָט ער געזאָגט אַלעקן, אַז ער זאָל זיך גוט איינקוקן און זאָגן וואָס דאָס איז. דער פאַריקמאַכער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ יעווריעסקי מאָליטעווניק* און ער זאָל עס אַוועקוואַרפן. אויב ער וועט עס האַלטן, וועט ער גיין אין תפיסה.

אַלעק האָט נישט געדאַרפט זיך צו פיל איינקוקן: ס'איז געווען אַ יום־כיפור־מחזורל. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער מעג גלייבן דעם פאַריקמאַכער — ס'איז אַ יעווריעסקי מאָליטעווניק.

— ווער האָט דאָס דיר געגעבן?

— קיינער!

— האָסט עס געפונען, גראַזשדאַנין קאַלקאַ?

— נישט געגעבן, נישט געפונען, סאַדים,** — זאָגט קאַלקאַ, אַנווייזנדיק אויפן בעט. ווען אַלעק האָט זיך אַנידערגעזעצט, איז קאַלקאַ צוגעשפרונגען צום עק ווענטל, געקוקט צי קיינער שטייט נישט, פאַרשאַרצט די אַרבל, זיך גלייך געמאַכט דעם פאַסיק ביי די הויזן און צוגעזעצט זיך לעבן אַלעקן. איידער ער האָט זיך צערעדט האָט ער געוואָרפן מיט די הענטלעך, ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרייבן פון זיך אַל דאָס שלעכטס:

איין מאָל האָט ער געטראָפן די מאַמע שלאָפן מיטן דרעוואָסיעק,*** איז זי צוגעפאַלן צו אים, געשלאָגן און געשאָלטן: „זאָלסט פאַרכאַפט ווערן פון אַזאַ מיתה־משונה, ווי דער טאַטע דיינער, דער בליאַדסקי יעווריעי". אָבער ער איז נישט קיין יעווריעי, ער וועט עס קיין מאָל נישט זיין. קיין מאָל... די מאַמע האָט דאָ נישט לאַנג,

---

* תפילה־ספר.

** זיץ.

*** האָלץ־העקער.

בעתן וואַשן גרעט, זיך אויסגעגליטשט — עפּעס אַ פֿאַרשיידענע קרענק געהאַט — און געשטאָרבן.

ווי קורץ ס'איז געווען זיין אָטעם, האָט ער זיך געשטאַרקט צו רעדן שנעל, ווי ער וואָלט מורא האָבן, אַז ער וועט נישט באַוויזן:

— נישטערנדיק אין באַראַכלאַ,* וואָס אין דער מאַמעס קופערט, האָב איך דאָס ספרל געפֿונען. דער פֿאַבריקמאַכער טראַכט אָפּט אוים זאַכן און ליגנס, האָב איך אים נישט געגלייבט.

— דו, גראַזשדאַנין קאַלקאַ, דו דאַרפֿסט עס נישט. גיב עס מיר! — שלאָגט אַלעק אים פֿאָר.

— ניין! נישט געבן! צו וואָס דאַרפֿסטו עס?

— אַן אָנדענק פֿון גראַזשדאַנין קאַלקאַ.

קאַלקאַ סאָלאָווייצי האָט זיך צעלאַכט, אַרויסגעשטשירעט די גרויסע ציין און אַ שליידער געטאָן דאָס מחזורל. ער האָט געקוקט צי אַלעק רירט זיך נישט. זעענדיק, אַז אַלעק גייט נישט אויפֿהייבן עס — איז ער, קאַלקאַ, צוגעגאַנגען צום ווינקל, וווּ דאָס מחזורל איז געלעגן, האָט עס אַליין אויפֿגעהויבן און געגעבן אַלעקן אין דער האַנט אַריין. דאַן האָט ער גענומען אַלעקס צווייטע האַנט און זי צוגעלייגט צו דער ערשטער, ער זאָל פֿעסט, אין ביידע הענט, האַלטן דעם מאַליטעווניק.

ווען אַלעק איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט בופֿעט, האָט קאַלקאַ אַרויפֿגעלייגט זיינע קורצע, דיקע פֿינגערלעך אויף די ליפּן, געוויזן אים ער זאָל שווייגן.

*

די חברה ביים טיש האָט געוואָלט בלייבן אויף „אוזשין" און אַלעק — נישט: בעסער באַצייטנס זיך אַרומזען וווּ צו נעכטיקן.

---

* לאַכעס.

— אַכזר אויף זיך אַליין! ווי געשיקט זיך דורכצולאָזן אַזאַ געלעגנהייט? — האָט אים איינער געשטראָפט.

— גייט דיר אפשר אין די קלינגערס? — וויל הענעך וויסן.

— כ׳וויל נישט נעכטיקן אויף דער גאַס.

— מירן שלאָפן אין פאַרט-זאַל.

מיט אַ מאָל האָט עמעצער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און גערופן:

— גראַזשדאַניע, ווניִמאַניע!

די בופעט-פאַרוואַלטערין האָט דערקלערט, אַז היינט וועט קיין „אוזשין" נישט זיין.

פּלוצלינג איז קאַלקאַ צוגעקומען צו אַלעקן, אים אַ צי־געטאָן הינטערן וועגטל: ער וויל צוריק...

אַלעק שטופּט אים אין האַנט אַריין אַ גרינעם באַנקנאָט. קאַלקאַ באַשטייט נישט:

— גיב צוריק. דער פאַריקמאַכער האָט געזאָגט: צוריקנעמען.

— וואָס ווילסטו דען טאָן דערמיט, גראַזשדאַנין קאַלקאַ?

— כ׳וויים שוין וואָס... מיט אַ שטיין אין וואַסער אַריין... אָט וואָס...

3

## דיזשורנע פּעטריכאָוו

אַ שוואַרצע נאַכט, קיין ברעקל שטערן אויפן הימל. אויסגע־לאָשן אַלע לאָמפּן, פאַרקלאַפּט אַלע טירן און לאָדנס. סיקטיווקאַר שלאָפט. פינצטער דער אַרום, נאָר איין ליכטפּונקט, ווי אַ פאַר־בלאָנדזשעטער שטערן, פינקלט אין דער הויפּטגאַס — ענקאַוועדע. די טירן צום גאַניקל — אָפן. אויך די פענצטער אָפן, אָבער געדיכט געקראַטעוועט.

ווי פליגעלעך צו אַ ליכטשיין, שאַרן זיך איצט צום ליכטפּונקט פון ענקאַוועדע עטלעכע פון דער חברה, היינט אַנגעקומענע, אָמ־נעסטירטע ביעזשענצעס. זיי האָבן נישט וווּ צו שלאָפן; זאָל ענקאַ־וועדע טאָן מיט זיי וואָס זי וויל.

אַלעק האָט אָקערשט באַקענט נאָך אָן אח לצרה. יידל קנאַפּער הייסט ער, אַ זאַמאָשטשער, אַ סוחרישער זון. זיין ברייטן קאָפּ האָט אַלעק געזען נאָך פאַרן טונקל ווערן. יידל קנאַפּער, אַז ער הייבט אָן צו רעדן, מעגן רווישן גרעגערס, ווי פּורים ביי מגילה־לייענען — ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן. ער וועט קיינעם נישט צולאָזן צום וואָרט. זיין טבע איז צו דערציילן אַ מעשה אויף אַ מעשה — אַפילו אָן אַ צוזאַמענהאַנג. באַמערקט ער, אַז אַ בר־נש הערט זיך נישט צו, כאַפּט ער אים אָן פאַר די קלאַפּעס און שאָקלט אים ווי צו מינטערן. יידל האָט נאָך אָן אייגנשאַפט: אַז עס גע־פעלט אים נישט דער פּאַרטנער, ווינטשט ער אים — „ער זאָל וואַקסן ווי אַ ציבעלע — מיטן קאָפּ אין דער ערד״. מיט די ווערט־

לעך זיינע איז ער נושא-חן ביי חברה. דאָס איצטיקע גיין אין דער ענקאַוועדע איז אויך זיינס אַן איינפאַל:

— היינט קאָנען מיר רעדן מיט זיי ווי גלייכע מיט גלייכע. מיר זענען שוין צוריק מענטשן... ערשטנס, וועלן מיר אויסמיידן אַרעסטירט צו ווערן פאַרן שטערן די רו פון די בירגער; צווייטנס, וועלן מיר זיין אונטער אַ דאַך. און דאָרט איז זיכער וואַרעם.

— אָבער ווי אַזוי?

— מיר וועלן פאַרפירן אַ שמועס, ווער ס׳זאָל דאָרט נישט זיין. אַפילו מיטן סאַמעראָדנעם. אַז איך וועל זיך אָפּשטעלן כאַפּן אָטעם, זאָל באַלד דער צווייטער אונטערקומען מיט רייד, פּלאַפּלען, ציִען, ציִען. אַזוי דער דריטער, דער פערטער, ביזן שאַריען אויף טאָג.

*

אַ הויך גאַניקל פאַרן אַריינגאַנג אין ענקאַוועדע-ביוראָ האָט פאַרשטעלט דעם אינעווייניק פון ביוראָ. אַלעק, און נאָך דריי פון דער גרופּע, האָבן זיך אַריבערגעשאַרט אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר. זיי זענען עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען פאַרן גאַניקל. פון יענער זייט טראָטואַר זעט מען בעסער.

— בלויז אַ דיזשורנע.

— ביי אַ ברייטן טיש זיצט ער.

— איינער אַליין.

— ס׳היטל אויפן טיש.

— אַ לבנה-פּנים.

— זעט אויס אַ נאַר און מעגעגע.

— אַזאַ פּנים זאָגט נישט קיין בייז.

— ער פּוצט דעם רעוואָלווער.

— ער שמייכלט.

— ער ציט איין די ליפּן ווי צו קושן.

זיי זענען אַלע מיט אַ מאָל אַריין אין ביוראָ. יידל קנאַפּער האָט דערלאַנגט זיין באַפרייונג-שיין דעם דיזשורנע אין די הענט.

אַלע זעקס האָבן באַלד אַוועקגעלייגט אויפן טיש זייערע באַפרייונג-שיינען. דער דיזשורנע האָט געלייענט פון די דאָקומענטן און דאָס בלויזע צעקייען די נעמען, צו וועלכע ער איז נישט געוווינט גע-ווען, האָט פאַרנומען אַ ביסל צייט. דערנאָך האָט דאָס אויסרופן יעדן איינעמס נאָמען, כדי צוריקצוגעבן זיי די שיינען, ווידער פאַר-נומען אַ ביסל צייט — ער האָט אָפט געמוזט עטלעכע מאָל אי-בערחזרן איין און דעם זעלבן נאָמען, ווייל די זעקס חברה האָבן זיך געמאַכט נישט הערן.

יידל קנאַפּער האָט לסוף צעלאָזט זיין צינגל. אויסגערעכנט מעלות פון דער שטאָט סיקטיווקאַר און אירע בירגער: זייער באַ-שיידנקייט, זייער גוטהאַרציקייט אין אויפנעמען געסט.

אין זיין שנעלן רעדן האָט יידל באַוויזן צו פרעגן ווי דער נאָמען פון „גראַזשדאַנין" דיזשורנע, מאַמענטאַל זיך געווענדט צו אים מיט פאַרטרויען: „גראַזשדאַנין פעטריכאַוו", און ווידער סתם רייד — „אים דאַכט זיך, אויף דער וועלט איז נישטאָ אַזאַ צופרידענער בירגער, ווי איר, פעטריכאַוו". ער, אין פּאָלשאַ (פּוילן), האָט זיך נישט געפילט ווי ער דאָ, פעטריכאַוו. וויפל ער האָט נישט גערו-דערט זיין שיפל, איז ער אַלץ צו קיין ברעג נישט דערשווומען... „גראַזשדאַנין" פעטריכאַוו רודערט און קען שלאָפן אָן דאגה... גראַזשדאַנין פעטריכאַוו זאָל נישט זאָגן, אַז נישט...

ער האָט גערעדט, דערציילט געשעענישן אָן אַ צוזאַמענהאַנג: איין מאָל האָט ער געטראָפן אַ געדראַנג פון בירגער ביים איינ-שטייגן אין אַ וואַגאָן. מחמת איינער האָט זיך געשפּאַרט מיטן צווייטן, אַז אים קומט דער כבוד איינצושטייגן פריִער, איז ביז וואָס, ווען, ביז זיי האָבן זיך דערעדט, האָט זיך דערהערט אַ פייף און האַפּ! — דער צוג איז אַוועק. אַנטקעגן וואָס דערציילט ער דאָס? כדי גראַזשדאַנין פעטריכאַוו זאָל זיך נישט איילן אַ פייף צו טאָן — כל-זמן ער און זיינע חברים זענען נאָך נישט דורכגע-קומען צווישן זיך פון וואָס אָנצוהייבן צו דערציילן זייערע פּאַסי-רונגען.

פּעטריכאָוו האָט זיך גוט אויסגעגלייכט אויף דער שטול, גע־עפנט ס׳מויל. ווען יידל האָט געזען, אַז יענער וויל עפּעס פרעגן, איז ער אים פאַרלאָפן מיט אַ פראַגע:

— גראַזשדאַנין פּעטריכאָוו, ווייסט איר פאַר וואָס אַ לאָמער הינקט?

— ווייל איין פוס איז אים קירצער, ס׳פעלט אים גלייכגעוויכט.

— וואָט! וואָט! איך האָב לכתחילה געזאָגט מיינע חברים, אַז גראַזשדאַנין פּעטריכאָוו איז אַ בר־שכל.

נערעכנט האָט יידל, אַז דער קאָמפּלימענט וועט גורם זיין, פּעטריכאָוו זאָל זיי פאַרשלאָגן אַריינצוגיין אין צווייטן צימער ביז ס׳וועט קומען אַן עלטסטער. אַרויסגעקומען איז גראָד דאָס פאַר־קערטע: פּעטריכאָוו האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע און געפרעגט:

— וואָס ווילט איר דאָ? נאָך וואָס זענט איר געקומען?

האָט יידל אָנגעטרעטן אַלעקן אויפן פוס, ער זאָל אונטערקו־מען מיט רייד. אַלעק האָט עס נישט געטאָן, אָבער יידל האָט זיך נישט פאַרלוירן. נישט דערשראָקן פאַר פּעטריכאָווס ערנסטן טאָן, האָט ער ממשיך געווען:

— זעט איר, גראַזשדאַנין פּעטריכאָוו, אָט אויף דער פראַגע האָב איך געוואַרט. ערגוואַרט! דער גראַזשדאַנין פּעטריכאָוו טוט אַלץ אויסגערעכנט פּאָ זאַקאָנו. איך בין זיכער, אַז גראַזשדאַנין פּעטריכאָוו וועט גוט פאַרשטיין, וואָס כ׳וועל זאָגן: מיר זענען נישט אין אונדזער היים, פעלט אונדז די גלייכגעוויכט, ווי דעם לאָמען מיטן קורצן פוס. מיר זענען היינט אָנגעקומען אַהער און מיר האָבן נישט ווו צו נעכטיקן. דעם פאַרט־וואָקזאַל האָט מען פאַרמאַכט. לאָזט אונדז איבערזיצן דאָרט אין דעם קליינעם צימער, נאָר ביז באַגינען.

— ניעט!

— איך וועט נישט זיין אומעטיק, אַז מיר וועלן אַוועקגיין, גראַזשדאַנין?

— אויף צו זיצן דאָרט, אין דעם קליינעם צימער, דאַרף מען אייך ברענגען אַרעסטירט, פאַרשטאַנען?

— דאָס מיין איך דאָך! אַרעסטירט אונדז, בלויז אויף דער נאַכט.

— אַרעסטירן אייך? פאַר וואָס?

— אָן אַ פאַרוואָס.

— ניעט! ניעט! און שוין זאָלט איר גיין פון דאַנען! שוין!

דאָס מאָל האָט יידל זיך דערשראָקן. ער רוקט זיך הינטער־ווײַלעכיג, זוכט אַלעקן, הענעכן.

גייט אַלעק צו צום דיזשורנע:

— גראַזשדאַנין פּעטריכאָוו, פּאַזשאַלויסטאַ! מיר וועלן גיין, אַז דו באַפעלסט, אָבער נעמט אָן, גראַזשדאַנין פּעטריכאָוו, ווען איר וואָלט געווען אויף אונדזער אָרט, ווּהין וואָלט איר געגאַנגען אין אַזאַ נאַכט, אַז אומעטום איז פאַרמאַכט?

פּעטריכאָוו האָט איינגעצויגן די ליפּן אין אַ שנאָבל און נאָך אַ רגע ישוב־הדעת גענטפערט:

— איך וואָלט זיך געזעצט אויפן גאַניק פון ווערביר־ביוראָ פאַר „ספלאַוו־אָטדיעל" און וואָלט געגעבן אַ באַוויז, אַז איך וואַרט אויף ווערבירן זיך צו אַרבעט, וויל זיין דער ערשטער אַריינצוקו־מען אין ביוראָ, כדי נישט צו פאַרלירן קיין אַרבעטסטאָג, וואָט!

— ס'איז אָן עסעדיקע קעלט אין דרויסן. דער ווינט רייסט אָפּ דעם קאָפּ! — האָט געזאָגט הענעך פּאַגעל און שווער אָפּגע־סאָפּעט.

— קעלט, ווינט, טשעפּוכאַ! אין ד ע ר צייט איז נאָך דאָ קיי־נער נישט געפרוירן געוואָרן. גייט! גייט!

*

דאָס הויז פון ווערביר־ביוראָ „ספלאַוו־אָטדיעל" איז אויף דער זעלבער גאַס, ווּ די ענקאַוועדע. דער גאַניק — ווי דער ענקאַוועדע־

גאַניק. אַפילו אַ געמויערטער פון ציגל, אָבער דער צפון־ווינט ווילדעוועט דאָרט.

זיצן זיי אין צוויי קרענצלעך, פּלייצע צו פּלייצע, קאָנען זיך נישט באַהאַלטן פאַרן ווינט. אין וואָס פאַרא פּאָזיציע זיי זאָלן זיך נישט זעצן, דערגרייכט זיי דער ווינט און שטעכט דאָס לייב, ווי מיט אַ קאַם פון נאָדלען.

— שוין נישט איין מאָל געהאַט אַזאַ נאַכט — זאָגט אַלעק אויף צו מוטיקן זיך, און אויך די חברים זאָלן זיך שטאַרקן — אויך דאָס וועלן מיר איבערקומען.

און ער דערמאָנט זיך :

— פערציק קילאָמעטער פון לאַגערפּונקט צו דער צענטראַלע, ביי נאַכט, אַזאַ פינצטערניש, ווי היינט, האָב איך זיך אויסגעצויגן אויפן מאָך אין אַ וואַלד. דער ווינט האָט געפייפט און געברומט. באַגינען האָב איך אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שניי. אויך אין דער צענטראַלע פון די לאַגערן האָט מען נישט געלאָזט נעכטיקן, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שקעלעט פון אַ בנין. דורך די לעכער האָט געבושעוועט דער ווינט. וויפל כ'בין נישט געשפּרונגען, געלאָפן, זענען די גלידער געוועזן איינגעפרוירן. אין אייקענאַ, דערוואַרטנדיק דעם דאַמפּער אָפּצופאָרן אַהער, איז ביי נאַכט אַראָפּ אַ שלאַקסרעגן, ווי פון אַ וואָלקנבראָך. דורכגעווייקט געוואָרן ביזן ביין. די מלבושים זענען געוואָרן שווערער ווי שטיינער.

— קעגן נאַטור־ווילדקייטן איז נישטאָ קיין גבור, — האָט העניעך פילאָזאָפירט.

— פאַר וואָס זאָגסטו דאָס נישט זיך ? — האָט יידל קנאַפּער געפרעגט.

— דו ווילסט זיך קריגן מיט מיר, יידל ? איך נישט ! פון דעם טאָג אָן ווען איך בין געוואָרן אַ ביעזשעניעץ, איז וויפל ס'זאָל מיר ווער נישט אַריינזאָגן, ס'זאָל אַפילו מיר פאַרגיין הינטער דער זיבעטער ריפּ, גיב איך אים רעכט.

— אָבער דו אַליין שיטסט זיך זאַלץ אויף דער מכה.

— אוי, טאַטע זיסער! ווען ס'זאָל זיך כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט אָפּשטעלן דער ווינט און לאָזן כאַפּן אַ דרימל! איך וויל אויסשרייען: שמע ישראל! אָבער וועט דאָס דען לייכטער מאַכן?

— דאָס גאַניקל קומט מיר אויס, ווי אַ גרוב — זאָגט פון צווייטן קרענצל גרינבערג.

— אַז מען שלאָפט, זעט מען דאָס נישט, — ענטפערט יידל.

— דו האַלטסט אין איין מאַכן אַנטדעקונגען, אָבער עמעצער פאַר דיר האָט עס שוין פּאַטענטירט — חוזקט הענעך.

— אוי, הענעכל קאָזאַצקע פּיאַה! איך זוך זיך לייכטער צו מאַכן, כאַפּ איך זיך אָן אין אַלץ.

— הערט שוין אויף מיטן אַריינזאָגן זיך — בעט זיך דער געוועזענער זייפנזידער גרינבערג. ער זופט מיט דער נאָז.

— רעביאַטאַ!* איך האָב אַנטדעקט גאַר וויכטיקס — רופט אוים יידל נאָך אַ פּויזע.

— וואָס אַנטדעקט, וואָס?

— אַז מען האַלט די הענט אויפן בויך ווערט וואַרעמער...

פלוצלונג נעמען קלאַפּן שווערע טריט אויפן טראָטואַר. מען הערט ווי ס'דערנענטערט זיך עמעצער. מען זעט נישט קיין גע־שטאַלט, נאָר ווען ער האָט זיך גוט דערנענטערט, האָט מען אים דערקענט — דער דיזשורנע פּעטריכאָוו. אָט איז ער שוין ביים גאַניק. ער קומט צו. טראָגט אַן עמער:

— גראַזשדאַניע! קיפּיאַטאָק,** פּאַזשאַלויסטאַ, זיך צו דער־וואַרעמען!

פּעטריכאָוו האָט אַוועקגעשטעלט דעם עמער און איז אַוועק.

דער הימל האָט אָנגעהויבן צו שאַריִען.

---

* חברה.

** קאָכיק וואַסער.

4

## קראַנקן־שוועסטער זאָיאַ

דאָס שפּיטאָל: פון אַ וווינונג געמאַכט אַ שפּיטאָל. ס׳צימער ווו אָלעק ליגט, האָט בלויז איין פענצטער. צוויי בעטן: איינס אין ווינקל ביים אַריינגאַנג, דאָס צווייטע בעט — רעכטס פון פענצטער־ווינקל. נישטאָ קיין ספּעציעלע אָפּטיילונגען, נישטאָ קיין פרייע בעטן. בלויז עטלעכע צימערן, אָבער אַלץ איז ווייס.

אָלעק ליגט אין בעטל ביים פענצטער־ווינקל. ער קאָן שוין אַרומגיין מיט דער הילף פון אַ קוליע, אָבער ער גייט נישט. זיינע אויסרעכענונגען: אַ ליידיק בעט וועט מען נישט לאָזן. איז אים געלונגען אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַ בעט — דאַרף ער עס אויסנוצן אויף ליגן.

נישט לייכט איז עס אָלעקן אָנגעקומען. דריי טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט הינטערן שפּיטאָל־פענצטער — צי איז שוין פריי אַ בעט? אַנומלט איז ער אַ האַלבן טאָג געזעסן אויפן בריקל פאַרן אַריינגאַנג, אָפּגעוואַרט די מינוט ווען דער אויסגעשריבענער, געזונט־געוואָרענער, וועט פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל.

ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז אין אַזאַ שווערן מצב. ערשט ווען דער דאָקטאָר אין דער קראַנקן־שטעלע האָט דערזען זיין פוס און זיך פאַרקרימט, איז אים איינגעפאַלן צו בעטן ער זאָל אים שיקן אין שפּיטאָל אַריין, דער דאָקטאָר האָט אָן שהיותן, אויפן אָרט אויסגעשריבן אַ קאָמאַנדיר־צעטל.

היינט איז ער שוין רויִקער. לויט ווי די קראַנקן־שוועסטער זאָגט היט אים צו, זעט ער, אַז זי וויל אים געזונט מאַכן.

שוין דאָס צווייטע מאָל ווי גרינבערג, דער געוועזענער זייפּנ־זידער, איז געקומען הינטערן פענצטער און געזיפצט:

— ווי קום איך אין דיין צושטאַנד! — רעדט ער מיט קנאה — כ'האָב שוין אָבער געפונען אַ שטעלע אין אַ בלעכער־קאָלעקטיוו. וועסט אַרויסקומען, וועלן מיר צוזאַמען גיין אַרבעטן — טרייסט ער אים.

אויך הענעך פאָגעל קומט אים מבקר־חולה זיין הינטערן פענצטער:

— מען שלאָגט מיר אָן צו ווערן אַ קוימען־קערער. מען צאָלט גוט! קום נאָר אַרויס, וועט מען אָנהייבן אַ לעבן, — זאָגט ער ערנסט, אָבער אָלעק דערקענט, אַז ער חוזקט.

פאַרן קראַנק ווערן איז אָלעק געגאַנגען מיט הענעכן זוכן אַר־בעט אין אַ תבואה־שייער, הינטער דער שטאָט. קילאָמעטערס געגאַנגען. דעם „זאַוו" נישט געטראָפן. אַ הונט איז זיי באַפאַלן. דער שומר האָט קוים איינגענומען דעם כלב. לויט די בגדים האָט מען דערקענט, אַז דער שומר איז נישט קיין קאָמי־מענטש — אַ געוועזענער לאַגערניק. וואָס מען האָט אים נישט געפרעגט, האָט ער זיך געבייזערט און געדרייט מיט דער נאָז, אָבער לסוף איז ער אַריין אין אַ שמועס:

— מען דאַרף דאָ אַרבעטער?

— ווען דאַרף מען נישט?

— וואָס איז דאָ צו טאָן?

— דרייען ס'ראָד ביי דער „סיעטשקאַרניע".

— וויפל איז דער לוין?

— מיין לוין, מיינסטו?

— זאָל זיין דיין לוין.

— נאָך וואָס דאַרפסטו וויסן?

— קומסטו, דיאַדושקאַ, אויס מיטן לוין?

— אַ לעבל ברויט קאָסט שוין 30 רובל.
— וואָס לייגסטו אין טעפּל אַריין?
— קיין „זשאַרקאָיע״ * מאַך איך נישט...

אויפן אַלטנס געמאַרשטשעטע פּנים האָבן זיך פאַרקלעמט אַלע ביטערקייטן. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך צערעדט. אָבער אַלעקן איז די אינפאָרמאַציע פון דעם שומר געגנוג געווען. ער האָט שוין נישט געוואַרט אויפן „זאַווס״ קומען.

*

דער קראַנקער אין צווייטן בעט האָט די לעצטע נאַכט אַן אויפהער גערעדט פון היץ. וואַסיל, רופט אים זאָיאַ, די קראַנקן־שוועסטער. זי ווייסט ווער ער איז. חוץ וואַסיל, רופט זי אים — פּאַצאַן".** ער האָט געדינט ווי אַ „וואָלניענאַיאָמניע סטרעלאָק" *** אין לאַגער. אַ בלאָנדער, אַ לענגלעך פּנים, וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן בלאַסער און בלאַסער. זאָיאַן האָט איר מומע דער־ציילט ווער ס'איז דער „פּאַצאַן". ער איז פון דער מומעס שטאָט. עס האַלט שמאָל מיטן „פּאַצאַן". זאָיאַ פאַרהוילט עס נישט פון אַלעקן. זי איז לייכט אויף צו שמועסן. האָט זי נאָר אַ ביסל פרייע צייט, זעצט זי זיך לעבן „פּאַצאַן" וואַסיל, ווישט אים דאָס פּנים, גלעט אים.

זאָיאַ, די קראַנקן־שוועסטער, איז נישט קיין שיינקייט. זי האָט קורצע פיס, אַ ברייט אונטער־חלק, קאַלמיקישע אויגן און געלע ציין. זי איז אַ גוטהאַרציקע און באַרעדעוודיקע. זי ווייסט: דעם „פּאַ־צאַנס" טאַטע איז געווען אַ „זאַוו־מאַג". די מאַמע — אַ טעלעפאַ־ניסטקע. חוץ דעם „פּאַצאַן" דאָ, געהאַט אַ צווילינג — צוויי מייד־

---

* געבראָטנס.

** יינגל.

*** פרייגעדונגענער וועכטער.

לעך. נאָך דעם מאַנס אַרעסט האָט מען די קינדער אַוועקגעגעבן אין אַ „דיעטדאָם”. דער „פּאַצאַן” איז אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע קינדער. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך דעם טאַטן זיינעם. אַ פאַר־חלומטער האָט ער איין מאָל גורם געווען אַ שריפה אין דער טעכ־נישער שול. על־פּי נס איז ער ניצול געוואָרן פון צעריבן ווערן דורך אַ וואַלץ־מאַשין. נישט געהאַט קיין חברים. נאָכן אָפּדינען אין דער רויטער אַרמיי, האָט ער זיך אָנגעדונגען אין דער ענקאַוועדע צו היטן פאַרמשפּטע אין „פּעראַוואַספּיטעלניע לאַגער”. זיין קעפּל האָט פאַרטראַכט אויף דעם וועג צו זיין נאָענט צום טאַטן, אָבער די ענקאַוועדע ווייסט, וואָס יעדער בירגער טראַכט און דערשנאַפּט זיינע כוונות, האָבן זיי אים צוגעטיילט צו אַ לאַגער פון אינוואַלידן, דווקא נישט ווו ער האָט געוואָלט.

— געקומען פון לאַגער? — פרעגט זאַיאַ אַלעקן.

— נאָך אַ יאָר צייט.

— ס׳איז דיר שלעכט געווען?

— פאַרשידן.

— אין אַלגעמיין איז נישט גוט?

— אין לאַגער איז מען דאָך נישט פריי.

— דערפאַר פאַרשיקט מען אַהין פאַרברעכער.

— בערך.

די קראַנקן־שוועסטער זאַיאַ האָט געוואָלט וויסן דעם אמת וועגן לאַגער. זי האָט דערפילט, אַז אַלעק מיידט אויס צו רעדן קלאָר, איז זי גאָר פאַראינטריגירט געוואָרן און געפּרוווט מיטן טאָן פון אַ געניטער אויספאַרשערין:

— דו האָסט נישט שווער געאַרבעט?

— נישט אַלע מאָל.

— מען שלאָגט נישט?

— מיך האָט מען נישט געשלאָגן.

— טאָ פאַר וואָס וויל מען נישט פאָרן אַהין אַרבעטן?

— ווער, מיינט די קראַנקן־שוועסטער, זאָל פאָרן?

— ווער? אַרבעטער!

— איך ווייס נישט.

— ביסט געווען און ווייסט נישט?

זאָיאַ האָט געמוזט איבעררייסן דעם שמועס. מען האָט זי גע־רופן פון אַ צווייטן צימער.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַלעק, פאַר וואָס זאָיאַ האָט זיך גענומען אויספרעגן איינצלהייטן וועגן לאַגער. איינעם אַזאַ פאַל האָט ער שוין דאָ געהאַט — די קעלנערקע סטעפאַנאָווגאַ „צי זענען זיי נישט אַנגעשטעלט דערצו״?

*

ווידער איז זאָיאַ דאָ לעבן וואַסילן. ער רופט נישט. זי קומט אַליין, ווישט אים דעם שווייס פון פּנים. ווידער שטעלט זי זיך לעבן אַלעקן. זי האָט נישט פאַרגעסן ווו זי האָט איבערגעריסן דעם שמועס:

— ביסט געווען דאָרט, און דו ווייסט אַזוי ווייניק! דורך אַ יאָר צייט האָסטו נישט באַוויזן צו באַקענען זיך מיט אַלץ. זענען דען דאָרט דאָ געהיימענישן?

— וואַסיל ווייסט מער. ער, אַ סטרעלאָק, שטייט אויף דער „ווישקע״ און זעט אַלץ.

— שוין אַ וואָך ווי ער ליגט פאַרשמאַכט. און ווען ער איז געווען וואַך, האָט ער אויך בלויז געפּלאַפּלט און גאָרנישט געזאָגט.

— ער וועט געזונט ווערן, וועט ער פאַר דיר, שוועסטער, גאָר־נישט פאַרהוילן.

— האָספּאַדי מילי!* ער זאָל טאַקע געזונט ווערן, מיין יינגל. די דאָקטאָרין וויל אים ראַטעווען, און ער וועט מוזן שטאַרבן. עס איז נישטאָ קיין רפואות. מלחמה, מען ברענגט נישט קיין רפואות.

* גאָט ליבער.

אַ שאָד, אַ שאָד, אַ שיינער „פּאַצאַן״! איך וואָלט חתונה געהאַט מיט אים, וואָלט אים אויסגעלערנט לעבן און אַרויסגעקלאַפּט די מאַנקאָליע פון קאָפּ, צו זוכן דעם טאַטן. וואָס איז ער שולדיק דעם טאַטן? דער טאַטע האָט הנאה געהאַט פון שלאָפן מיט דער מאַמען, ווער ווייסט, צי ער האָט געוואָלט, אַז ס'יינגל זאָל געבוירן ווערן? אַ טאַטע, וואָס איז אין לאַגער, דאַרף פאַרגעסן ווערן, אָבי־זאַטעלנאַ* פאַרגעסן ווערן!

— דיין טאַטע, שוועסטער זאָיאַ, איז אויף דער פריי?

— איך האָב אים אין גאַנצן נישט געקענט. די מאַמע זאָגט, אַז ער איז בלויז עטלעכע נעכט געשלאָפן מיט איר. אַוועק קעמפן קעגן די ווייסגוואַרדייצעס און נישט צוריקגעקומען.

— און דו, שוועסטער זאָיאַ, בענקסט נישט נאָך אַ טאַטן?

— צו וואָס?

— צו זיין גלייך מיט אַנדערע קינדער.

זאָיאַ האָט נישט געענטפערט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. עט־לעכע טריט זיך געררוקט הינטערוויילעכץ, האַסטיק זיך אויסגעדרייט און שנעל אַרוים פון צימער.

ווייזט אויס, ער האָט אָנגערירט אַ דינע סטרונע. אַלעק מאַכט זיך פאַרוואָרפן דערפאַר: ער שטעלט איין זיין געזונט ווערן. מיט וואָס זאָל ער זי איבערבעטן?

אַריינקומענדיק צום „אוזשין״ איז זאָיאַ גלייך צו צו וואַסילס בעט, אָן אַ בליק צו טאָן אויף אַלעקן.

— שוועסטער זאָיאַ, ביסט ברוגז אויף מיר?

— יאָ.

— האָב איך דיר שלעכטס געטאָן?

— דו ביסט צו קלוג. דו האָסט נישט געדאַרפט אָנגענומען צו ווערן דאָ. איך ווייס נישט, וואָס די דאָקטאָרין האָט געזען אין דיר, אין דיין קרענק? זי האָט דיך אָנגענומען נאָר דערפאַר, ווייל זי

---

* אומבאַדינגט.

וויל, אַז עמעצער זאָל דאָך אַרויסגיין אַ געזונטער פון דעם שפּיטאָל. ס׳רוב פּירט מען פון דאַנען אַרוים אויף אייביק... ס׳זענען נישטאָ קיין רפואות. דיך צו היילן דאַרף מען נישט קיין מעדיקאַמענטן.

— איצט זע איך, שוועסטער זאָיאַ, ווי גוטהאַרציק דו ביסט. שוין דערמיט, וואָס דו האָסט איינגעזען, אַז מען דאַרף מיך נישט אָננעמען צו היילן און דו האָסט נישט געשטערט יאָ אָנצונעמען. איך האָב מזל צו דיר, שוועסטער זאָיאַ, גרוים מזל!

זאָיאַ גיט אַ פאַרמאַך אַן אויג, ווי זי וואָלט זאָגן, אַז זי פאַרשטייט זיך דערויף. זי לאָזט זיך אָבער נישט איבערבעטן.

*

אָוונט. עס ברענט בלויז דאָס לעמפּל איבער אַלעקס בעט. ער האָט זיך נאָר וואָס איבערגעוועקט פון אַ שווערן דרימל. אויפן נאַכטשענקעלע — אַ שעלעכל טיי, אַ בייטעלע מיט רפואות. קאָנטיק, די דאָקטאָרין איז געווען. מען האָט אים נישט איבערגעוועקט צו איר באַזוך — אַזאַ פאַל איז נאָך נישט געווען. ער זעט נישט די קוליע לעבן זיין בעט, איז ער חושד, אַז די שוועסטער זאָיאַ האָט עס געטאָן. זי נעמט נקמה אין אים; אָן דער קוליע קאָן ער נישט גיין.

איבער וואָסילס בעט ברענט נישט דאָס לעמפּל. שטיל איז אין צימער. אַלעק ליגט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, הערט זיך איין אין יעדן שאָרך. טריט אין דערבייַיקן צימער, טריט אין קאָרידאָר. ס׳איז נישט זאָיאַ. עטלעכע מענטשן, צוויי, אפשר דריי. ער הערט נישט וואָסילן. ער הערט נישט זיין אָטעמען. זאָל זיין, אַז?... די טיי פאַרזוכט ער נישט. עס שווידערט אים. ער דעקט זיך גוט צו מיט דער דעק. ער הילט זיך איין, ציט אַריבער דעם קאָץ איבערן קאָפּ. ער וויל ווידער שלאָפן.

איבערגעשלאָפן די נאַכט מיט אַ האַרטן שלאָף. זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין גרויסער טאָג געווען. דאָס שעלעכל טיי איז מער

נישט געווען אויפן שענקל. אויף דעם אָרט — אַ שעלעכל מילך. ער רירט אָן דאָס שעלעכל. ס'איז נאָך וואַרעם. זאַיאַ איז שוין דאָ. ער הערט איר שטימע. ער וויל אַראָפּגיין צו איר, זוכט די קוליע — נישטאָ. זאָל זיין, אַז זאַיאַ האָט עס געטאָן מיט כוונה?

אָלעק באַשליסט צו רעדן מיט דער דאָקטאָרין. מיט אַ מאָל איז זאַיאַ אַריינגעקומען, זיך געזעצט לעבן זיין בעט:

— דו ביסט האַרט געשלאָפן, און דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן גאָטס משפט: וואַסיל, מיין יינגל, איז איינגעשלאָפן אויף אייביק... מינוטן בלויז געפּלאַפּלט. עפּעס ווי געזען דעם טאַטן... ער האָט אַ הערש געטאָן, ווי אין פרייד, און „קאַניעץ"... אַנטשלאָפן...

— ס'טוט וויי, שוועסטער זאַיאַ, כ'פאַרשטיי, שוועסטער זאַיאַ.

מיטביידע הענט האָט זאַיאַ זיך אַ וויש געטאָן ס'פּנים, זיך אויפגעשטעלט, אַ סמאָטשקע געטאָן:

— וואָס געווען און נישטאָ, קומט שוין נישט אין באַטראַכט. היינט זענען אָנגעקומען פרישע מאַשטשן. די דאָקטאָרין האָט דיר פאַרשריבן איינס פון די שמירעכצן. כ'וועל קומען איבערבינדן דיר דעם פוס. די דאָקטאָרין וויל זאָלסט געזונט ווערן. דו ביסט היינט מיין איינציקער. דאגה נישט, כ'וועל מיט דיר חתונה האָבן — און זי האָט אַפּערגעשאַרט די קוליע פון הינטערן בעט, ווו זי האָט זי געהאַט פאַררוקט.

5

## דאָקטאָרין שוראַ

הויך און שלאַנק איז די דאָקטאָרין שוראַ. איר גוף — אויס־געטאָקט, אַ זעלטנהייט ביי רוסישע פרויען. זי האָט ווייכע, גלאַ־טיקע הענט, לאַנגע פינגער, די הויט ווייס און קלאָר, ווי מילך, אַ מאַטע הויט. אַ בלאָנדע איז זי. די האָר אָפּגעלייגט אין קאָרבן — קליינע און גרעסערע; אַ לאַנגער האַלדז און די ווייסקייט פון דער הויט אין פון אַ ווייבלעכן ברי. עפּעס אַ רויע מאַטקייט אָטעמט פון איר פּנים.

צוויי מאָל אין טאָג קומט די דאָקטאָרין שוראַ באַזוכן די קראַנ־קע אין שפּיטאָל. באַלד אין ערשטן טאָג, ווי אָלעק איז אַרויף אויפן בעטל, האָט די דאָקטאָרין פעסטגעשטעלט, אַז דער רויטער פלאַם אויפן פּוס איז נישט אַזוי שרעקלעך. פון דעסטוועגן האָט זי עפּעס מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט זיך פאַרנומען מיט אים, ווי זיין געזונט ווערן זאָל זיין פאַר איר אַ פּערזענלעכע סאַטיספאַקציע. די קראַנקייט זיינע איז אַ זעלטנקייט אין די היגע באַדינגונגען. אַז ער וועט געזונט ווערן, וועט זי האָבן מיט וואָס זיך צו באַרימען. זי האָט אין אַלגעמיין געטרויט דער שוועסטער זאָיאַ, דאָך, בנוגע אָלעקן, איז זי פאַרן אַוועקגיין פון שפּיטאָל אַריינגעקומען זען צי זאָיאַ האָט געטאָן לויט די אָנווייזונגען.

די ערשטע צייט האָט אָלעקן געשראָקן די גרויסע זאָרג פון דער דאָקטאָרין. ער האָט אָנגענומען, אַז ער מוז זיין מסוכן קראַנק:

דער ערשטער חולה, וועמען זי באַזוכט בײדע מאָל ווען זי קומט אין שפּיטאָל.

און נאָך עפּעס: פאַר וואָס רופט אים די דאָקטאָרין מיט עפּעס אַ פרעמדן נאָמען — טאַדעוש? יעדעס מאָל בעת די באַזוכן פרעגט זי:

— האָסט אַפּעטיט, טאַדעוש?

— ווי איז דײַן זעלבסטגעפיל, טאַדעוש?

קאָן דען זײַן, זי זאָל נישט וויסן זײַן נאָמען? אויפן בעט-טאָוול איז אָנגעשריבן. נישט אַנדערש — זי האָט עפּעס אַ כוונה. ער זעט עס באַשײַנפּערלעך. בעת זי רעדט אַרום דעם נאָמען טאַדעוש, פאַרציט זיך אויף אירע ליפּן אַ ברייטער שמייכל, אירע בלאָע אויגן שײַנען מיט אַ גלאַנץ פון צו להכעים. נישט אַנדערש — דער נאָמען רופט אַרויס ביי איר אַן אַסאָציאַציע. איר שטים ענדערט זיך דאַן. עפּעס בלעזלט זיך אַ ווידערקול, ווי ס׳וואָלט זיך איר קײַקלען אין האַלדז.

יעדעס מאָל נעמט ער זיך אָן מיט מוט זי צו פרעגן וועגן דעם, אָבער עס קומט נישט דערצו. קוקנדיק אויף איר ווײַסן האַלדז, פאַרלירט ער זיך.

*

אַ נײַער קראַנקער אויפן בעטל פון וואַסיל, דעם „פּאַצאַן". אַן עלטערער מענטש. דער האַלבער גוף — אַנגעלענט אויף הויכע קישנס, ווי ער וואָלט זיצן. ער טאָר נישט ליגן. ער איז פאַרשמאַכט, ווי אין אַ הינערפּלעט. זײַן געמאַרשטשעט פּנים — געלבלעך, ווי וואַקס; אַ גלאַטער קאָפּ; די הינטערשטע העלפט קאָפּשיידל שטאַרט אים אַרויס שפּיציק. דאָס פּנים זײַנס איז עפּעס קענטלעך אַלעקן — שוין געזען, און טאַקע נישט לאַנג צוריק. דער עיקר קענטלעך איז די נאָז. זי איז אין דער העלפט ווי געבראָכן. יאָ, דאָס איז דאָך דער שומר פון שײַער, וווּ ער, אַלעק און הענעך, האָבן געוואָלט אַרבעטן.

זאָיאַ קומט אָפּט צו צום אַלטיטשקן. זי ווישט אים דעם שוויים פון שטערן:

— די דאָקטאָרין זאָגט, אַז ער האָט אַ געזונט האַרץ. ער וועט גובר זיין — זאָגט זי אַלעקן לשם אינפאָרמאַציע.

— שוועסטער זאָיאַ, וואָס ווייסטו וועגן דעם אַלטיטשקן?

— איך קען אים נישט. ער איז אַן איינזאַמער, אַ „לאַגערראָב״. די „לאַגערראָבס״ זענען עקשנים, שווייגן, ווי זיי וואָלטן פאַרגעסן ס׳לשון. אָבער, אַז איך זעץ זיך צו לעבן אַזאַ איינעם, גלעט אים ס׳פּנים, לאָך צו אים, דערלאַנג אים אַ טרונק, בפרט, אַז איך זאָג אים צו, כ׳וועל חתונה האָבן מיט אים, — צערעדט ער זיך. נאָר דו זאָגסט נישט גאָרנישט. דו האָסט מיך נישט ליב, אַז דו האַלטסט זיך מיט סודות. כ׳האָב דיר צוגעזאָגט חתונה צו האָבן, און דו ביסט אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. נאָר זאָל זיין ווי דו ווילסט. פון מיין צוזאָג צי איך זיך נישט צוריק.

— שוועסטער זאָיאַ, איך וויל רעדן מיט דער דאָקטאָרין שורא.

— קאָנסט עס זאָגן מיר.

— פריִער דער דאָקטאָרין.

דער אַלטיטשקער האָט זיך איבערגעוועקט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געוווּנדערט, אָבער באַלד באַנומען ווו ער געפינט זיך, האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די ליפּן פון צופרידנקייט.

אַלעק דערמאָנט אים זייער צוזאַמענטרעף.

דער אַלטיטשקער איז צופרידן, וואָס ער געדענקט אים:

— מיט אַ היימישן איז פריילעכער — זאָגט ער. ער וויל דערביי שמייכלען, און די צעבראָכענע נאָז זיינע פּלאַטשט זיך מער איין.

ער הייסט זיך רופן פּאַפּאָו. „טאָווארישטש״, נישט „גראַזש־דאַנין״.

— די אַלע צונעמען וואַרעמען מיך נישט — זאָגט ער אונטערהוסטנדיק.

פאַר וואָס איז ער דאָ? — ער האָט זיך נישט געלאָזט „ראַזקו־

לאַטשען״, נישט געוואָלט אַראָפּ פון זיין פעלד, נישט צושטיין צו אַ קאָלכאָז, איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. ער איז שוין דאַן געווען נישט קיין יונגער. צוויי טעכטער און אַ זון אויסגעגעבן. אין די קאַטאָרגע-יאָרן געאַרבעט ביי „פּאָוואַל״ אין וואַלד, שפּעטער — אין אַ נאַפט-ראַפינעריע. ער האָט זיך נישט געמישט אין קיין שמועס, געגאַנגען אין שפּאַן און דער זכות איז אים בייגעשטאַנען. מען האָט אים נישט געוואָרפן פון איין לאַגער אין אַ צווייטן. ער האָט ערלעך געאַרבעט. אָפט פריייוויליק זיך געמאָלדן צו אַרבעטן אין די חגאות. האָט ער איבערגעלעבט, אויסגעהאַלטן דעם „סראָק״. היינט דערמאָנט ער מיט הרטה, פאַר וואָס ער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דער קאָלעקטיוויזאַציע:

— אַ „דוראַק״* געווען. נו. דער שכל איז תמיד אַ קריכער...

בעתן באַפרייען פון לאַגער, איז אים אָנגעוויזן געוואָרן אַט דער מקום — סיקטיווקאַר. ער איז שוין געווען געהאַרכזאַם, אַ דיסציפּלינירטער בירגער, און ער איז אַוועק אַהער. 20 יאָר איז אַ וועלט מיט יאָרן. צוריקקומען אַהיים — אין וועלכער היים? איז ער דען אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך? ער זעט אין זיך אַ שד... און פאַר וואָס פאַרשאַפן חרפה קינדער? זיי אַליין האָבן שוין קינדער... געווען אַ „דוראַק״, דאַרף ער טראָגן דעם שפּאַן ביזן סוף פון די יאָרן.

אין מיטן רעדן איז דער אַלטיטשקער אַנטשלאָפן געוואָרן. אַז ער האָט זיך איבערגעוועקט, האָט ער דאָך געדענקט, וואָס ער האָט גערעדט. ער בעט אָלעקן זיך צוצוהערן. ער האָט אַ ווונטש:

— כאָטש נאָך איין מאָל קאָנען אַרויסגיין אויפן פעלד, אַ פול אויפגעגאַנגען תבואה-פעלד, אַריינכעמען אין דער פויסט עטלעכע זאַנגען, פולע זאַנגען, זיי צערייבן אויף דער האַנט-פלאַך און אָפּשאָצן די גערעטעניש — וויפל פודן ס׳וועט זיין איינצושייערן פון

* שוטה.

אַ העקטאַר. אָט אַזוי, בלויז נאָך איין מאָל. זאָל זיין אפילו דאָס לעצטע מאָל.

*

זאַיאַ האָט צוגעהאָלפן אָלעקן אַריינצוגיין אין קאַבינעט פון דער דאָקטאָרין. זי האָט עס געטאָן נאָך פאַרן אָנקומען פון דער דאָקטאָרין, נישט ווי אָלעק האָט געבעטן — פאַרן אַוועקגיין, ווען זי וועט שוין האָבן באַזוכט אַלע קראַנקע.

— די צייט פון אַוועקגיין ווייסט מען קיין מאָל נישט ווען דאָס קאָן אַרויסקומען — דערקלערט אים זאַיאַ.

דער קאַבינעט פון דער דאָקטאָרין איז אַ קליין, פּירקאַנטיק צימערל. איין לאַנג פענצטער, געגלאַזט מיט אַ מאַטער שויב, אַ טישל, בלויז איין שטול, געבעטן מיט אַ ברוין לעדער־איבערצוג — די שטול פאַר דער דאָקטאָרין.

אָלעק זיצט אויפן טאַבורעט אָן אָן אָנלען. די קאַבינעט־ווענט — ליידיק. נישטאָ אויף וואָס צו קוקן, שפּילט ער זיך מיט זיינע פינגער, ווי אַ קינד. אין געדאַנק האָט ער זיך שוין עטלעכע מאָל איבערגעלייגט פון וואָס אָנצוהייבן דעם שמועס, און זיך האַלטן, ווי זאַיאַ האָט אים אָנגעזאָגט: נישט פאָדערן, רעדן וואָס שטילער.

די דאָקטאָרין שוראַ האָט ברייט געעפנט די קאַבינעט־טיר. זי האָט דערזען אָלעקן, איז זי אַ דערשטוינטע שטיין געבליבן. דאָך איז זי אַריין אין קאַבינעט און אפילו פאַרמאַכט די טיר.

— וואָס טוסטו דאָ?

אָלעק האָט געוואָלט זיך אויפשטעלן, אָבער נישט בכוח גע־ווען. ער אַנטשולדיקט זיך צען מאָל. אויב ס'איז נישט די צייט, און די דאָקטאָרין האַלט עס פאַר אַ חוצפּה, וועט ער גלייך נעלם ווערן.

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט — חזרט ער איבער עטלעכע מאָל. ער פילט שוין, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן אונטער איר בליק. ער כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט אין טיש, שטרענגט אָן אַלע כוחות צו שטיין אויפן געזונטן פוס.

די דאָקטאָרין שוראַ שווייגט עקשנותדיק. ער דערקענט,

אַלעק, אַז איר פּאַרדרוס איז גרויס. ער כאַפּט אָן די טיר־קליאַמקע. זי זעט, ס'איז אים שווער. מוטיקט זי אים אַ ריס צו טאָן די טיר, זי גייט צו, ער זאָל זיך אָנלענען אין איר אַקסל. שפּעטער האָט זי אים צוגעשטעלט צו דער קאָרידאָר־וואַנט: זאָל ער וואַרטן ביז די שוועסטער זאָיאַ וועט קומען אים נעמען.

זי איז אָבער נישט באַלד אַריין אין קאַבינעט. אַ רגע האָט זי אים ווידער אָנגעקוקט און דאָס מאָל געלאָסן געזאָגט:

— וואַרט, טאַדעוש, כ'וועל נעמען אויף זיך דעם כאַלאַט, וועל איך דיך אַריינרופן.

זאָיאַ איז געקומען אויף דער דאָקטאָרינס רוף. אויך זי האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי האָט נישט פריִער פאַרזאָגט דעם באַזוך פון קראַנקן. די טיר איז געווען אָפן, האָט אַלעק געהערט די דאָקטאָרין:

— זאָל ער אַריין.

— וואָס איז געשען? פאַר וואָס האָסטו נישט געוואַרט אויף מיין באַזוך? — פרעגט די דאָקטאָרין און הייסט אים זיך זעצן.

דאָס איינקוקן זיך אין איר שיינעם האַלדז צעמישט אים.

— וואָס באַאומרויִקט דיך? רעד!

— איז אמת, אַז ס'איז שוין באַשטימט די צייט מיך אויסצושרייבן פון שפּיטאָל, ווי די שוועסטער זאָיאַ זאָגט? כ'האָב נישט וווּהין צו גיין. אַז כ'וועל פון דאַנען אַרויסגיין, מוז איך ווידער אָנהייבן מיין נע־ונד, אין אַזאַ צושטאַנד...

— אמת. ס'איז דיר שוין אַ סך בעסער. אונדזער שפּיטאָל איז קליין. קראַנקע, וואָס דאַרפן דאָס שפּיטאָל, זענען דאָ אַ סך. יעדער קראַנקער דאַרף הילף. אונדזער אויפגאַבע איז צו העלפן ווי ס'איז נאָר מעגלעך צו באַפרייען אַ בעט. אַזוי איז געווען מיט דעם קראַנקן, וועמענס בעט דו האָסט פאַרנומען. אַז נישט, וואָלסטו נאָך היינט געשטאַנען אין דרויסן, טאַדעוש!

— אַ היגער מענטש האָט זיין היים.

— דאָס שפּיטאָל איז נישט קיין אַנשטאַלט פאַר היימלאָזע.

דו קומסט צו די כוחות. דאָס שפּיטאָל-בעט איז פאַר אַ קראַנקן אָן כוחות. אַ געזונטער מענטש געפינט זיך זיין היים אומעטום: אויף אַ שטעלע, אַ סטאַנציע אין וועג. נישט אַזוי, טאַדעוש?

— דאָקטאָרין, מיין נאָמען איז נישט טאַדעוש.

— יעדער פּאָליאַק איז ביי מיר אַ טאַדעוש.

— פאַר וואָס נישט יוזעף?

זי האָט באַקוועם זיך אָנגעלענט אין שטול-ווענטל:

— פאַר וואָס נישט יוזעף, נאָר טאַדעוש, פרעגסטו?

— כ'מיין, צי ס'איז נישט עפּעס קיין טעות...

די דאָקטאָרין הייבט אויף דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך איינגעקוקט אין עפּעס אויף דער וואַנט. נאָך אַ לייכטער באַוועגונג זאָגט זי:

— מיין מאַן שטאַמט פון פּוילן. מיין ברודער איז אין 1920 צוריקגעקומען פון פראָנט מיט אַ פרוי און קינד, האָט זי עם גערופן טאַדעוש. איז ביי מיר יעדער פּאָליאַק אַ טאַדעוש. פאַרדריסט דאָס דיך? טאַדעוש איז היינט אַ קאַפּיטאַן...

— איך בין נישט קיין פּאָליאַק, דאָקטאָרין.

— כ'ווייס, אַ ייד. מיין מאַן איז אויך אַ ייד.

דאָקטאָרין שורא קוקט אויפן זייגער, באַוועגט די פינגער, ווי זי וואָלט זאָגן: נאָך צייט. איז אַלעק ווייטער געזעסן. ער האָט שוין אַפילו געוואַגט צו פרעגן וועגן איר מאַן, דעם ייד פון פּוילן. זי האָט גערן דערציילט. ער האָט דערקענט, אַז ס'איז איר ליב; איר מאַן איז אַן אינזשעניר. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה מיט פינלאַנד איז ער פרייוויליק אַוועק אין דער אַרמיי. דער עלטערער זון זייערער איז מאָביליזירט געוואָרן. דעם ייַנגערן האָט דער מאַן געשיקט, ער זאָל זיך אַליין שטעלן. איר האָט ער אָנגעזאָגט זי זאָל פאָרן אַהין, ווו די דאָקטוירים-מענער זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. איר היים איז ווייט פון דאַנען. זי איז דאָ אויף דערוויל, די איינציקע. די שטאָט האָט אַ סך קראַנקע. אין די שטודיר-יאָרן האָט זי געהאַט חברטעס יידישע מיידלעך. איר

איז גוט געווען מיט זיי... זי וועט זען, אַז ער, אַלעק, זאָל שנעל געזונט ווערן. מען וואַרט אויפן בעט.

ווידער אַ מאָל העלפט אים די דאָקטאָרין אַרויסגיין פון קאַבי־נעט. זי שמייכלט און זאָגט:

— זיי גוט צו זאָיאַ. זי וועט דיך מוטיקן, אַז זי וועט מיט דיר חתונה האָבן, טאַדעוש...

## 6

# דיכטער פטאַשעק

בערך אַכט קילאָמעטער הינטער דער שטאָט סיקטיווקאַר איז דער צענטראַלער אַרבעטס-פּונקט פון דער ווערביר-ביוראָ פאַר „ספּלאַוו״. מ׳דאַרף גיין לענג-אוים דעם טײַך, דורך אַ שטח אויסגעהאַקטן וואַלד. עס שטאַרן די ביימער־שטאַמען, ווי אַ פעלד פול מיט איבערגעקערטע בלומענטעפּ. די פּוסטקייט פון דעם אַרום פאַרגרעסערט דעם מהלך און ס׳איז אומהיימלעך. ס׳איז רעכט, אַז ס׳זאָלן אַרויסשפּרינגען פון ערגעץ ווו חיות, וואָס בלאָנקען אין די טייגעס און טונדרעס.

אויף אַ פעלד, נאָענט פון דעם טײַך-ברעג, שטייען עטלעכע הילצערנע באַראַקן, אָפן פאַר אַלע ווינטן. דער אויסזען פון די באַראַקן — ווי די אין לאַגער לעבן שוואַרצן טייכל, פון וואַנען ער, אַלעק, איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געקומען אַן אַמנעסטירטער. אין די באַראַקן — אַ נאַרע איבער אַ נאַרע. די ברעטער — אָן געבעטעכץ. די באַראַק-ווענט זענען גרוי און בלוי, די בעלקעס זענען פאַרצויגן מיט אַ שימל און ס׳קריכט אַפער דער מאָך.

די אַרבעטער צו „ספּלאַוו״ — דאָס מאָל אחינו בני ישראל, אַמנעסטירטע — דאַרפן אײַנגעגלידערט ווערן אין רעגימענט פון דער אָקערשט ניי-אָרגאַניזירטער פּוילישער אַרמיי, אָבער די פּוילישע אַרמיי פאַרמירט זיך דערווייל אָן זיי.

טאָג-טעגלעך קומען פרישע אַמנעסטירטע, פון קיינעם נישט געשיקט, קומען פליטים. ס׳איז דאָס לעצטע רעטונגס-ברעט. די

„ספלאַוו"-אַרבעט אונטערשיידט זיך גאָרנישט פון די אַרבעטן אין די קאַטאָרגע-לאַגערן. אויך דאָ קאָנצענטרירט זיך אַלץ אַרום דעם געהילץ: טראַכטן, ווי אַזוי נישט געניזוקט צו ווערן ביים בינדן די טראַטוועס; פאַרזיכטיק זיין, נישט צו פאַרפּלאָנטערן זיך צווישן די שווימענדיקע קלעצער; האַלטן דעם „באַגאָר" נישט איבער-צוקערן זיך אין וואַסער אריין.

נישטאָ קיין אויסוואַל. „אַלע מוזן אַרבעטן".

שוין עטלעכע וואָכן איז די ספלאַוו-אַרבעט אין פולן ברען.

די פאַיקע ברויט איז דאָ גרעסער ווי אויף די קאַרטן אין שטאָט. ווען זיי קומען צוריק פון דער אַרבעט, פאַלן זיי אַוועק אויף די ברעטער, ווי פליגן צו אַ קלעפּפּאַפּיר. זיי זענען נאָך אַלץ נישט איינגעסדרט אין די באַראַקן. זייערע רוקזעק זענען צעוואָרפן און צעשפּרייט. אַ כאַאָס ווי אויף אַ וואָקזאַל.

ווען אַלעק איז אָנגעקומען האָט פּונקט דער „לאַראַק"* אַרויס-געגעבן ברויט אויף די קאַרטן. צענדליקער „ספלאַוויקעס" זענען געקומען, אָבער נישט מען שטופּט זיך, נישט מען רייסט זיך. יעדער איז געזיכערט מיט זיין פּאָרציע. בלויז די גריים פון דער פּאָרציע קאָן אַרויסרופן פּאַרדרוס. איינער מעסט זיין פּאָרציע מיט דער פּאָרציע, וואָס איז צוגעפאַלן אַ צווייטן.

אין דער סטאָלאָווע — טישלעך מיט מאַרמאָר-פּלאַטן. די קאַשע איז צוגעפּרעגלט, אַ באַטעמטע, נאָר ביז מען באַקומט די קאַשע! דאָ האָט קיינער נישט צו זאָגן, אויסער דעם קוכער. און ער איילט זיך נישט. זיינע געסט וועלן נישט אַנטלויפן, און אויב דאָס גע-קעכץ וועט זיך איבערשטיין, וועט אויך קיינער דאָס נישט צוריק-וואַרפן.

יידל קנאַפּער איז מרה-שחורהדיק. ס'איז אים דערעסן די אַרבעט מיטן „באַגאַר". אַ גאַנצן טאָג — קוקן אויף די קלעצער אין וואַסער. אים האָט געקאָנט גוט זיין, ווען ער וואָלט געקאָנט

* קיאָסק.

אַריינשטעלן אַ דנאָ אין אַן עמער. ער האָט פאַרן גיין אַהער צו דער „ספּלאַוו"-אַרבעט, זיך איינגעבעטן צו אַרבעטן אין אַ בלעכער־קאָלעקטיוו. קלאַפּן מיטן האַמער האָט ער געקלאַפּט, נאָר מ׳האָט אים געגעבן אַריינצופּאַסן אַ דנאָ אין אַן עמער, האָט ער נישט גע־קאָנט. ס׳יינגוואַרג דאָרט האָט אים געראָטן צו ווערן אַ פאַבריק־מאַכער — זיך לערנען שערן אויף פּרעמדע בערד.

*

דער באַראַק צוויי איז קלענער ווי דער באַראַק דריי. ער האָט אין איין וואַנט צוויי פענצטער. די וואַנט איז פריי פון נאַרעס. מ׳האָט געפּרוּווט דאָרט אויסקאַלכן די ווענט. דער שימל איז אָבער אַזוי איינגעגעסן אין די בעלקעס, אַז קיין פאַרב קאָן זיי נישט דעקן.

געוועזן אַ פּלאַן צו מאַכן באַזונדערע קאָיקעס. געבליבן איז — אָפּטיילן מיט אַ ברעטל יעדע עטלעכע צענדליק צענטימעטער, כדי איינער זאָל נישט פאַרוואַרפן זיינע פיס אויפן צווייטן.

די „ספּלאַוו"-אַרבעט פירט זיך אויך ביי נאַכט. אָלעק וויל נישט די נאַכט-אַרבעט, ליגט ער אויף דער פּריטשע, קוקט אין דער לבנה, וואָס די פאַרשטויבטע פענצטער פאַרחושכן איר פּנים. ער איז אָנגעברוגזט אויף די אָפּט אָנלויפנדיקע וואָלקנס. ער טראַכט אויפן קול, רעדט זיך איבער מיט זיך: אוים לאַגערניק, וויל ער, עסט ער, וויל ער נישט — איז נישט. אין שפּיטאָל זייענדיק האָט ער זיך אָנגענומען אַ זאַפּאַס זאַטקייט. איצט האָט זיך ווידער אָנ־געהויבן אַ לעבן אין דער פּרעמד. מען דאַרף רייסן די קאַלענדאַר־בלעטלעך, אַפילו איבערהיפּערן זיי און שאַפן זיך אילוזיעס פון צייטלויף. איין זאַך בלויז: ווי אַזוי גיט מען צו וויסן זיין ראַכעלאַן, אַז ער וועט פון וויטן צפון אַוועק אין מיטל-אַזיע? דורך ווע־מען — אַז ס׳איז שוין נישטאָ קיין לאַנד, וואָס זאָל נישט זיין פאַר־קאַכט אין דער מלחמה?

דעם לעצטן זאַץ, וואָס אָלעק האָט כמעט שוין אין דרימל

אַרויסגעזאָגט, האָט געהערט פּטאַשעק, זיין חבר, וואָס ליגט איצט לעבן אים. נאָכן פאַרטרייבן פון דער סאָסנאָווקע אין ביאַליסטאָק, האָבן זיי זיך נישט געזען. זיי האָבן זיך ערשט היינט באַגעגנט, גאַנץ צופעליק. אַלעקן איז צעבראָכן געוואָרן דער „באַגאַר", איז ער אַוועק אין דער „אינסטרומענטאַלקע" נעמען אַ צווייטן. פּטאַשעקן האָט ווער צוגענומען דעם „באַגאַר", איז ער געקומען נעמען אַן אַנדערן. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט:

— דו לעבסט?

— דו לעבסט?

פּטאַשעק האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין צווייטן באַראַק. זיין פּנים איז געווען אויסגעדאַרט, הויט און ביין.

— אַבי מען זעט זיך!

פּטאַשעקן, דעם געוועזענעם בוכהאַלטער-פּאָעט, איז דאָ אַנ־פּאַרטרויט געוואָרן אויפצובינדן „זאַטאַרעס". די קלעצער זאָלן שווימען אין טאַרטאַק אַריין, נישט מאַכן קיין פאַרשטאָפּונגען. די קלעצער האָבן אַ וועג — מיטן שטראָם, און דער שטראָם האָט אויך קאַפּריזן — ער פאַרדרייט, קרימט אויס דעם קלאָץ, פּטאַשעק האָט גענומען אַלעקן צו אַרבעטן מיט אים אויף זיין אָפּשניט ביים טייכל. ער ווייזט אַלעקן ווי זיך צו באַגיין מיטן „באַגאַר" — די לינקע האַנט דאַרף זיין אַן אָנשפּאַר פאַר דער רעכטער, דאָס גיט גלייכגעוויכט נישט אַריינצופאַלן אין טייכל, און דעם קלאָץ — צו געבן די ריכטונג.

ס'איז סוף סעפּטעמבער. דאָס וואַסער ברויזט אייליק, פליסט אין שטאַרקן שטראָם. עס מערן זיך און שפּרינגען די כוואַליעס. ס'געהילץ פאַרפּלאָנטערט זיך אָפט. פּטאַשעק און אַלעק טרעפן כסדר מיט די „באַגאַר"-שפּיצן אין די קלעצער.

— דער וואַלד שווימט — זאָגט פּטאַשעק. ער שמייכלט. עס געפעלט אים די באַצייכענונג.

— דו דיכטעסט?

— עפּעס ענלעכס. באמת, אַז ס'געהילץ שווימט, איז עפּעס

פאראַן אַ סאַטיספאַקציע: די מי, די אָנשטרענגונג איז נישט אומזיסט.

— סוף־סוף מוז מען זיך דאָך פאַרדינען דאָס ברויט.

— ס'קומט אָן אַ כאַפּטע קלעצער, גרייט זיך! — רופט פּטאַשעק אָנגעשטרענגט.

— ס'שווימט אָן אַ גאַנצער וואַלד!

— מיר וועלן דאָס געזעמל צעטרייבן. שוין נישט איין מאָל בייגעקומען אַזאַ „אָנפאַל"... הער מיין ליד! — זאָגט פּטאַשעק און שטרענגט אָן זיין בליק אויף דעם אָנשווימענדיקן געהילץ.

— איך הער.

— נאָר לאָז נישט אַרויס דעם „באַגאַר" פון האַנט, געדענק, אַז דו אַרבעטסט.

— כ'געדענק.

דער וואַלד שווימט אין פינצטער, אין שיין,
ס'הערט זיך רויש — ער איז נישט אין גאַנצן אַליין,
ער טראָגט מיט זיך אָטעם, האַרץ און פיין.
הונדערטער הענט, פינגער צעדרייטע, ווי וואָרצלען כריין.

דער וואַלד שווימט אין פינצטער, אין שיין,
ס'האָט מיין אָטעם אין קללה מיט אים דאָ געקלעטערט.
אפשר בין איך עס אַליין אַ בוים — איך אַליין,
אפשר דער, וואָס פון אים כ'האָב די צווייגן געשמעטערט?

דער וואַלד שווימט — אַ געדריי פון שלאַנגען.
ס'וועט דאָס האָלץ דורך אַנדערע הענט נאָך ווערן
אַ שאַנק, אַ טיש, אָדער שלאַנקע חופה־שטאַנגען.
אפשר אַ חתונה־בעט, אָדער אַ תליה ווערן?...

און ער האָט אויפן קול זיך געפרעגט, זיך געענטפערט:

— כ'מיין, אז נאַר איך, א בוכהאַלטער, קאָן זיך אויסשטעלן אַזאַ בילאַנס. אָבער איך האַלט נאָך פון פאַרנט...

פּטאַשעק שמייכלט געקינצלט:

— וועל איך נאָך א מאָל זען מיין וואַרשע? — פרעגט ער — איז נישט אינפאַנטיל צו גלייבן אין דער מעגלעכקייט? אַז איך קוק ביי נאַכט אויפן הימל, פרעג איך זיך: וואָס וואָלטן געטאָן גלויביקע, ווען עס עפענען זיך די הימלען און זיי דערזען, אַז ס'איז דאָרט ליידיק?

— דאָס זעלבע וואָס דו: זיי וואָלטן געזוכט אַנדערע הימלען.

— ווען מיך טרעפט אַזאַ אַנטוישונג, וואָלט איך זיך אויפגעהאַנגען — האָט ער פלוצלינג געזאָגט פאַר זיך.

— מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט פאַרלוירן דיין גלייכגעוויכט.

פּטאַשעק האָט מיט אימפּעט א וואָרף געטאָן דעם „באַגאָר", דעם שאַרפן אייזערנעם שפּיץ פעסט אַריינגעהאַקט אין האָלץ. ער האָט געשטופּט דעם קלאָץ און זיך צעלאַכט, ווי נישט מיט זיין קול. דאַן האָט ער זיך א וואַקל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט אין אַלעקן. דאָס האָט ער נישט געטאָרט טאָן: ביידע האָבן געקאָנט אַריינפאַלן אין טייך, און ביידע זענען נישט קיין שווימערס. פּטאַשעק האָט זיך אַנטשולדיקט רויִק, ווי קיין מאָל גאָרנישט:

— פאַרלוירן ס'גלייכגעוויכט. ביסט גערעכט, אַלעק, לעצטנס אָן אָפּטע דערשיינונג ביי מיר. וואַרשע פאַרגעסט זיך נישט...

*

קליינע טעג, קאַלטע ווינטן. אין אָוונט זענען די קלעצער פאַרצויגן מיט א ווייסן פראָסטיקן שליים. באַגינען האַלט זיך א דין אייזהייטל אין טייכברעג, ווי עפּעס א צוגעזיימטע קאָראַנקע. מיטן שטעלן זיך פון וואַסער ווערט אָפּגעשטעלט די „ספּלאַוו"-אַרבעט. סיקטיווקאַר ווערט אָפּגעריסן אויף חדשים — נישט אַרויס און

נישט אַריין. אַלעק וויל נישט בלייבן דאָ. אַ גרויסע טייל פון אַמ־נעסטירטע, וואָס זענען געווען דאָ צוזאַמען מיט אַלעקן, האָבן עס שוין געטאָן — אַוועק אין וואַרעמען לאַנד: טאַשקענט.

— פּטאַשעק, מיר נעמען זיך אין וועג אַריין? — שלאָגט אַלעק פאָר.

— כ׳מיין, אַז מיין „בעכער" וועט מיטן פרישן נע־ונד אַרי־בער די ברעגעס...

צוויי טעג איז אַלעק געווען אין שטאָט. אַ געדיכטער שניי איז אָנגעפאַלן און נישט צעגאַנגען. אָט־אָט וועט זיך שטעלן דאָס וואַסער. נאָך איין דאַמפער וועט בלויז אָפגיין. אַלעק האָט באַ־קומען צוויי בילעטן. ער לויפט צו פּטאַשעקן אים נעמען, איז יענער גאָר אין אַ קעמערל אין אַ באַראַק, וווּ ס׳האָט פריִער זיך קוואַר־טירט דער בריגאַדיר פון „ספּלאַוו". פּטאַשעק פאַרטרעט דעם בריגאַדיר, וואָס איז אַוועקגעפאַלן קראַנק. אין ווינקל פון דעם קעמערל שטייט דער „באַגאַר", אויף אים הענגט עפּעס אַן אָנגע־שטאָפּט זעקל מיט אַ היטל אויפן שפּיץ.

— פּטאַשעק, וואָס איז דאָס, דיינס?

— ס׳אַ פּרוידיסטישע שפּיל.

— וועד, מיינסטו, דאַרף געהאַנגען ווערן*?

אַלעק ווייזט אים די בילעטן, בלויז געציילטע טעג זענען פאַרבליבן.

— כ׳וועל קומען צום דאַמפער — זאָגט פּטאַשעק.

ווען אַלעק איז שוין אַרויף אויפן דאַמפער־בריקל, האָט ער כסדר אויסגעקוקט צי פּטאַשעק קומט אָן, אָבער אָט צענעמט מען שוין דאָס בריקל. אַלעק גייט נישט פאַרנעמען אַ זיצפּלאַץ. ער שטייט ביי דער באַריערע פון צענומענעם בריקל און וואַרט. אין דער האַנט איז אים געבליבן פּטאַשעקס בילעט...

---

* פּטאַשעק האָט לבסוף זיך אויפגעהאָנגען אין יאָר 1943.

7

## סאַלאָמאָן מאָיסעוויטש

די שטאָט קיראָוו איז דער אָנהייב פון אוראַל-געביט. אין אָק־טאָבער זענען די גאַסן באַדעקט מיט אַ האַרטן שניי. אין דער פרי, בלויז עטלעכע שעה אין טאָג, ווערט אַ בלאָטע, וואָס טריקנט נישט אויס.

דאָ איז אַ גרויסער, פאַרצווייגטער באַנקנופּ, פון וואַנען ס׳ציִען זיך צוגן קיין סווערדלאָווסק, טשעליאַבינסק, קאַזאַכסטאַן, אוזבעקיסטאַן, טורקעסטאַן. דורך דאַנען זענען געגאַנגען די צוגן אין די קאַטאָרגע-לאַגערן. לעצטנס ציִען דורך דעם באַנקנופּ עשאַ־לאָנען עוואַקויִרטע פון אוקראַיִנע און צענטראַל-רוסלאַנד קיין אוזבעקיסטאַן, אין מיטל-אַזיע.

די וואַרטזאַלן — באַלייגט פון פּאַסאַזשירן און פּעק. היינט שטעלט זיך דאָ נישט אָפּ קיין צוג, היינט פאַרמירט זיך דאָ נישט קיין צוג; מען פאָרט נישט קיין מאָסקווע און בכלל נישט אין צענטראַל-רוסלאַנד.

אָלעק זיצט איינגעקנאַדערט צווישן די דרימלענדיקע פּאַסאַ־זשירן, און ער טראַכט צי האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער איז אַוועק פון סיקטיווקאַר, נישט געבליבן מיט פּטאַשעקן. עטלעכע מעת־לעתן איז ער ווידער דורכגעגאַנגען אַ שטיק גהינום. אָט נעכטן געווען אין קאָטלאַס, — נישט אין צענטראַל-עטאַפּ-פּונקט, פון וואַנען ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אוסטווים, נאָר אין דער שטאָט קאָטלאַס. ער איז אַנגעקומען אין אָוונט. אויף די „ווישקעס״

אין די פיר ווינקלען פון לאַגער, ווו עס שטייען די „סטרעלקעס", האָבן שוין געלויכטן די פּראָזשעקטאָרן. ער האָט לאַנג נישט גע־קוקט אויף זיי. נישט געוואָלט זיי זען, אָבער טרויעריק איז אים דאָך דעם אָוונט געווען.

ווי אַן אָבל איז ער געזעסן אין פּאָלקסהויז, אין דעם איינציקן גרויסן צימער מיט אַכט בעטן. ס'איז דאָרט געווען אַ הילכער פון אַ ראַדיאָ-פּונקט. אַן אומעטיק געבראָכן קול האָט געבלעזלט אין הילכער דאָס ליד „מאָסקוואַ מאַיאַ", ווי קינות געזאָגט, ווידער אַ מאָל איבערגעחזרט דעם טעקסט פונעם ליד. דאָרט האָט ער נאָך נישט געוווּסט וועגן דער עוואַקואַציע. ער האָט דערזען אַ הויקער-געשטאַלט, אַ קריפּל, ווי הוגאָס „גלאָקן-קלינגער" — אויך געקומען איבערנעכטיקן. יענער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן אויף איינצוהערן זיך אין די געבראָכענע טענער פון ליד און ער האָט זיך געווישט די הענט, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פון עפּעס אַ געשמאַקן ביסן. איצט פאַרשטייט ער, אָלעק, אַז דער הויקער האָט שוין יאָ געוווּסט וועגן דער עוואַקואַציע... ער, אָלעק, איז אין יענער נאַכט נישט געשלאָפן. די אומעטיקע טענער אין ראַדיאָ־הילכער האָבן אים דערמאָנט דעם קאָשמאַר פון די נעכט, ווען וואַרשע איז באָמבאַרדירט געוואָרן, ווען דאָס פייער פון די ברע־נענדיקע הייזער האָט געלעקט די הימלען.

צו מאָרגנס איז ער אַ נישט אויסגעשלאָפענער, הונגעריקער, געלאָפן זוכן עסן אויפן „טאָלטשאָק". ס'זענען דאָרט געווען ביידלעך, סטראַגאַנעס, שטעלעכלעך — די גאַנצע אויסשטאַטונג, וואָס גע־הערט צו אַ מאַרק, אָבער ליידיק און ריין: די סטראַגאַנעס, די ביידלעך — פאַרמאַכט. די מלחמה האָט פאַרשלונגען סיי די סחורה, סיי די קרעמערס. עטלעכע עלטערע באַבעס — אָנגעפּעל־צטע אין טאָפּלטע וואַטענע קאַפטאַנעס, איינגעהילט אין גרויסע טיכער, ווי ס'וואָלט באמת געווען אַן עסעדיקע קעלט — זענען דאָרט געזעסן און אויף די קניִען געהאַלטן קוישלעך און זיי צוגע־דריקט מיט ביידע הענט, ווי אוים מורא מען זאָל זיי נישט אַוועק־

כאַפּן: קרויט, ציבעלעס, אַ שיסעלע מיט אַ שיטערן קעז, אַ שקאָר־מיץ מיט מאַכאָרקע. דאָס האָבן זיי געהאַט נישט צו פאַרקויפן פאַר רובלעס, פאַר טשערוואָנצעס, נאָר צו טוישן אויף עפּעס. אַלעקן איז אַ מאָל אַזוי געלונגען צו קויפן אַ הייפּטל קרויט. דאָ קריגט ער דאָס אויך נישט. אַפילו אין קיראָוו געהאַט אויף אָנבייסן אַ שטיקל פון דעם קרויט. אין באַן־בופעט לאָזט מען נישט אַריין — פול. די, וואָס זענען אַריין, ווילן נישט אַרויס. דאָרט איז דאָך די לופט נישט אַזוי געדיכט, ווי דאָ אין די וואַרטזאַלן. דער פּוילישער אָפי־ציר אין דער קאָנפעדעראַטקע, וואָס איז אַן אָפּטער איינגייער אין בופעטזאַל, האָט אַלעקן געגעבן אַ פּאַיקע ברויט. קיפּיאַטאָק איז נאָך געווען צו קריגן פון ראַמפּע־קעסל. אָבער ווי דערשלאָגט מען זיך אַהין?

שטעלט זיך אַלעק פאַרן אָפיציר:

— איך וויל אַריין אין דער אַרמיי, קאַפּיטאַניע!

— טויזנטער, צענדליקער טויזנטער וואַרטן.

— טאָ ווּהין זאָלן מיר זיך דערווייל אַהינטאָן?

— וואָס ווייטער פון דאַנען...

*

דער פּעראָן פון קיראָוואָ באַן־קנופּ ציט זיך אַוועק העט ווייט פון ביידע זייטן וואָקזאַל. פּינצטער אַרום — פּאַרטונקלט יעדער שיין. דאָך טרעפט מען ווי ס'איז צום קיפּיאַטאָק־קראַן. אַ סך שאָטן־געשטאַלטן לויפן צום קראַן, מען נעמט קאָכעדיק וואַסער און — ווידער אַוועק צווישן די וואַגאָנעס.

נישט איין מאָל האָט אַלעק שוין דורכגעשפּאַנט די ראַמפּע. ער האָט געהערט, אַז אַן עשאַלאָן קיין טאַשקענט איז אויף דער ליניע, קוקט ער נאָך די שאָטנס, וואָס לויפן אַוועק פון קיפּיאַטאָק־קראַן. ער הערט זיך איין אין זייערע טריט, זייער אָטעם — צי גייען זיי איבער איין פּאָר שינעס, אָדער מער און וויפל? עפּעס דערכאַפּט

זיין געהער — מען רופט זיך איינער מיטן צווייטן. מען גיט זיך סימנים ווי צו גיין. דאָס זענען מענטשן פון אַן עשאַלאָן. די לעצטע שאַטנס, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשלייכט פון קראַן האָט אַלעק שוין נישט אָפּגעלאָזט פון אויג. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען. העט ווייט, אויף אַ זייטיקער ליניע, איז געשטאַנען דער צוג. פינצטער איז אין די וואַגאָנעס. פּאַסאַזשירן רעדן: „קרוב אַ מעת־לעת, און דער צוג רירט זיך נישט". קינדער אין די וואַגאָנעס קוועקן. מענער שפּרינגען אַראָפּ, זוכן, פרעגן זיך איינער דעם אַנדערן: „וועט ער ווען רירן אין וועג אַריין?" קיינער ענטפערט נישט. דער עשאַלאָן פאָרט אַן אַ קאָנדוקטאָר.

נאָך האַלבער נאַכט איז אַלעק אַרויף אויף דעם עשאַלאָן־צוג. אַ צייט איז ער געשטאַנען אויף די בופערן צווישן די וואַגאָנעס. ווען דער צוג האָט זיך שוין געריסן מיט פולן אימפעט, איז אַרויף אויף אַ פרייער ליניע, איז אַלעק אַריין אין אַ וואַגאָן. די פּאַסאַזשירן זענען פאַרווייגט געווען אין שלאָף. ביזן שאַרַיען אויף טאָג האָט ער נישט געזען קיין אָרט זיך אַוועקצוזעצן, אָבער ווי ס'האָט נאָר אַ ביסל גראָלעכקייט אַריינגעשיינט, האָט ער דערזען אַ ליידיק אָרט אויף די באַגאַזש־פּאָכן. דאָרט האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט.

נאָך עטלעכע טעג פאָרן, איז דער צוג אַרויף אויף אַן איינזייטיקער ליניע — אין קאַזאַכסטאַן — אין „גאָלאָדני סטעפּ".

אויסגעסאָכניעטע, צעפּאַדעטע ערד. ברייטע מרחקים אָן אַ ביימל, אָן אַ שפּראָץ פון גרינס.

שוין דאָס צווייטע מאָל ווי דער צוג שטעלט זיך אין מיט מדבר, וואַרט אָפּ אַ מעת־לעת נאָך אַ מעת־לעת — עס זאָל פאַרבייפאָרן דער „וסטרעטשנער"* צוג. פון צייט צו צייט שלאָנדערן זיך צו נאָענט צום צוג קאַזאַטשקעס אין קאַפּטאַנעס, אין שמאָלע מייטקעס ביז די קנעכל, די פּנימער פאַרדעקט מיט שוואַרצע טיכער און בלויז פאַר די אויגן איז איבערגעלאָזט אַ שפּאַלט אינעם טוך.

* קעגנאיבערדיקער, וואָס קומט פון דער פאַרקערטער ריכטונג.

דעם דלות פון דער ערד טראָגן זיי צו פאַרקויפן — אַ געפלעכטס פון דיניע־שאָל, צוגעטרוקנט אויף דער זון. איינע האַלט דאָס געפלעכטס אין אַ בייגל ; די צווייטע לאָזט עס הענגען אויף די הענט, ווי צעפּ.

וויל אַלעק קויפן אַ שטיקל — ס'איז ווייך אין דער האַנט — אָבער זיינע ציין קאָנען עס נישט צעקייען. בלויז צום סמאָטשקען. מילא, זאָל זיין צום סמאָטשקען, אָבער די קאַזאַטשקע וויל נישט קיין רובלעס, בלויז טוישן אויף עפּעס פון שטאָף. פון אַ וואַגאָן לויפט אָן אַ ייד — ער האָט שטאָף ! עפּעס אַ טונקל שטיקל לייוונט, דעם ווייבס אָן אַלט שאַלעכל. ווינטער האָט ער עס שוין געניצט פאַר אָן אָניצע. די קאַזאַטשקע באַקוקט נישט אַפילו וואָס דאָס איז פאַרא שטאָף. זי פאַרשטעקט עס אין בוזעם, און הייבנדיק אַ צופרידענע מיט די אַקסלען, שלייכט זי זיך אַוועק אין העק סטעפּ.

— אין „גאָלאָדני סטעפּ", אַז די ערד גיט נישט און פון הימל טריפט נישט, איז קיין זאַך נישט קיין שמאַטע — זאָגט דער ייד.

*

ביז איצט איז אַלעקן נישט איין מאָל אויסגעקומען צו וואַרטן האַלבע טעג אויף סטאַציעס, כדי צו פאָרן ווייטער מיט דעם עשאַ־לאָן. דאָס זענען געווען גרויסע סטאַציעס, צעצווייגטע באַן־קנופּן : סווערדלאָווסק, טשעלאַבינסק. דאָרט האָט ער אין דער צייט פאַר־דינט ביי העלפן פּאַסאַזשירן טראָגן זייערע וואַליזעס, געקויפט אַ פּאָרציע ברויט, זיך אָראָפּגעכאַפּט אויפן טאָלטשאָק.* נישט געווען קיין ברויט — האָט ער געקויפט מייערן, ריבן, קעז. דאָ אָבער ווייסט גאָרנישט דער לאָקאָמאָטיוו־פירער ווען ער וועט זיך לאָזן אין וועג אַריין. דער „גאָלאָדני סטעפּ" שרעקט מיט הונגער. די בריִענדיקע זון מאַכט בלויז מיד. ווי אַ מיראַזש זעט אויס דאָס צוקומען צום ציל. פאַרנעפּלט זענען אַלע האָריזאָנטן.

---

* מאַרק.

אַלעק ווייסט גאָרנישט צוליב וואָס פאַראַ זכות לאָזן די מענ־טשן אין וואַגאָן אים שלאָפן אויף דעם באַגאַזש־פּאָכל. איין מאָל האָט ער פאַרגעשלאָגן אַ פאָרפאָלק מיט צוויי קינדער, אַז ער וועט נעמען פאַר זיי וואַסער ביים לאָקאָמאָטיוו, האָבן זיי נישט געוואָלט. ער איז זיי פרעמד און זיי זענען אים פרעמד.

דער מאַשיניסט גיט גערן וואַסער יעדן, ווער ס׳וויל נאָר אויפקאָכן זיך עפּעס וואַרעמס. איבער דער לענג פון די רעלסן־שוועלן זענען אויפגעבלאָזן צענדליקער שייטער־הויפנס, אַרויפגע־שטעלט טעפּלעך, קריגלעך, קעסעלעך און פענדלעך. אַ גאַלעריע פון קיך־כלים איז אויסגעשטעלט אויף צוויי־דריי ציגל. מען קאָכט פון די היים־זאַפּאַסן.

אַלעק האָט גענומען אויפקאָכן פאַר זיך אַ ביסל וואַרעמס אין זיין „קאָטיאָלאָק״*, אַ קאָנסערוון־פּושקע. ער האָט אָנגעקליבן טרו־קענע שטענגלעך, וואָס דער ווינט האָט אָנגעטראָגן פון ערגעץ אַ פעלד. אַוועקגעשטעלט דריי ציגל. ער האָט אויך געגעבן אָרט אַוועקצושטעלן אויף די ציגל נאָך אַ טעפּל, וואָס עס האָט צוגע־ברענגט דער וואָקזיר-טער סאָלאָמאָן מאָיִסעוויטש, פון דער דריי־טער באַנק אין אַלעקס וואַגאָן. ווען אַלעק פלעגט אַוועק אויפצוזוכן שטענגלעך צוצולייגן צום פייער, איז סאָלאָמאָן מאָיִסעוויטש שטיין געבליבן ביים פייער. ער האָט זיך געקאָכט הירזש, האָט ער אויך אין אַלעקס „קאָטיאָלאָק״ אַריינגעשיט עטלעכע לעפל הירזש.

סאָלאָמאָן מאָיִסעוויטש איז אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער, מיט בלאָנדע האָר, וואָס זילבערן זיך שוין, מיט אַ לענגלעך פּנים מיט הויכע באַקנביינער, גראָע אויגן און אַ גראָדליניקער שמאָלער נאָז. ער איז אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, אָן וועלכן ס׳איז אים שווער צו גיין. ער איז נישט דאָס ערשטע מאָל אויף דעם וועג. ס׳ערשטע מאָל איז ער געפאָרן ווי אַ רויטאַרמייער, אַ יונגער, אַ געזונטער און פלינקער. איצט זענען די פיס נישט יענע פיס.

---

* קעסעלע.

— אויב דו האָסט ווען עס איז געזען ס׳בילד, ווי אַזוי אַ רויטאַרמייער טראָגט אַ צעפּלאַטערטע די רויטע פאָן און זיין פּנים שטראַלט פון ענטוזיאַזם און עס דאַכט זיך — ער פליט, נישט ער שפּאַנט — בין איך דאָס געווען — זאָגט סאַלאָמאָן מאַיִסעוויטש.

ער ווייסט ווער אַלעק איז:

— אַ טריפהנער ביעזשעניעץ, נישט קיין פּאַליאַק, אָבער האָסט אַלע מעלות צו זיין אַ גוטער סאָוויעטישער בירגער...

אַלעק קוקט אַראָפּ צום קעסעלע אויפן פייער.

— שוייגסט, ווי אַ דיסציפּלינירטער בירגער. ביסט געווען אַ סוחר? אַלע זענט איר געווען סוחרים.

— אַז איר ווייסט אַלץ.

— אוודאי ווייס איך אַלץ, ווער זאָל וויסן, איוואַן?

אַלעק שמייכלט.

— אַ באַווייבטער? — פרעגט סאַלאָמאָן, ווועלכער וויל, ווייזט אויס, ווערן היימישער.

— יאָ.

— קינדער?

— איין טאָכטער.

— געהונגערט?

— ניין.

— אַלע האָט איר איין ענטפער.

— ווער אַלע?

— איר, ביעזשענצעס.

— אַז איר ווייסט אַלץ...

— דו קענסט געשיכטע?

— יאָ.

— די געשיכטע פון בר־כוכבא?

— אויך.

סאַלאָמאָן מאַיִסעוויטש האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שוועל פון די באַן־שינעס און אָנגעוויזן אַלעקן ער זאָל זיך אויך זעצן.

האָט אים אַלעך דערציילט וועגן קאַמף פון בר־כוכבא מיט די רוימער. ער האָט אים דערציילט וועגן די קנאים, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט אויפן באַרג מצדה, זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. זיי האָבן זיך ס׳לעבן גענומען, כדי נישט אַריינצופאַלן צו די רוימער.

— דאָס איז געווען נאָכן אונטערגאַנג פון ירושלים — זאָגט סאַלאָמאָן.

— שוין געהערט וועגן דעם?

— זיך אָנגעהערט פון טאַטן... הער, טאָמער וועט ווער אין וואַגאָן זיך טשעפּען צו דיר, ווענד זיך צו מיר.

*

באַגינען האָט דער צוג גערירט. אין דרויסן האָט געפּאַרעט אַ היץ. אַלעך האָט נישט געזען סאַלאָמאָנען, ער איז נישט געווען אויף זיין אָרט, ער האָט אים געטראָפן אין אַן אַנדערן וואַגאָן.

— היינט וויל איך זיין אַליין. כ׳האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט, ווי מיין טאַטע האָט דערציילט עפּעס וועגן דוד און גלית. לאָז מיך אַליין...

צווייטע טייל

# טאַשקענט

1

## חבר איילמאַן

טאַשקענט, די הויפּטשטאָט פון דער אוזבעקישער רעפּובליק, איז אַ מאָל געווען אַ צענטראַלער האַנדלספּונקט. היינט איז טאַש־קענט אַ גאָר גרויסע שטאָט: גרויסע בלאָקן, לאַנגע גאַסן, ברייטע סקווערן, גערטנער מיט אייביקן גרינס, אַ פאַרבויטע פּעריפעריע און אַ צעצווייגטע טראַמוויי־באַוועגונג — צו צוויי נאָכשלעפּ־וואַגאָנען. טאַשקענט רוישט, ברויזט שוין פון פרימאָרגן אָן.

זינט דעם איבערפאַל פון די נאַציס אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, גייט אָן די עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג פון אוקראַינע אין צענטראַל־רוסלאַנד דאָ אַהער קיין טאַשקענט. די עוואַקואַציע צע־גיסט זיך ווי אַ וואַסער, וואָס איז אַריבער די ברעגעס. עטלעכע מאָל אין טאָג קומען אָן צוגן, עשאַלאָנען, שפּייען אויס טויזנטער עוואַקויִרטע משפּחות.

טאַשקענט איז נישט צוגעגרייט אויפצונעמען מיט איין מאָל אַזאַ גרויסן צופלוס פון מענטשן. דער ברייטער, רחבותדיקער וואָק־זאַל־בנין מיט די רחבותדיקע וואַרטזאַלן זענען שוין פון וואָכן אָנ־געפּראַפּט מיט עוואַקויִרטע. יעדער צופלוס בלייבט אויף די טראָטואַרן אַרום וואָקזאַל, אויפן ברייטן פּלאַץ, ווו ס׳פלעגן ס׳רוב פאַרקומען מיליטער־פּאַראַדן און יום־טוב־פייערונגען; אויך דאָס גערטנדל לעבן וואָקזאַל איז פול מיט עוואַקויִרטע. ס׳ליגן אָנגע־וואָרפן פּעק, קוישן, צעבונדענע קאָלדרעס, קישנס — ס׳האָב־און־גוטס פון די עוואַקויִרטע. זייער אַדרעס — „עוואַקאָפּונקט", וואָס

אין די הייזער לעבן וואָקזאַל־גערטנדל. דער „עוואַקאַפּונקט" דאַרף העלפן — ער דאַרף...

די „עוואַקאַפּונקט"־האַלעס זענען שוין איבערגעפּולט. נישטאָ קיין פריי פּיצל אָרט אויף דער פּאָדלאָגע. קויט, רעש און געפּילדער. אין דער ענגשאַפט און בהלה לאָזן זיך „פּאַצאַנעס" ווילגיין, גנבע־נען, שלעפּן אַפּער פון אונטער דער האַנט. פון אַ שלאָפנדיקן ציִען זיי אַראָפּ שיך, שטיוול, כאַפּן אַראָפּ אַ היטל פון קאָפּ. די שדימלעך פאַרלויפן אַלע שטערונגען פון דער פּאָליציי. כאַאָס און הפקר.

אַלעק איז אַריין אין דעם געווירבל. אויך טאַשקענט איז נישט זיין היים. אָבער דאָס וואַרעמע טאַשקענט וועט אפשר פאַרלייכ־טערן איבערצוהאַלטן, כדי ווידער אַ מאָל צו שפּאַנען איבער די וואַרשעווער גאַסן.

אויף זיין אויסגעדאַרט פּנים, און די אויגן, וואָס זיצן טיף, האָט אַ לייכט געטאָן אַ שמייכל. ס'האָט זיך באַוויזן אַ פּייכטער גלאַנץ. ערגעץ, אין מוח, האָט זיך אים אָפּגעלייגט אַ געדאַנק: אין לעצטן פאַל, באין ברירה, וועט ער אַוועק צום מיליטער.

פון טאָג צו טאָג מערן זיך אָבער די שטערונגען. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיי ווי אין אַ טיף וואַסער. שוין נישט איין מאָל באַמערקט ער, אַז אין רויִקע מינוטן ווערט ער דאָך אומרויִק. עס טראָגט אים אַ געדאַנק: געקומען נישט צו קיינעם. טאָ צו וואָס זיין דאָ? וויפל מאָל ער זעצט זיך אויף אַ באַנק אין גערטנדל, כדי צו כאַפּן אָטעם, קאָן ער נישט איינזיצן. מיט הונדערטער עוואַקויִר־טע געקומען, אויסגעשפּיגן געוואָרן פון עשאַלאָן־צוג. די עוואַ־קויִרטע זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער שטענדיק זיצאָרט, זייער אינערלעכקייט איז אָבער נישט צעשטערט געוואָרן, זיי האָבן בלויז געטוישט דעם אַדרעס ביי זיך אין לאַנד. און ער, אַלעק, צו וועמען איז ער דאָ געקומען?

ווען די פראַגע גיט אַ שלאָג אין געדאַנק, שפּרינגט ער אויף און גייט, גייט אָן אַ ציל. אויך איצט האָט עס אים געטראָגן. ער איז אַרויס פון גערטנדל, צוריק אַריין. ער זעט באַקאַנטע פּנימער —

געווען מיט זיי אין איין לאגער. ער דערמאנט זיך ווער און וואס זיי זענען געווען: דער זייגערמאכער — דער געוועזענער „דניע־וואלניע" אין זיין באראק, געווען יד־אחת מיטן קאמענדאנט, האט אוועקגעקוקט בעת יענער האט געלקחנט אלעקס וואליזקע מיטן זייגערל און אנצוג. נאך איינער — מערקל, מיטן קמץ־בערדל, א געוועזענער בעקער, האט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער לאגער־אנפירונג, געווען בריגאדיר פון דער „סלאבקאמאנדע" אויף צו באווייזן, אז זייערע קרענק זענען בלויז אן אנשטעל. אלעק איז זיי פארבייגעגאנגען, נישט באגריסט זיך מיט זיי.

*

דער ווינטער רוקט זיך אן אויף טאשקענט. ביי נאכט טראגט דער ווינט אן ווייסע שניי־פליטערלעך, וואס צעגייען נאך איידער זיי פאלן אויף דער ערד. עס רעגנט גארנישט אזוי פיל און עס שנייט גארנישט אזוי שטארק, ווי די בלאטע צעפאטשקעט זיך אונטער די פיס. זי שרומפט ווייניק איין אפילו אונטער דער צעגליטער זון. די שטעגלעך אין גערטנדל זענען איינגעפרעסט מיט קוילנגרוז, איז די בלאטע־סמעטענע פלאכער ווי פארן וואקזאל. פאר אלעקן איז דאס גערטנדל זיין פרנסה־קוואל. אפט קומט ער אין גרויען פרי־מארגן, זעצט זיך אויף א באנק,ווארט ס'זאל זיך עפענען א „לא־ראק", וואס פארקויפט ברויט אן קארטן.

טאשקענט — „די שטאט פון ברויט", אזוי האט א שרייבער אנגערופן די שטאט. א יתום, מישקא, לאזט זיך קיין טאשקענט, כדי צו ברענגען ברויט פאר זיין הונגעריקער מאמען. וויל טאש־קענט דערהאלטן דעם גוטן נאמען: טאג־טעגלעך פארקויפן די „לארקעס" טויזנטער טאנען ברויט אן קארטן — ספעציעל פאר די עוואקוירטע. אפט פארן אן גרויסע לאסט־אויטאס פאר די „לארקעס" און לאדענען אפ צענדליקער טאן ברויט פארן פרייען פארקויף. הונדערטער מענטשן געפינען זיך אין אטשערעד פאר די

„לאַרקעס". קיינער פאַרלאָזט נישט זיין אָרט, אַפילו ווען דער לאַ־ראַטשניק שרייט אויס:

— „נאָן יאָק!"*

מיטן צופלוס פון עוואַקוּירטע ווערט די אַטשערעד צום „לאַ־ראַק"־פענצטערל פון טאָג צו טאָג לענגער און געדיכטער. די ער־שטע טעג איז אָלעקן אָנגעקומען לייכט דאָס קויפן ברויט, און צוויי — אויך. איינס האָט ער פאַרקויפט און געהאַט צו קויפן זיך אַ „פיאַלקע"** טיי אין דער דערנעבנדיקער „טשאַיכאַנאַ"***.

אָבער בלויז פונעם פאַרקויפן דאָס לעבל ברויט איז נאָך נישט גענוג אויף די הצטרכותן. ער דאַרף באַצאָלן פאַר נאַכטלעגער. כאַפּט ער אונטערטראָגן אַ פּאַסאַזשיר אַ וואַליזקע. לייכט קומט עס אים נישט אָן. די וואַליזקע טראָגט מער דער אימפּעט זיינער. ער מוז דערהאַלטן דעם טעמפּאָ פון פּאַסאַזשיר, וואָס גייט אַ פּרייער, אָן פּעקלעך. נישט איין מאָל האָט אַ פּאַסאַזשיר, ווען ער האָט נישט מיטגעהאַלטן דעם אימפּעט פון זיין שפּאַנען, אַנשטאָט 3 רובל טראָגגעלט, אים געגעבן קללות.

היינט האָט ער מצליח געווען: ביים אונטערטראָגן אַ וואַליזקע איז דער פּאַסאַזשיר נאָכגעגאַנגען זיינע טריט. געפרעגט אים אויפן וועג, צי ער וויל זיך נישט אָפּרוען. אַז די וואַליזקע האָט זיך פאַר־קרימט אויף די פּלייצעס, האָט דער פּאַסאַזשיר צוגעלייגט זיין האַנט און זי אויסגעגלייכט; ביים „לאַראַק" האָט ער געקריגן ברויטביידע מאָל. און איצט איז אים אונטערגעקומען אַ באַגעגעניש: זיין חבר איילמאַן.

אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך מיט אים נישט באַוויזן צו געזע־גענען. ער וואָלט אים איצט נישט דערקענט, ווייל איילמאַן האָט זיך שטאַרק געענדערט, זיך פאַרלאָזט אַ באָרד. ס'איז אים אָנגעוואַקסן

* ברויט נישטאָ.

** טשייניקל.

*** טייהויז.

אַ ברייטע, געדיכטע באָרד. זי פאַרשלינגט זיינע באַקן ביז די ברעמען. בלויז די ברייטע נאָז איז ניצול געוואָרן פונעם וואַלד האָר. ער איז אַ נידעריקער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ טיפן גלאַנץ אין די קליינע ניסנאַויגן.

זיין יוגנט האָט איילמאַן פאַרבראַכט אין חדר, ישיבה. שפּע־טער געווען אַ ביבליאָטעקאַר, אַ סך געלייענט. געשריבן לידער, פּראָזע, אָבער נאָר פאַר זיך. די לעצטע יאָרן זיך דאָך אַ מאָל באַוויזן אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע מיט אַן עטיוד. נאָענט געווען צו די פּראָגרעסיווע. ווי אַזעלכן האָט אַלעק אים געטראָפן אויך אין ביאַליסטאָק.

איצט איז ער אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש. ער גיט אַכטונג אויף אַ קראַנקן, עלטערן מענטש, וואָס ליגט אויף אַ בעטל הינטערן פענצטער פון עוואַקאַפּונקט. ווען נישט ער, איילמאַן, וואָס ברענגט אים דאָס ביסל זופּ פון בופעט, וואָלט דער קראַנקער נאָך מער געליטן. לעצטנס וואַכט ערביים קראַנקן אויך ביי נאַכט, אַז די „פּאַצאַנעס" זאָלן דעם אַלטן נישט באַגנבענען.

— אויסהיטן אַ מענטש פון גניבה איז אַ גרויסער חסד, תמיד געווען פון די גוטע זיטן — זאָגט אַלעק.

איילמאַן וויל שטאַרקן אַלעקס אמונה אין דער השגחה. ער דערציילט אים ווי אַזוי ער איז געלאָפן אונטערן פייער פון די דייטשישע אַעראָפּלאַנען, נאָר די השגחה העליונה האָט אים גע־שיצט. איצט דאַרף ער יעדן טאָג אָפּגעבן דעם דאַנק. ביז איצט האָט ער געטאָפּטשעט אין שקר. ווען ער וואָלט געהאַט די תפילין, וואָס ער האָט באַלד נאָך דער בר־מצווה נישט אָנגערירט, וואָלט ער פאַרן לייגן די תפילין זיך גוט געטובלט. ער האָט באַשלאָסן זיין גאַנץ מיט זיך. יעדן טאָג הילט ער זיך איין אין דעם טלית פון דעם קראַנקן, ווען ער באַדינט.

— מיט איין וואָרט, קויפסט זיך איין עולם־הבא...

— כ׳זאָל נאָר ראוי זיין.

— וואָס טוסטו פאַר עולם־הזה? די נביאים האָבן דאָך גע־קעמפט פאַר עולם־הזה!

— תיקו...

אַז איילמאַן איז אַוועק טוען עפּעס פאַרן קראַנקן, האָט אַלעק נאָכגעטראַכט וועגן אים: ער דאַוונט איצט איינגעהילט אין אַ טלית, ער וויל דאָך דאָס, וואָס ער האָט אַ מאָל נישט געוואָלט... נישט בלויז מיטן אויסזען און דאַוועגען איז ער איצט אים פרעמד געוואָרן, נאָר אויך מיט דעם „תיקו".

2

## יאַדוויגאַ, די מאַכאָרקע־פאַרקויפערין

אַ נידעריקע, זיצט זי אויף אַ בריקל, איינגעקאָרטשעט די פּים. זי זעט אויס קלענער ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט. אויף איר שויס ליגט אַ זעקעלע, געמאַכט פון אַ ציכל, נישט פול מיט מאַכאָרקע. זי פאַרקויפט אויפן גלאָז. איר פּנים — פול מיט קנייטשן און ריצן, ווי אָדערן אויף אַ בלאַט. אויגן גראָע, די שאַטינע האָר — קורץ געשוירן, דעם האַלדז אַרומגענומען מיט אַ טוך, אָנגעטאָן אין אַ פופייקע. ס'פעלן איר עטלעכע ציין פון פאָרנט. שווער צו שאַצן איר עלטער. אַז זי איז שוין אַריבער די צווייטע יוגנט — דאָס איז זיכער. דאָס זעט זיך אָן נישט בלויז אין די קנייטשן אויפן פּנים, נאָר אויך אין דער הויט פון די הענט. די פינגער צעקרימט, פאַר־דרייט.

אָפּגעשטעלט האָט זיך אָלעק כדי צו קויפן מאַכאָרקע דווקא ביי איר, כאָטש ס'זענען געזעסן נאָך פאַרקויפערינס מיט דעם מין סחורה. זי האָט אים פאַרטשעפּעט אין פויליש. אין דיאַלעקט האָט ער דערקענט, אַז זי איז פון די קרעסן. זי האָט באַשטעטיקט.

— און איר?

— קאָנגרעסוווקע.

— נאָך וויפל יאָר?

— צוויי.

— אהאַ, פון די ביעזשענצעס.

— און איר? געווען פאַרשיקט?

— נישט וויכטיק. „דאָ זאָבאָטשעניאַ"* — האָט זי געזאָגט כדי צו פאַרענדיקן דעם שמועס.

אַלעק איילט זיך אָבער נישט אַוועקצוגיין. אים איז איינגעפאַלן צו פרעגן צי זי ווייסט נישט וועגן אַן אָרט אויף נאַכטלעגער.

— כ'ווייס, דאָ נישט ווייט, די „טשאַיכאַנאַ".

וועגן דער טשאַיכאַנאַ האָט אַלעק אַן איר געוווּסט. אַנומלט איז ער דאָרט געווען. שוין פון פאַרנאַכט פעדערן זיך די אוזבעקן, וואָס פאַרבלייבן אויף ביי נאַכט אין טאַשקענט, צו פאַרכאַפּן די מיט קילימס פאַרצויגענע פּריטשעס. אַנומלט האָבן זיי פאַרכאַפּט אויך דעם טיש. ער האָט זיך געהאַט אויסגעזוכט אַן אָרט אין „רויטן ווינקל", ווו ס'שטייט אַ טיש איבערגעדעקט מיט אַ רויט טישטעך און אַ שטול צום זיצן, ווען ס'וויל ווער אַריינקוקן אין אַ בוך. ער האָט געוואָלט נושא חן זיין ביים באַלעבאָס פון דער טשאַיכאַנאַ, האָט ער געטרונקען עטלעכע טשייניקלעך טיי. איין אוזבעק, וואָס איז אויך געקומען שלאָפן, האָט אים מכבד געווען מיט אַ גאָרשטש „קישמיש",** וואָס פאַרטרעט צוקער. ער האָט אים געוויזן ווי אַזוי צו האַלטן די ראָזשינקעס הינטער דער צונג, וועט ער יוצא זיין פאַר אַ סך טיי. ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער טיי-פאַרקויף, האָט דער אוזבעק, וואָס האָט אים געגעבן די ראָזשינקעס, זיך צעלייגט אויפן טיש. ער האָט געוויזן אַלעקן, אַז ער וויל אים נישט פאַר קיין שותף צום געלעגער: מיט די ראָזשינקעס האָט ער אָפּגעקויפט דעם זכות אויפן אָרט.

דאָס לעמפּל אין „רויטן ווינקל" ווערט נישט אויסגעלאָשן. אַלעק האָט זיך געזעצט לעבן טיש. געעפנט אַ דיק בוך — „די געשיכטע פון וו.ק.פּ.ב." — איבערגעלייענט איין זייטל, און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פאָדלאָגע הינטערן טיש. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס טישטעך, וואָס גרייכט ביז דער פאָדלאָגע, וועט

* צום ווידערזען.

** ראָזשינקעס.

אים פֿאַרשטעלן און דער טשאַיכאַניסט וועט אים נישט באַמערקן. ער האָט אָבער נישט באַוויזן איינצודרימלען, איז אָנגעלאָפֿן דער טשאַיכאַניסט, אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ פֿוס און געשלעפּט:

— אין רויטן ווינקל שלאָפֿט מען נישט!

ער האָט אים שוין נישט געלאָזט בלייבן אויף ביי נאַכט אין דער טשאַיכאַנאַ. ער איז נישט זיכער, אַז ער וועט ווידער אַ מאָל נישט פֿאַרשוועכן דאָס „קולטור-ווינקל".

דעם טאָג איז אים ווידער אויסגעקומען פֿאַרבייצוגיין דאָס אָרט פֿון די מאַכאָרקע-פֿאַרקויפֿערינס. ער האָט נישט בדעה גע־האַט צו קויפֿן קיין מאַכאָרקע, אָבער די פּוילישע האָט געמיינט, אַז ער וועט צוגיין קויפֿן צו אַ צווייטער, האָט זי אים גערופֿן. זי האָט אים פֿאַרגעלייגט, אַז אויב ער וויל, קאָן זי אים רעקאָמענדירן אַ נאַכטלעגער ביי דער פֿאַמיליע, ווו זי נעכטיקט.

פֿאַר נאַכט איז ער צוגעקומען צו איר. זי האָט נאָך געהאַט עטלעכע גלעזער מאַכאָרקע צו פֿאַרקויפֿן. אָלעק האָט זיך צוגעזעצט וואַרטן, ווייל אין דער פֿינצטער קאָן ער זי אַ מאָל נישט דערקענען.

— אין דער פֿינצטער האָבן אַלע קעץ איין פּנים — האָט זי באַשטעטיקט.

*

דער הימל טונקלט זיך, אַט-אַט פֿאַלט צו דער אָוונט. ס'באַ־ווייזן זיך שוין שטערן. די מאַכאָרקע-פֿאַרקויפֿערין וויל דורכוים פֿאַרקויפֿן דאָס איבערבלייבעכץ. זי זאָגט, אַז דאָ איז טונקל, זעט מען נישט, וועט זי זיך אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדערן אָרט, ווו ס'איז פֿאַראַן ליכט פֿון דעםביידל, ווו מען פֿאַרקויפֿט „מאָראָ־זשענע".*

אָלעק שלאָגט איר פֿאָר זי זאָל אים פֿאַרקויפֿן דאָס רעשטל. זי טענהט, אַז זי וויל נישט קיין טובות, אויב ער דאַרף נישט. לסוף איז זי מסכּים.

---

* אייזקרעם.

זי הייסט יאַדוויגאַ. אין איר געבוירן־שטאָט, אויף די קרעסן, איז זי געזעסן אין דער תפיסה פאַר קלעפּן פּלאַקאַטן און טיילן פלוגבלעטלעך פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָנהייב 1930 האָט מען זי אַריבערגעוואָרפן איבער דער גרענעץ. צוויי יאָר האָט זי געאַרבעט אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק. זי איז אַריין אין אויג דעם „זאַוו", און אַנשטאָט אויף אַ פאַרזאַמלונג, זענען זיי אָפּט אַוועק הינטער דער שטאָט. אַן אָפּשטויסנדיקער פּאַרשוין איז ער געווען. עס האָט געשטונקען פון אים דער שוויים, ווי פון אַ פאַס זויערקרויט; האָט זי נישט געוואָלט. האָט ער זי דאָן פאַרמסרט, אַז זי פירט סאַבאָטאַזש. דורך דער „טראָיקע"* האָט זי באַקומען פינף יאָר, אָבער מען האָט זי נישט פאַרשיקט. דער תפיסה־נאַטשאַלניק האָט זי פאַררעכנט צו די קיך־אַרבעטער. ער איז געווען אַ מאַנצפּאַרשוין אַן אַטלעט, איז זי מיט אים געווען נאַכט ביי נאַכט. אַלץ בעסער געווען ווי צו זיצן מיט די „קורוועס" אין דער צעל. ער האָט איר צוגעזאָגט חתונה צו האָבן, באַפרייען. אַזוי אַ קיילעכיק יאָר.

— נו?

— ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

— איר זענט געבליבן אַרבעטן אין קיך?

— יאָ. ס׳איז געקומען אַ נייער נאַטשאַלניק, און אויך מיך אױסבערגענומען. ביידע איין טעם געהאַט. אָבער אַלץ נאָך בעסער געווען ווי צו זיין מיט די „קאַנטעס" אין איין צעל. דאָס האָט מיך שוין גאָר גלייכגילטיק געמאַכט... אָפּגעקומען דעם „סראָק". היינט בין איך שוין אַלט. ס׳פלייש הענגט נאָך ווי ווייך טייג. די בריסטן — איינגעפאַלן, ליידיקע זעקלעך. ווען איך שעם זיך נישט, וואָלט איך געוויזן... שוין נישטאָ די יונגע פיסלעך, די שטייפע לידקעס, אָדערן קריכן אַרויס...

אַלעק קוקט נישט אויף יאַדוויגאַן. ער הערט זיך בלויז צו צו

---

* דריי ריכטער.

אירע רייד. ער פֿאַרשטייט, אַז זי מאַכט זיך מיאוס אין זיינע אויגן, עס זאָל ביי נאַכט אים נישט פֿאַרגלוסטן זי אָנצורירן.

עס איז אָנגעפֿאָרן דער טראַמוויי און זיי זענען איינגעשטיגן.

*

אויף דער פּעריפֿעריע פֿון טאַשקענט, אין אַ קליין שמאָל געסל, איז אָלעק געגאַנגען זייט ביי זייט מיט יאַדוויגאַן, דער מאַכאָרקע־פֿאַרקויפֿערין. פֿינצטער. יאַדוויגאַ שטעלט פֿאָרזיכטיקע טריט. אָלעק טוט איר נאָך. עטלעכע קיביטקעס אין געסל. זיי גייען וואָס שטילער, כדי ס׳זאָלן זיך נישט הערן זייערע טריט.

יאַדוויגאַס שטים איז באַקאַנט דער משפּחה, ווו זי נעכטיקט. כאָטש די שטוב־מענטשן האָבן געהערט, אַז זי איז נישט אַליין, האָבן זיי דאָך נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. זי זאָגט זיי וועמען זי האָט געבראַכט, און אַ טיפֿע מענער־שטימע ענטפֿערט:

— לאַדנאָ!

אַז די קיביטקע באַשטייט פֿון צוויי צימערלעך — כאַפּט זיך אָלעק אויך אין דער פֿינצטער. ער אָריענטירט זיך, אַז דאָ וווינט אַ משפּחה מיט צוויי קינדער. איינס וועקט זיך, קווענקלט אויך דאָס צווייטע. דער מאַנצפּאַרשוין רעדט כאָכליש, פֿאַרצויגן אונטער דער צונג. באַגינען זעט אים אָלעק אין גאַנצן פֿאַרנעם: אַ הויכער, אַטלעטיש־געבויטער, מיט לאַנגע ברייטע הענט. אַ קולאַק פֿון אוקראַינע. אַליין זיך „ראַזקולאַטשעוועט”, נישט געוואָלט צו־שטיין צום קאָלעקטיוו. ער האָט פֿאַרלאָזט דאָס פֿעלד, איז אַוועק אין סיבירער געגנט און אויך פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן. ער אַרבעט הינטער דער שטאָט, אין אַ „קירפּיטשני זאַוואָד.* די ראַציע ברויט, וואָס ער קריגט אין מאַגאַזין פֿון דער פֿאַבריק, איז וואַסערדיק, ווערט איינגעשרומפּן אויפֿן וועג אַהיים. ער האָט שטיין אַ קאָזע

---

* ציגעלניע.

הינטערן פענצטער, גיט זי נישט מער ווי אַ גלאָז צוויי מילך, און דאָס איז פֿאַר די קינדער. אַ קילאָ „קאָמערטשעסקע" ברויט קאָסט 15 רובל. די ראַציע ברויט, וואָס ער ברענגט פֿון מאַגאַזין, האַלט די באַלעבאָסטע פֿאַרשלאָסן אין אַלמערל, ווייל דער יאַט איז אַ פֿלינ־קער, איז די פּאַרציע ברויט איינגעשטעלט... זיין ווייב, די ווירטין, קאָכט זופּקעס פֿון ריבן. זי אַליין איז הויט אוןביין און וועט נישט טועם זיין פֿון עסן, כּל זמן די קינדער זענען נישט אָנגעזעטיקט.

ער באַדויערט איצט, וואָס ער איז אַנטלאָפֿן פֿון סיביר. דאָרט האָט ער געהאַט קאַרטאָפֿל פֿון איין גערעטעניש ביז דער צווייטער, אָפֿט פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק און פֿאַר דעם געלט געקויפֿט שיכלעך פֿאַר די קינדער און אויך עפּעס פֿאַרן ווייב. ער בענקט נאָך סיביר. „וואָס פֿאַראַ ערד! צו קושן און צו בענטשן זי!". אָבער נישטאָ קיין צוריק. ער וואָלט זיך באַשטראָפֿט, אַליין באַשטראָפֿט, וואָלט זיך איינגעשפּאַנט אין „דראַביניאַסטן" וואָגן און אים געשלעפּט, אָנשטאָט אָקסן. ער זאָל קאָנען קומען צוריק אויף דער גוטער סיבירער ערד. אָבער די „כאַזייקע"* זיינע באַשטייט נישט. זי וויל נישט אויסשטיין די שאַנד. קושט ער זי אוים ווי גרוים זי איז, ווייל זי היט אָפּ זיין כּבוד. ער וואָלט געאַרבעט טעג און נעכט, אַבי זי זאָל נאָר עפּעס מער האָבן. אַנומלט האָט דער „זאַוו" פֿון זאַוואָד אים געגעבן צו צעקלאַפּן אַ קלאַפּטער האָלץ פֿאַר זיין אייגענער ווירטשאַפֿט, האָט ער דאָס געמאַכט אין פֿאַרלויף פֿון דער נאַכט. פֿאַר די פֿאַר רובל האָט ער איר געקויפֿט אַ האַלדזטיכל, פֿאַר די קינדער — אַ קעזל. ס'זאָלן נאָר אָפּטער זיין אַזעלכע אַרבעטן.

— איז זי דאָס נישט ווערט, די כאַזייקע מיינע, אַז זי היט אָפּ מיין כּבוד? — פֿרעגט דער פֿויער, און ער וואַרט נישט אויף אַלעקס ענטפֿער. און ער זאָגט צו זיך אַליין:

— זי איז ווערט עפּעס בעסערס!

*

---

* באַלעבאָסטע.

שוין דער צווייטער אָוונט ווי אַלעק איז אויף נאַכטלעגער ביים ציגעלניע־אַרבעטער. דאָס מאָל איז ער געקומען אַליין, אָן דער מאַכאַרקע־פאַרקויפערין. געקומען, ווי דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעזאָגט: נישט צו שפּעט אין אָוונט און נישט פאַרן פינצטער ווערן. און ווייל ער האָט געדולדיק אויסגעהערט דעם באַלעבאָס וועגן זיין שווער לעבן און וועגן זיין בענקעניש צו דעם פעטן פעלד, האָט ער ביי אים נושא־חן געווען. ער האָט אים דערלויבט צו שלאָפן הינטערן אויוון, נישט אויף דער פּאָדלאָגע, ווו ס'איז געשלאָפן יאַדוויגאַ, די מאַכאַרקע־פאַרקויפערין. זי איז נאָך נישטאָ, וועט שוין אפשר היינט נישט קומען. וועט זי יאָ קומען, זאָל ער, אַלעק, נישט ענטפערן אויף איר פּלאַפּלען. „אַנומלט איז די כאַזייקע שלעכט געשלאָפן צוליב איר, דער יאַדוויגאַס, פּלאַפּלעריי", — זאָגט אים דער באַלעבאָס. זיין טיפע שטימע קלינגט מיט געבעט.

שטיל איז אין דער קיביטקע. די צוויי קינדער האָבן היינט געגעסן צו דער זעט און זיי שלאָפן געשמאַק. אָבער אַלעקן לאָזט נישט שלאָפן אַ געדאַנק, וואָס ער האָט געהערט פון איילמאַנען: „פאַרן קיין אַשכאַבאַד, דאָרט איז אַ גרענעץ". פון דאָרט קאָן מען קומען אין דער אָפענער וועלט און זיך כאָטש דורכשרייבן מיט דער היים. וואָס קאָן ראַכעלאַ איצט טראַכטן וועגן אים? ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. לילי דאַרף שוין גיין אין שול — צי איז בכלל דאָרט היינט דאָ אַ שול? אפשר לערנט זי גאָר אַליין, די טאָכטער, זי זאָל נישט בלייבן הינטערשטעליק, ווען עס וועלן זיך עפענען די שולן? ווו נעמט ראַכעלאַ אויף פּרנסה? זי קען בוכהאַלטעריע — אָבער צי איז דען דאָ ווו צו אַרבעטן?

יאַדוויגאַ איז געקומען. זי האָט בלויז אַ הייזעריק הוסטל געטאָן און זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס מאָל — אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער פענצטער־וואַנט. „ס'ציט אַ קעלט" — זאָגט זי — „שוין לאַנג ווי כ'האָב געטרונקען די טיי, איז די וואַרעמקייט שוין אויסגעוועפּט", — רעדט זי.

— זי וויל אַ ביסל שמועסן", — טראַכט אַלעק. אָבער ער גע־

דענקט, וואָס דער באַלעבאָס האָט אָנגעזאָגט און ער רופט זיך נישט אָפּ. זי פרעגט צי ער איז דאָ, רייבט אָן אַ שוועבעלע, פאַרלעשט עס באַלד. מיטן ערשטן אויפפלאַם האָט זי געזען, ווו ער ליגט. „שוין אַ דזשעדזשיץ", — זאָגט זי. זי שיבט זיך, רייבט זיך, כדי צו דערוואַרעמען. „היינט גוט פאַרקויפט די מאַכאָרקע. גאָרנישט געבליבן. ס'איז איר שוין היים געוואָרן", — זאָגט זי און פלאַפּלט נישט-געשטויגן, נישט-געפלויגן.

— כ'מוז זיך צעקנעפּלען, דעם לייב לאָזן אויספאַרען. ס'דאַכט זיך איר, אַז די בריסטן זענען איר ווידער פול געוואָרן, פון וואָס?... אַז זיי זענען שטייף, איז אַנדערש ווי זיי זענען ווייך... איצט פאַרשטיי איך, פאַר וואָס די מענער זענען אַ מאָל צוגעפאַלן צו מיר, ווי אַ קאַץ צו סמעטענע...

אָלעק האָט זיך געמאַכט שלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף, אפילו אַ ביסל אונטערגעכראָפּעט.

3

## דער מזלדיקער אברהם

טאַשקענט הילט זיך איין אין ווינטער בלויז ביי נאַכט. אַ דראָבנער שניי פּאַלט דאָ רויִק, ווי אויסגערעכנט, אַז קיינער זאָל אויף אים נישט קיין פּאַראיבל האָבן. די טאָפּאָלן אין דער אַלעע נעמען אויף דעם שניי, ער זאָל זיי העלפן חנדלען זיך אין זייער שלאַנקקייט. די גאַסן זעען עפּעס אויס רחבותדיקער.

מיטן אויפשיינען פון דער זון איז אויס שניי. די טאָפּאָלן שטייען אויסגעצוואָגן, ווי נאָך אַ טוש.

אין גערטנדל ביים וואָקזאַל זשומעט פון פּריש געקומענע עוואַקויִרטע. די מענטשן ראַיען זיך לעבן די „לאַרקעס", ווו עס ווערט פאַרקויפט ברויט. אַ רעגנדל פרישעט געלאַסן, ווי דורך אַ זייער. אָבער אַלעק איז שוין דורכגענעצט ביזן ביין. איין מאָל זיך אַריינגעכאַפּט אין דער דערנעבנדיקער „טשאַיכאַנאַ", געטרונקען אַ „פּיאַלע" טיי, זיך דערוואַרעמט און צוריקגעלאָפן זיך שטעלן אויף זיין אָרט אין דער ריי נאָך ברויט.

היינט איז ער שוין נישט אַליין. דער נעכטיקער עשאַלאָן האָט אים געבראַכט אַ ידיד־נפש, דעם מזלדיקן אברהם. אויך ער שטייט אין דער ריי נאָך ברויט. זיי טוישן זיך — אַ מאָל כאַפּט ער זיך אַריין אין דער טשאַיכאַנאַ און אברהם היט אים ס'אָרט, אַ צווייט מאָל כאַפּט אברהם זיך אַריין אין דער טשאַיכאַנאַ און אַלעק היט אים ס'אָרט. צוליבן נישט־אויפהערנדיקן רעגנדל, זענען זיי לסוףביידע אַריין אין דער טשאַיכאַנאַ.

דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי זיך געזען אין ביאַליסטאָק — אַ שבת פאַרן אַרעסט. ער, אברהם, איז דאַן געקומען זיך דערוויסן וואָס עס באַדייט איבעררעגיסטראַציע. יעדער פון זיי איז פאַרשיקט געוואָרן אין אַן אַנדערן לאַגער.

ווען זיי האָבן זיך פּלוצלינג דערזען, זענען זיי לאַנגע מינוטן געשטאַנען אַרומגענומען און געשוויגן. איינער האָט געזען ביים אַנדערן דעם פייכטן גלאַנץ אין די אויגן. ביידע האָבן זיך באַהערשט, נישט אַרויסצווייזן קיין שוואַכקייט.

אברהם איז געווען אין לאַגער אוכטאַ-געגנט — קאָמי-רעפּובליק, אַזוי ווי אָלעק, נאָר אין אַן אַנדער העק, נישט ווייט פון אַ נאַפטבאַזע. ער איז דאָרט „אויסגעגאַנגען אַלע קלאַסן"... געווען „דניעוואַלני", געאַרבעט אין וואַלד מיט דער האַק און זעג; אומגעוואָרפן דעמבעס, געקאָרטשעוועט פּניאַקעס, געשאַרט שניי, געגראָבן גריבער, אַריינגעשטעלט סלופּעס פאַר דער עלעקטריפיקאַציע; ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אַ צענדליק קילאָמעטער. זיין „סראָק" — 5 יאָר ס.אָ.ע. ער איז אָנגעגריפן געוואָרן פון שקאָרבוט. ס'לייב איז אים באַשאָטן געווען מיט מכות. אין אַ מוראדיקן פראָסט שיער נישט געבליבן אַ מאָל אַ בר-מינן אין וואַלד. ער האָט נישט נושא-חן געווען ביים „נאַריאַדטשיק".* יענער האָט אים איבערגעשיקט אין אַ בריגאַדע פון „סטאַכאַנאָווצעס"** — 3 נאָרמעס פאַר צוויי קאַטאָרזשניקעס — בכיוון: ער זאָל פאַלן, דער שניי זאָל אים פאַרדעקן...

אַברהם האָט געשריגן:

— העי, שלעפּ נישט, כ'בין אַ טאַטע פון אַ בן-יחיד, כ'וויל אים נאָך זען!...

ווער האָט דען געהערט דעם רוף? ער אַליין, דער וואַלד, די טייגע.

---

* אַרבעט-פאַרטיילער.

** שלאַגלער.

## אין דער פרעמד

א מערכה, מ׳האָט באַדאַרפט א געהילף־רעזשיסער אויפצו־פירן א טעאַטער־שטיק, האָט מען אים גערופן פון דער אופּראַוו־ליענע.

צו מאָרגנס איז די בריגאַדע אַוועק אין די שנייען, און ער איז געבליבן אין דער זאָנע. געפּאַכעט מיט די טאַלאַנען דעם „נאַריאַד־טשיק" פאַר די אויגן:

— „וואָט!" זיך פאַרדינט „סטאַכאַנאָווסקי"!...

*

דער מזלדיקער אברהם איז א באַקאַנטער שריפטשטעלער און דיכטער. געווען רעדאַקטאָר פון א ליטעראַרישער ביילאַגע אין א צייטונג.

ווען די ביטערע גהינומדיקע טעג זיינע רעדט ער לאַקאָניש. ער וויל אָבער נישט אונטערשטעלן די צווייטע באַק... א מאָל א סאָציאַליסט, קלינגט אים איצט ווי חוזק דער רוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!".

אָבער אברהם איז נישט בייז. ס׳פאַרדריסט אים בלויז, וואָס די דערפאַרונג איז צו אים געקומען אויף אַזאַ אופן. דורך לאַגער און קאַטאָרגע.

געזען טאַקע א וועלט פון פאַרשטויסענע. א תהום. א „יענע וועלט"... ווען וואָלט ער דען געהאַט אַזאַ געלעגנהייט? אָבער ער איז זיי גאָרנישט דאַנקבאַר, דער ענקאַוועדע...

אין דרויסן טריפט נאָך דאָס רעגנדל. די טשאַיכאַנאַ איז אי־בערפולט פון אוזבעקן, שוין די שוועל נישט איבערצוטרעטן. די, וואָס זיצן ביים דעמבענעם טיש, רירן זיך נישט פון אָרט. אויך אָלעק און אברהם האַלטן נאָך נישט ביים אַרויסגיין. זיי באַשטעלן נאָך טיי.

*

דאָס גערטנדל איז אָנגעפּראָפּט מיט עוואַקויִרטע. דער רעגן

האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויף פּעק, וואַליזקעס, זענען אויסגעשפּרייט געוואָרן פּערענעס, קאָלדרעס, אויסצוטריקענען אויף דער זון. מען טריקנט אויך פּאַלטנס, פּאַטשיילעס. עלטערע מענטשן זיצן אויף די פּעק מיט די פּלייצעס אויסגעשטעלט צו דער זון.

ביי די „לאַרקעס" פון ברויט זענען היינט טאָפּלטע רייען, זיי ציִען זיך אַזש ביז די טויערן פון ביידע זייטן געראַטנדל.

אַלעק און אברהם ישובן זיך: צי וועט נישט זיין אומזיסט דאָס שטעלן זיך אין דער ריי?

— ברויט קומט נישט לייכט אָן — זאָגט אַלעק.

— אַפילו אין דער שטאָט פון ברויט? — וואונדערט זיך אברהם.

לעבן זיי שטייט אַ מענטש, קרוב די זעכציקער. ס'פּוטערנע היטל, אַראָפּגערוקט איבערן שטערן, רירט כמעט אָן זיינע בריל-רעמלעך. ער האָט נאָר וואָס אויסגעלייגט אָן איבערבעט צו טריקענען אויף דער זון. שטייט ער אויף דער וואַך, „פּאַצאַנעס" זאָלן עס נישט צולקחנען. אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסן אַ שווער געמיט.

מיט אַ מאָל פרעגט ער: איז ער זיי נישט קענטלעך?

ער וואַרט נישט אויפן נעענטערן באַקענען זיך. ער שלאָגט זיי פאָר זיך צו שטעלן פאַר אים אין דער „אָטשערעד" נאָך ברויט. ער האָט אַ רעזערווירט אָרט, מוז ער אָבער שטיין דאָ און היטן די פּעק. די פרוי איז צוגעקילט, זי שטייט אין דער ריי צום דאָקטער לעבן עוואַקאָפּונקט. ער וועט באַצאָלן אַ „קאָמערטשעסקע" פּרייז.

אברהם באַשטייט. ער וויל אויספּרוּוון זיין מזל און עפּעס אַריינטראָגן אין די שותּפותדיקע הוצאותן.

איז אַלעק געבליבן מיטן עלטערן מענטש.

יענער האָט געפרעגט:

— וואָס דרייט איר זיך דאָ אַרום?

— מיר וואַרטן אויף אַ נס... — האָט אַלעק געענטפערט בייסיק.

— וואָס איר וועט זיך אַליין נישט טאָן, וועט איר נישט דער-גרייכן.

— זענט איר ווען געווען אַ ביעזשעניעץ?

— יאָ.

— ווען?

— ביי קערענסקין.

— נאָך אַלץ נישט קיין פאַרגלייך מיט אונדז, ביעזשענצעס פון פוילן.

— יאָ, איר פוילישע זענט בכלל אַנדערש.

— מיר זענען אַנטלאָפן פון מחבל, און וואַרטן.

— אין קערענסקים צייטן בין איך אַנטלאָפן קעמפן, און נישט וואַרטן...

— איר האָט נישט געהאַט קיין היטלער.

דער מענטש האָט ביידע זין אויפן פראָנט. די טאָכטער — אין שפּיטאָל, אַ קראַנקן־שוועסטער. ווען ער וואָלט געווען מיט אַ צען יאָר יינגער און די פרוי וואָלט געזונט געווען, וואָלט ער זיך אויך געשטעלט אין דער אַרמיי.

דערווייל איז איילמאַן צוגעפאַלן צו אַלעקן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. די אויגן צעגלאַנצט און פריידיק, וואָס ער האָט אים גע־טראָפן. ער זוכט אים שוין אַ צייט. ער האָט אַ פאָרשלאָג, אָן אַר־בעט. ס'וועט זיי אַלע דריי דערהאַלטן ביים לעבן:

— די חברה־קדישא דאַרף אַרבעטס־הענט. אַחוץ וואָס עס איז אַ מצווה, איז געזיכערט 800 גראַם ברויט אַ טאָג.

אַלעק קוקט אויף אים מיט פאַרמרוזשעטע אויגן — צו וואָס דער גורל קאָן אַלץ דערפירן. עס שטיקט אים אין האַלדז. ער זוכט אַברהמען. ער קוקט צום אַטשערעד און זעט אים נישט.

*

אין אַטשערעד ביים „לאַראָק", ווו אברהם האָט זיך גע־שטעלט אויפן אָרט פון דעם עלטערן מענטש, איז מיט אַ מאָל גע־וואָרן אַ גרויס געדראַנג און אַ פלאָנטער. שטאָטישע יונגען זענען

געקומען, צוגעפאַלן צום לאַראָק־פענצטערל. דער „אַטשערעד" איז זיך צעפאַלן. אַ שטופעניש, אַ געדראַנג; עס שרייען פרויען און מענער, מען שעלט זיך, מען זידלט זיך, מען רופט הילף:

— כ׳שטיק זיך!

— אָטעם! אָטעם!

— בליאַדי! *

— מערזאַווצי! **

אין קנויל, צווישן דער צעיושעטער חברה, וואָס האָט זיך אָפּ־געריסן צו מאַכן דעם געדראַנג, שטופּט זיך אברהם, דער צושטיילטער פרוטער פון פּאַליצייער אין פרשוינ אויסגעסייעטנע ווענט. ער שרייט און קאָן זיך נישט אַרויסדרייען פון קנויל. זיין פּנים איז קאַלכווייס, ס׳היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן, ס׳פעלט אים אָטעם, ער קאָן צע־טרעטן ווערן. ער שפּאַרט זיך אָן מיט די עלנבויגנס אין אַ קנויל פון פּלייצעס, הייבט זיך אויף, ווי ער וואָלט הענגען אין דער לופטן.

אָלעק ציט אוים די הענט, וויל דערלאַנגען אַוועקצוכאַפּן פון אברהמען די לעבלעך ברויט, און ער קאָן אים נישט דערגרייכן.

מיט אַ מאָל האָט אברהם זיך אַראָפּגעלאָזט. פּלוצלינג איז דער קנויל לויזער געוואָרן. אָלעק זעט נישט אברהמען און נישט די לעבלעך ברויט.

— אברהם, אברהם! — רופט אָלעק אויפן קול.

אברהם איז דאָ, ער שטייט ביים אַלטן עוואַקוירטן, וואָס האָט אים געגעבן צו קויפן דאָס ברויט. ער איז טאַקע אַראָפּגעשטופּט געוואָרן ווען ס׳איז אַ ביסל לויזער געוואָרן דער קנויל. אָבער ער האָט באַוויזן צו באַהאַלטן די לעבלעך אונטערן „בושלאַט".*** די לעבלעך זענען גאַנץ.

אַ מזלדיקער, דער אברהם...

* הורן־זון.

** מנוולים.

*** אויבעררעקל.

## 4

# פאַרשווינען פון אַ טשאַיכאַנאַ

קאַגאַן, אַ באַן־סטאַציע, נישט ווייט פון טאַשקענט, פירט קיין בוכאַרע. די סטאַציע קאַגאַן, מיט איר גרויסן, ברייטן וואָקזאַל־בנין, זעט אויס רייך און חשוב ביי זיך, ווי אַ מיוחסדיקע מחותנתטע אויף אַ חתונה.

קאַגאַן איז אַ גרויס שטעטל מיט געפלאַסטערטע גאַסן, פאַר־טער־הייזער פון ציגל און ליים. ס׳רוב איינוווינער איז פאַרבונדן מיט דער באַן־סטאַציע.

איין גרויס הויז איז פאַראַן אין קאַגאַן — אַ געוועזענער פּאַ־לאַץ פון די צייטן, ווען ס׳האָבן דאָ געהערשט די עמירן. אַרום דעם הויז — אַ ברייטער גאָרטן מיט הויכעביימער. היינט איז אין דעם הויז דער „עוואַקאָפּונקט”. דאָרט באַקומט מען ברויט, צידה לדרך פאַר די עוואַקויִרטע.

— נאָן יאָק! — הערט מען דאָרט אַן ענטפער.

די קיך־קעסלען זשאַווערן — נישטאָ קיין פּראָדוקטן.

צוויי באַאַמטע ביי די פענצטערלעך אין „עוואַקאָפּונקט”. זיי רעגיסטרירן — וויפל עס האָבן אַלץ געבעטן ברויט... גערן גיט מען אָנווייזונגען אויף אַרבעט אין אַ קאָלכאָז.

אַבי וואָס ווייטער!

אין צוויי הייזקעס, פוןביידע זייטן גאַס, איז די מעלדונג־שטעלע פון די פּוילישע בירגער, וואָס פאָרן אין דער אַקערשט־אָרגאַניזירטער אַרמיי.

אַלעק און אברהם שטייען ביים פענצטערל פון דער מעלדונג־שטעלע. אַ הויכוווּקסיקער, בלאָנדהאָריקער מאַנצפּאַרשוין שטעלט זיך אַוועק פון יענער זייט פענצטערל. ער טראָגט נאָך די אַלטע בלוזע, אויף וועלכער מען קאָן זען צייכנס פון אַ סערזשאַנט־ראַנגע.

— איז דאָ אויף וואָס צו וואַרטן?

— סיי ווי איז נישטאָ קיין צוג אָפּצופאָרן...

אַלעק און אברהם האָבן טאַקע נישט וואָס צו איילן זיך. פאַר־פירן זיי אַ שמועס מיטן געוועזענעם אונטעראָפיציר: צי האָט ער ידיעות פון פאָטערלאַנד?

— וועגן אייערע מיינט איר?

— ווייסט איר עפּעס?

— נאָך נישט געהערט?

— וואָס?

— זיי זענען קאָנצענטרירט אין צוויי באַצירקן: 4—5, בערך אַ חדשים צוויי, דאַכט זיך.

— אַ זיכערע ידיעה?

— אַ שטאַב־באַריכט.

שעהען זענען אַלעק און אברהם געזעסן אויפן בריקל פון דער רעגיסטריר־שטעלע, זיי האָבן אויסגערעכנט די גאַסן אין די צוויי באַצירקן און זיך פאַרגעשטעלט די ענגשאַפט, וואָס איז געוואָרן אין די וווינונגען, ווו מ'האָט געמוזט אַריינגעמען די איינוווינער פון די אַנדערע באַצירקן.

— פּשוט אַ געטאָ.

— דאַרע האָט זיך נישט באַדאַרפט אַריבערטראָגן — רעדט צו זיך אברהם — ס'געטאָ האָט זי פאַרכאַפּט. כ'וואָלט געוואָלט זי זאָל נישט טראַכטן וועגן מיר, נאָר זיך האַלטן און איבערהאַלטן. כ'מיין, אַז אונדזער בן־יחיד, וואָס איז צוריקגעלאָפן פון ביאַליסטאָק, איז מיט איר, העלפט מיט עפּעס דער מאַמען זיינער...

— און אַז כ'וועל שוין אָנטאָן אַ שינעל, וועט עס זיין אַ טרייסט פאַר מיין ראַכעלאַן? — פרעגט זיך אַלעק.

# אין דער פרעמד

*

די טשאַיכאַנאַ איז געווען איבערפולט. דער טשאַיכאַניסט האָט פאַרמאַכט די טיר נאָך פאַר דער אָנגענומענער צייט.

אין דרויסן זענען געשטאַנען נאָר זיי ביידע, האָט דער טשאַי-כאַניסט זיי אַריינגעלאָזט, אָבער פון פאָרויס געזאָגט:

— נישט צו שלאָפן!

אַלע פריטשעס זענען שוין געווען באַלייגט, באַצייטנס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן די ערטער. די ליגנדיקע אויף די פריטשעס זע-נען געשלאָפן, אַ טייל האָט געכראָפּעט אויף דער גאַנצער פאַרע. אָבער אַן אָרט לעבן דעמבעבנעם טיש איז דאָך געווען.

אַלעק האָט באַשטעלט טאָפּלטע פּיאַלעס טיי, דער טשאַיכאַ-ניסט זאָל האָבן אַ פאַרגיטיקונג, וואָס ער האָט זיי אַריינגעלאָזט. אויסטרינקען צוויי פּיאַלעס וועט נעמען צייט. דער טשאַיכאַניסט וועט פאַרגעסן, און זיי וועלן בלייבן נעכטיקן.

צוויי פאַרשוינען, נישט-שלאָפנדיקע, האָבן אויסגעזען גאָר פאַרדעכטיק. אין דער טשאַיכאַנאַ איז געווען אַ היץ, און זיי האָבן אויפגעשטעלט די קאָלנערס, ווי ס'וואָלט געווען אַ גרויסע קעלט. זיי קוקן זייטיק, כאָטש זיי זענען גאַרנישט שיקלדיק. דער העכע-רער — ביי אַ ליאַדע באַוועגונג אויף אַ פריטשע, ווייסט שוין פון וועלכן ווינקל עס קומט. ער ווייזט אָן דעם טשאַיכאַניסט, יענער פאַרמרוזשעט אַן אייגל.

די צוויי פאַרשוינען שטעלן זיך אַוועק לעבן אַ באַשטיוולטן אויף דער פריטשע. זיי שטייען, ווי זיי וואָלטן זיך עפּעס געישובט. איינער פאַרשטעלט דעם צווייטן און כהרף-עין גייען זיי אַוועק, פאַרשווינדן, ווי שאָטנס. אויף דער פריטשע האָבן זיך שוין נישט געזען מער די באַשטיוולטע פיס... דער טשאַיכאַניסט ווינקט צו אַלעקן, אַז ער דאַרף זיך מאַכן נישט זען. אַ פּיפּס קאָן ברענגען אַ מעסער אין רוקן.

אַברהמען האָט שוין עפּעס ענלעכס געטראָפן: אויפן וועג

קיין טאַשקענט האָבן זשוליקעס אַראָפּגעצויגן פֿון אים אַ פּאָר הויזן. אַ מערכה, וואָס צוליב דער קעלט האָט ער געטראָגן צוויי פּאָר.

— כ׳וועל זיך באַמיִען נישט איינצושלאָפֿן — זאָגט ער.

— פֿון מיר האָבן זיי נישט וואָס צו שלעפּן.

— און די מעשטעס?

— אַפֿילו אַ משוגענער וועט זיי נישט קויפֿן.

— אָבער דערווייל וועסטו גיין באָרוועס.

פֿלוצלינג האָט אברהם זיך פֿאַרוואָלקנט:

— ווי מיינסטו, אָלעק, וועלן מיר אויסהאַלטן דאָס וואַלגערן זיך אין קויט?

— אַ בראָדיאַגע האָט לאַנגע יאָרן...

— זאָל עס טאַקע אמת זיין וואָס דער סערזשאַנט האָט געזאָגט?

— וועגן געטאָ?

— זאָל נאָר דאַרטן נישט אויסברעכן קיין עפּידעמיע... אין דער ערשטער וועלט-מלחמה איז נישט געווען קיין געטאָ, און אַ טיפֿוס האָט געבושעוועט.

ביידע האָבן זיך פֿאַרטראַכט.

— ווייסטו וואָס כ׳בין דערגאַנגען? מיר האָבן אַ גרויסן חסרון — זאָגט פֿלוצלינג אָלעק.

— דהיינו?

— מיר קאָנען נישט שלאָפֿן שטייענדיק...

ס׳זענען ווידער אַריינגעקומען די צוויי טונקעלע פּאַרשוינען. דער טשאַיכאַניסט האָט פֿאַרלאָשן ס׳ליכט ביים בופֿעט, געלאָזט ברענען אַ קליין לעמפּל און איז אַריין אין זיין אַלקער. די צוויי פּאַרשוינען האָבן זיך צוגעזעצט צו אָלעקן און אברהמען:

— איר זענט פֿון פּרונזער ראַיאָן? — ווענדט זיך דער העכערער צו אָלעקן.

— ניין.

— איר קלערט צו בלייבן דאָ לאַנג? דאָ קומט זעלטן אונטער עפּעס אַן אָביעקט, אַ שאָד די צייט. קומט מיט אונדז קיין טאַש־קענט. דאָרט איז דאָ אַ סך.

אברהמען און אַלעקן האָט עס פאַרהאַקט דעם אָטעם: „ווי אַזוי פּטרט מען זיי?"

אברהם כאַפּט זיך פאַרן בויך: געקריגן קראַמפּן. אויך אַלעק כאַפּט זיך פאַרן בויך.

דער פאַרשוין ווייזט זיי אַן אויפן אַלקער.

ביידע זענען גלייך אויפגעשפּרונגען און אַריין אין אַלקער.

*

וואָס זיי זענען נישט דערשלאָפן די נאַכט, האָבן זיי באַגינען צוגעדרימלט אויף דער באַנק אין סקווער לעבן דער בילעטן־קאַסע.

דעם פאַרמיטאָג האָבן זיי צוויי מאָל געזען זיך מיטן סערזשאַנט אין ביוראָ פאַר די פּוילישע. דער הונגער האָט זיך צעשפּילט. שוין דאָס וויפלטע מאָל ווילן זיי אַריין אין רעסטאָראַן פון וואָקזאַל און דער וועכטער ביים אַריינגאַנג טרייבט זיי אַוועק. זייער הלבשה איז נישט פאַרן כבוד פון דער אינסטיטוציע. דער סערזשאַנט האָט נישט געהאַט קיין ברויט זיי צו געבן, האָט ער זיי געגעבן אַן עצה ווי אַזוי דאָך אַריינצובאַקומען זיך אין וואָקזאַל־רעסטאָראַן: זאָלן זיי זיך אַריינשטעלן צווישן צוויי אָרטיקע געסט, וועמען דער וועכ־טער קען. ער וועט נישט מעיז־פּנים זיין קעגן באַקאַנטע בירגער.

צוויי בופעטן זענען פאַראַן אין וואָקזאַל־רעסטאָראַן. ביי איי־נעם קריגט מען ביר, אַ גרויסע קופלע שוימיק ביר, אָבער בלויז איין קופלע אויף אַ גאַסט.

דער הויפּט־בופעט, אַ געגלאָזטער, גיט אַרויס 300 גראַם ברויט צו אַ מאָלצייט. קודם עסן די פּריווילעגירטע: פּאַסאַזשירן מיט „קאָמאַנדיראָווקעס" און פּאַרטיי־מיטגלידער.

די קעלנערקע רוימט פון די טישלעך. אַ פּאַסאַזשיר האָט אי־

בערגעלאָזט אַ פּענעצל ברויט. די קעלנערקע נעמט דאָס ברויט אויפֿן טעצל, שטעלט עס אַוועק לעבן פענצטער.

ביי אַלעקן און אַברהמען, וואָס זענען אַריין אין רעסטאָראַן אַזוי, ווי דער סערזשאַנט האָט זיי געלערנט, האָט אַ שפּיל געטאָן אַ גלאַנץ אין די אויגן. זייער בליק איז געווען געווענדט אויפֿן פּענעצל ברויט:

— זי וועט עס פאַרגעסן.

— די קיך וועט עס אַריינטאָן אין פליש.

— ס׳איז אַוועקגעשטעלט אויף הפקר.

— אפשר אָפּגעלייגט פאַר אַ באַקאַנטן?

— אפשר וועט זי עס אונדז דערלאַנגען צו דער זופּ?

— שוין נישטאָ קיין ברויט. „זופּ אָן ברויט" — הערט מען רופֿן פֿון קיך.

— וועסט זען, מיט די אויגן וועל איך דאָס צוציִען.

— ווי אַזוי ציפּט מען דאָס אַוועק?

— ס׳איז קיינעמס נישט. גיי נעם עס.

— כ׳שעם זיך.

— ס׳איז אַ פיין פענעצל.

— גיי צו, כ׳וועל דיך פאַרשטעלן — און אַריין אין קעשענע!

אַלעק האָט ראַפּטעם זיך אויפגעשטעלט, אויסגעשטרעקט די האַנט צום פענעצל. פאַר די אויגן האָט ער פלוצלינג דערזען די צוויי פאַרשוינען פון דער טשאַיכאַנאַ. ס׳טעצעלע האָט זיך מיט־געשלעפּט מיטן פענעצל, איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן.

גלייך זענען צוגעקומען דער „זאַוו", די קעלנערקע. זיי קוקן אויף אַלעקן, אויף זיין אויסגעשאָכניעט פּנים.

— טשעפּוכאַ, נאַרישקייטן! — רופט אוים דער „זאַוו" — ס׳איז נישט געווען קיין ניי טעצעלע, אַ שטשערב געהאַט...

— ס׳איז געווען געשפּאָלטן, — באַשטעטיקט די קעלנערקע מיט אַ מילדן שמייכל.

די צוויי פאַרשוינען האָבן געקוקט קרום און מיט ביטול...

5

## אַ דריטער צום מזומן

ער איז געשטאַנען אויפֿן פּעראָן צווישן עוואַקויִרטע פֿון אַן עשאַלאָן, געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט מיטן לבוש זײַנעם: גרינע ווײַקלשנורן אָנשטאָט זאָקן, און שלעכט, אומגעלומפּערט פֿאַרוויקלט. ס׳האָט זיך אַרויסגעזען דאָס לײַב. די בלוזע איז געווען פֿון עפּעס אַן אויסטערלישן שניט. די קעשענעס, ווי זעק. די פֿאַרב פֿון שטאָף — שטאַרק אָפּגעשאָסן פֿון דער זון. אַ טאָפּלטע רײ מעשענע קנעפּ בײַ דער בלוזע, און אַ פּאַסיק מיט מעשענע שנאָלן.

זײַן פּנים איז אויך געווען אַ גוטער מאָדעל פֿאַר אַ קאַריקאַטור־ריסט: אַ שפּיציקער שטערן, איין אויג העכער פֿאַרן צווייטן און אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז; אײַנגעפֿאַלענע באַקן, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין צײן אין מויל. די גאָמבע — שפּיציק, אָנגעדרייט, ענלעך צו אַ פֿראַגע־צייכן. ער איז געווען פֿאַרקוקט אויף צוויי פֿרויען, וואָס זענען געזעסן אויף אַ קויש: אַן עלטערע פֿרוי און אַ יונגע — ווײַזט אויס, אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. די מאַמע, אײַנגע־הילט אין אַ טוך, האָט אויסגעזען נישט אין גאַנצן געזונט. די טאָכטער, אַ שאַטינע, געשוירן אַלאַ גאַרסאָן, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ ווינטערקלייד פֿון גוטן שניט, אויסגעפּאַסט אויף איר דיקלעכן גוף.

דער, אין די גרינע ווײַקלשנורן, האָט נישט געקוקט אויפֿן פּנים פֿונעם מיידל. ער האָט געקוקט ווי זי שאָבט מיט אַ לעפֿל אַן עפּל, און דאָס אָנגעריבענע גיט זי דער מוטער צום מויל.

די מוטער נעמט נישט גערן דאָס עסן. דעם צווייטן לעפל וויל זי שוין בכלל נישט נעמען. זי קערט אָפּ דעם קאָפּ. ער, אין די גרינגע וויקלשנורן, פאַרקרימט זיך און וואַרפט מיט די הענט אומ־צופרידן. געמיינט האָבן אַלעק און אברהם, אַז ער געהערט צו דער משפחה. זענען זיי אים פאַרבייגעגאַנגען און גערעדט צו זיך.

ער האָט זיי פאַרהאַלטן:

— דער אַלטער איז דער שכל נישט געקומען מיט די יאָרן... ווען מען דערלאַנגט דאָס מיר אַזאַ ביסן...

— הייסט עס — אַ פרעמדער. פון וואַנען, וואָס, ווען?

— פון וואַנען אַ ייד?

— פון יאַס.

— ווּהין פאָרט אַ ייד?

— היינט פון דאַנען קיין טאַשקענט. אַז כ'וועל נישט טרעפן, איז מאָרגן ווידער אַהער.

— צו וואָס דער אַהין און צוריק?

— כ'בין אַ טאַטע פון פינף קינדער און האָב זיי פאַרלוירן אין וועג, אויף אַ סטאַציע. אַראָפּ כאַפּן עפּעס פאַר פרוי און קינדער אַ קיי צו טאָן. אַרוים פון בופעט אויפן פעראָן, איז שוין דער צוג נישט געווען. אַנגעלאָפן אַ צווייטער צוג. זיך אַרויפגעכאַפּט, גע־מיינט דעריאָגן דעם אַנטלאָפענעם מיט די קינדער, איז דער צוג גאָר פאַרפאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג. אַזוי פאָר איך איצט אַהין און צוריק און זוך. מסתמא טוט מיין פרוי דאָס זעלבע און ס'קאָן זיין, מיר מיידן זיך אוים. דאָס מאָל האָב איך באַשלאָסן אָפּוואַרטן. טאָמער קומט זי אָן.

אַלעק קוקט זיך איבער מיט אברהמען — עפּעס אומגלויבלעך איז די דערציילונג. דער אין די וויקלשנורן באַמערקט דאָס.

— איז מיין נאָמען נישט מאָטים! — שווערט ער זיך.

ער קלאַפּט זיך אין האַרץ:

— לאָזט רעדן צו זיך. גלייבט יאָ, גלייבט נישט. מיין נאָמען איז מאָטים. אויב איר ווילט אַ גראַם — איז שמאָטעס.

ער ווערט דרייסטער:

— כ׳האָב אַ קישקע נישט אָפּצונאַרן מיט אַ קרישקע...

— כ׳לעבן, ס׳קומט דיר אָן גרינג צו גראַמען, — שמייכלט אַלעק.

— כ׳האָב אַ בן־עיר, אַ חכם אַ פּאָעט. איך בין מיט אים צום גראַם אַ קאָמפּלעט.

— אָן עקזעמפּליאַר, — זאָגט אַלעק צו אברהמען.

מאַטיס האָט עס דערהערט:

— אָן אָביעקט פון אַ ווייטן העק; קען נישט צובינדן אַ קאָץ קיין עק. כ׳קען עסן פאַר צען און בלית ברירה הונגערן אויך. זאָגט זשע: קאָן מען ווערן פון הונגער ז—אַ—ט?

אַ צוג איז אָנגעפאָרן. אַלעק האָט אים אָנגעקוקט:

— פאָרסט נישט?

— נישט דעם צוג מיין איך.

— מיר וועלן פאָרן.

— פאָר איך מיט אייך. אַ דריטער צום מזומן.

*

שוין צוגעפאַלן דער אָוונט. טונקל, ווי מען וואָלט פאַררוקט די פאָרהאַנגען. דער הימל פוסטעוועט. נאָך האַלבער נאַכט וועט ערשט קומען די גרויסהאַלטערין, די לבנה. האָט מאַטיס אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אַ געגנט — אַ גן־עדן אויף דער ערד. אַלעק וויל הערן פּרטים. ער האָט זיין „נאַפּראַוולעניע" אין אַ קאָלכאָז, וואָס באַרעכטיקט צו פאָרן אָן אַ בילעט, איבערגעמאַכט פון 2 אויף 3. כדי מאַטיס זאָל נישט בלייבן, האָט ער אים געלאָזט דעם ערשטן אין וואַגאָן אַריין.

אין מזומן קיין בוכאַרע!

אין קופּע איז פינצטער, אָבער די רייזע וועט לאַנג נישט דויערן. באַלד וועט מען אויסשטייגן. אין די וואַגאָנען — וויניק פּאַסאַזשירן.

אין זייער קופּע — בלויז זיי דריי. הערן זיי ווידער מאַטיסן דער־ציילן: דאָרט, אויף יענער זייט קאַספּישן ים איז עס. דאָרט איז נישטאָ קיין „אַטשערעדן" נאָך ברויט. גרויסע קאָנסערוון־פאַבריקן. מ'דאַרף אַרבעט־הענט. מכאַטש־קאַלאַ הייסט דאָס מקום. די הערינג, וואָס די פאַבריק גיט יעדן אַרבעטער אַהיימצונעמען, קאָן מען טוישן אויפן „טאָלטשאָק" אויף וואָס מען וויל. ער, מאַטיס, איז דאָרט געווען. זיין ווייב איז אַן אשת־חיל. ס'קאָן זיין זי איז צוריקגעפאָרן. ער וועט אַהינפאָרן און זיי וועלן זיך דאָרט טרעפן.

— וועסטו אונדז מיטנעמען?

— צו וואָס דען האָב איך זיך צוגעבונדן צו אייך, אויב נישט צוליב מכאַטש־קאַלאַ?...

— קאַרטאָפל איז דאָ?

— בולבעס? ס'הייסט בולבעס? יעדע איינע — אַ ציגל די גרייס.

— און מאַכאָרקע קריגט מען?

— מאַכאָרקע? דאָרט רייכערט מען פּאַפּיראָסן!

אַלעק און אברהם האָבן זיך איבערגערעדט געמישט מיט פּויליש: „ער בלאָפט. אויב ער איז דאָרט געווען — פאַר וואָס איז ער אַוועק פון אַזאַ גן־עדן און חלשט איצט נאָך אַ בים חמץ?"

מאַטיס פאַרשטייט נישט קיין פּויליש, נאָר לויטן לעצטן וואָרט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיי מיינען אים:

— צ'רעדט, אַז מכאַטש־קאַלאַ איז אַ בלאָף?

— פאַרשטייסט פּויליש?

— אַ קרענק.

— טאָ פאַר וואָס מיינסטו?

— איך אויף אייער אָרט וואָלט אויך אַזוי געטראַכט.

אַלעק האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט. ער וויל גלייבן מאַטיסן, נאָר עס לייגט זיך אים נישט אויפן שכל. אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, האָט געהאַט ברויט בשפע — וואָס איז ער געלאָפן זוכן? אַ טאַטע

פון פינף קינדער זאָל אויסגיסן דאָס אומריינע פאַרן ריינעם? ניין, אין בוכאַרע דאַרף מען מאַטיסן פאַרלירן...

*

די „בוכאַרקע" (דריי-וואַגאָנען-צוג) פאָרט אַ פאַרשלאָפענע, וואַקלט זיך ווי אַ שיכורע. נאָענט צו דער סטאַציע שאַרט זי זיך ממש צו צום וואָקזאַל.

נאָך פאַר חצות זענען זיי אָנגעקומען. אַלעק לויפט: שוין אָפּגערעדט מיט אברהמען, ווו זיך צו טרעפן — ביי דער טשאַי־כאַנאַ. אָבער דאָרט: ס׳קאַצל קומט! מאַטים איז דאָ!

— צ׳האָט חרטה אויפן מזומן?

— אונדז איז גוט אין צווייען.

— מיר דריי זענען איינס.

— פאָרט אייך קיין מכאַטש-קאַלאַ.

— צוזאַמען!

— מיר פאָרן אַרבעטן אין אַ קאָלכאָז.

— צוזאַמען!

— דאָס האָבן מיר נישט געזאָגט.

— איך זאָג עס.

— זענען מיר אייך עפּעס שולדיק?

— ניין, איך אייך!

— מיר זענען מוותר.

— איך נישט. כ׳האָב צוגעזאָגט צו פירן קיין מכאַטש-קאַלאַ און ווייזן אייך דעם אמת.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויפן בריקל און פאַרעקשנט געשוויגן.

— צ׳ווילט זען דעם אמת? — רייסט מאַטים איבער דאָס שווייגן — צ׳ווילט זען, צי כ׳בין אַ טאַטע פון פינף קינדער? ביטע, לייענט אין מיין פּאַס.

אַלעק גייט אַריין אין וואָקזאַל צו דער ליכט און קומט גלייך צוריק מיטן פּאַס. ער רעדט שוין גאָר אַנדערש:

— דער פּאַס 6 און מיר דריי — 9 פּאַרציעס ברויט וועט געבן דער עוואַקאַפּונקט.

אַן עסעדיקע קעלט האָט זיך אָנגעטראָגן. ביזן טאָגן איז נאָך ווייט. אין דער טשאַיכאַנאַ קאָסט אַ נאַכטלעגער 3 רובל. מאַטים האָט נישט קיין צווייער אין קעשענע, אָבער אַלעק וויל איצט האַלטן מאַטיסן לעבן זיך און אים נישט לאָזן אויף דער גאַס.

— ס'לוינט נישט — וויל מאַטים זיך אַרויסדרייען — כ'האָב אַ נטיה צו לויפן עטלעכע מאָל אין דער נאַכט און משתין זיין. ס'לוינט נישט.

— נאָך פאַר חצות איז שוין אַזאַ קעלט. וואָס וועט נאָך זיין שפּעטער?

— כ'על מיך שטעלן ביי דער קאַסע נאָך אַ בילעט.

— קיין מכאַטש־קאַלאַ?

— האָטץ קיין מורא נישט, צ'געפעלט מיר, כ'על אייך נישט פאַרלאָזן.

— מיר קאָנען פאַרגעסן דיך צו זוכן, מאַטים.

אַ ברוינע, ווי אַן אויסגעבאַקענער האָניקלעקעך, האָט די לבנה זיך אַרויסגערוקט פון הינטער די קופּאָל־דעכער. זי האָט אָנגעזאָגט נאָך אַ גרעסערע קעלט.

## 6

# מאַטיס מיטן „לאַפּ־לאַפּ"

אין דער טשאַיכאַנאַ איז דער רויך פון די פּאַפּיראָסן געדיכט, ווי אַ פּאַרע אין אַ שוויצבאָד. אויף דער פּריטשע זענען צעלייגט די אוזבעקן, איינגעטוליעט אין די וואַטענע כאַלאַטן. אויף דער פּאָד־לאָגע איז שוין אויך קיין פריי אָרט נישטאָ. נאָך אַלעקס אַריינ־קומען האָט זיך איינער צעשריגן און געבייזערט אויפן טשאַיכאַ־ניסט הלמאַי ער לאָזט אַריין אויף נאַכטלעגער, די געסרחה איז אַזוי אויך געווען גרויס.

מאַטיס שלאָפט נישט און לאָזט אויך אַלעקן נישט שלאָפן.

— וויפל חדשים איז שוין זינט דער משהית היטלער איז אַנגעפאַלן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד?

פּלוצלינג האָט ער געוואָלט וויסן:

— איז אמת טאַקע, אַז באַקו ווערט באָמבאַרדירט? האָט דער משחית שוין אַזוי ווייט דערגרייכט?

— וואָס קומט דיר אַלץ אין זינען, מאַטיס?

— קיין מכאַטש־קאַלאַ מוז מען פאָרן דורכן ים...

— ביז מיר וועלן זיך דערשלאָגן צום קאַספּישן ים, וועט זיין אוים מלחמה.

מאַטיס רייבט זיין שפּיציקן שטערן:

— ס'איז גאָרנישט אַזוי ווייט!

— אָבער דער ים... דער ים איז ווייט...

*

ווי נאָר עס האָט געשאַריִעט אויף טאָג, איז דער טשאַיכאַניסט, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ פּריש־געפּרעסטער זעלנערישער גימנאַס־טיאָרקע, געקומען וועקן דעם עולם. ער רופט נישט, שרייט נישט, בייגט זיך נישט אָן צום פאַרשמייעטן אין שלאָף. ער שטויסט מיט אַ שטעקן. דאָ גיט ער איינעם אַ קיצל, אַ רייב אונטערן אָרעם, אונטערן נאָפּל. דער שלאָפנדיקער וואַכט אויף, ווינקט ער צו אים ער זאָל אויפשטיין און זיך אָפּטראָגן.

דער טשאַיכאַניסט האָט זיך צוגעאיילט מיטן אַרויסיאָגן די שלאָפערס, כדי די מיליץ־קאָנטראָל זאָל נישט טרעפן אין זיין טשאַיכאַנאַ אַזאַ גרויסע צאָל אויף נאַכטלעגער. ווי נאָר עטלעכע זענען אויפגעשטאַנען, האָט ער שוין אויפגערוימט די ערטער — נישט צו דערקענען, אַז ס׳זענען דאָ געווען געלעגערס.

אָלעקן האָט ער אויפגעוועקט מיט אַ קוועטש אונטערן אָרעם. אַן איבערגעשראָקענער האָט ער זיך אויפגעזעצט, געגענעצט, זיך געצויגן — פויל געווען אויפצושטיין, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין ברירה.

*

פון אַ לויטערער בלויקייט איז אַרויס די זון, אויפגעגאַנגען אַ צעפּלאָשעטע, און האָט מיט די שטראַלן שנעל פאַרווישט דעם מאָרגנטוי. ס׳האָט זיך אָפּגעדעקט די שטויביקע גרויקייט פון די קופּאָל־פאָרמיקע מעטשעטן־דעכער, וואָס שטאַרן אַרויס פון צווישן די אַנדערע שפּיציקע הייזער־דעכער, ווי אָנגעבלאָזענע פּענכערס.

אומהיימלעך און אומעטיק שטאַרט אַרויס דער אוראַלטער תפיסה־טורעם. אין די אַלטע צייטן פלעגט מען פון אים אַראָפּ־שליידערן די צום טויט־פאַרמשפּטע.

די מעטשעטן זענען פאַר אָלעקן געווען גוטע סימנים צו אָר־יענטירן זיך אין די וועגן און שמאָלע געסלעך פון דער אַלטשטאָט בוכאַרע. אויך די פיר טויערן, וואָס טיילן אָפּ די פיר פערטלען פון

דער אַלטשטאָט, זענען פאַר אים געווען ווי וועגווייזער. ער האָט דאָס אַלץ זיך גענומען אין זינען אַריין, הגם ער איז נישט געווען זיכער, צי ער וועט אויך מאָרגן דאָ זיין.

דער עוואַקאַפּונקט גיט אַרויס ברויט די עוואַקויִרטע. אַלעך דאַרף אָפּנעמען זייער ברויט. ער ווייסט נישט וויפל צייט ער וועט מוזן שטיין אין אָטשערעד, אָבער אין דעם מעמד זיינעם האָט צייט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג.

*

מיט אַ מאָל ווערן פול די גאַסן. אוזבעקן — מענער און פרויען — אין קאַפטאַנעס, אין כאַלאַטן, רייטן אויף אייזלען; אַנ־דערע, וואָס זייערע אייזלען זענען באַלאָדן מיט זעק, אָדער קוישן, טשלאַפּען נאָך די אייזלען, און ציִען צום מאַרק. ס׳יונגוואַרג איז שוין לאַנג אויף די אַרבעט־שטעלעס. אוזבעטשקעס מיט זייגקינדער אין די אָרעמס — אויך זיי גייען צו דער אַרבעט. מלחמה, ס׳פעלן אַרבעטס־הענט. די שוסטערס, לאַטוטניקעס, האָבן אויפגעשטעלט זייערע וואַרשטאַטלעך אויף ביידע זייטן פון שמאָלן געסל צום מאַרק, צום טאָלטשאָק. די לאַטוטניקעס זענען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט — קיין נייע שיך קריגט מען נישט צו קויפן.

באַלד אין די פרימאָרגן־שעהען שטעלט זיך דער מאַרק. אין איין פליגל — באַראַכלאָ, אַלטע מלבושים, געבליבענע נאָך גע־שטאָרבענע. אַנדערש וועט קיינער נישט פאַרקויפן קיין מלבוש, אפילו עס זאָל שוין זיין אַ שמאַטע.

דער צווייטער פליגל פון „טאָלטשאָק” איז אַ סך רייכער. דאָ איז אַ גרויסער אויסוואַל פון עסנוואַרג, נאָר נישט קיין ברויט — „נאָן” * איז אויף קאַרטאָטשקעס, אָנגעפּאָרענע אוזבעקן האָבן אויס־געשטעלט אַ דייזשע קעז, קרוגן סמעטענע, קרענצלעך ציבעלעס,

* ברויט.

קוישן מייערן, זעק רעטעך, שיסלען „קישמיש" און אַפּריקאָזן, זעק־לעך מאַכאָרקע, „סאַמאָסייקע",* קוישן „שאַל־ראַם"** און „לאַפּ־לאַפּ" — געבריטע צוקעררייבן. די „לאַפּ־לאַפּ" לייזט מען שטאַרק. ס'איז אַ לייכטער בים, אַ טרינק און עס זעטיקט.

— „לאַפּ־לאַפּ", „לאַפּ־לאַפּ"! — רופן די אוזבעקן מיט הייזע־ריקע שטימען.

פון „לאַפּ־לאַפּ" דאַרף מען שנעל פּטור ווערן: אַלטגעבאַקענע קויפט מען נישט.

*

שטייען אַלעק, אברהם און מאַטים, קוקן זיך איין אין דעם „לאַפּ־לאַפּ". דער זיסער ריח פאַרגייט אונטערן האַרץ.

— אַ „לאַפּ־לאַפּ" צו דערקוויקן זיך — זאָגט אַלעק.

— אַ בייגל פאַר אַ גראָשן, אָבער דער גראָשן איז נישטאָ — ענטפערט אברהם.

אַלעק האָט נאָך אַ פּאָר רובל, נאָר עס איז אַ צו גרויסער לוקסוס אויסצוגעבן עס אויף „לאַפּ־לאַפּ". קוקן זיי און שמייכלען, ווי אַן אוזבעק בייסט איין אַ „לאַפּ־לאַפּ". דער אוזבעק עסט, און זיי באַלעקן זיך.

מאַטים ציט אַלעקן פאַרן אַרבל:

— ס'איז נישט פאַר דיר!

— וואָס אַרט דיך, אַז איך קוק?

— וועסט נאָך שיקלדיק ווערן.

דער „לאַפּ־לאַפּ"־סוחר האָט אויסגעבראָקירט אַ ריב און אים פאַרשטעקט הינטערן דרייפוס־בענקל, אויף וועלכן ער זיצט. דעם ריב וועט מען נישט קויפן.

---

* אַליין־געזייעטע מאַכאָרקע.

** ריבן.

— אוודאי פאַרן אייזל זיינעם אָפּגעלייגט — זאָגט אַלעק.

— פאַר וואָס איז „לאַפּ-לאַפּ" אַזוי טייער?

— ווייל עס פאַרקויפט זיך.

מאַטיס ציט ווידער אַלעקן פאַרן אַרבל.

— מיר איז עפּעס איינגעפאַלן.

— וואָס?

— דער „לאַפּ-לאַפּ", וואָס איז אויסבראַקירט, קאָן זיין אונדזערער.

— אַן איינפאַל, ווי מכאַטש-קאַלאַ.

— לאָזט רעדן.

— נו.

— צ'זעט, ווי דער ריב ליגט הינטערן בענקל?

— מיר זעען.

— בלויז אַ שאַר צו טאָן מיטן שפּיץ שוך — און דער ריב וועט ווערן הפקר. כ'וועל זיך אַראָפּבייגן, אים אויפהייבן, אַריינטראָמאַלן אין בוזעם, און וילך מאַטיס!... מיר'ן זיך טרעפן אין טשאַיכאַנאַ.

אַלעק האָט מורא. ער ווינקט זיך איבער מיט אברהמען, זיי זאָלן שוין אַוועק, איידער מאַטיס פירט אויס זיין פּלאַן.

אָבער מאַטיס לאָזט זיי נישט גיין. ער צעשרייט זיך:

— כל-זמן איך וועל נישט אָפּדעכען, זאָלט איר נישט בייטן די פּאָזיציע, כ'על כאַפּן דעם לויתן און מיר וועלן פילן טעם גן-עדן...

אויך אברהם זאָגט קאַטעגאָריש: ניין!

שטעלט זיך מאַטיס און גיט צו פאַרשטיין: ער וועט עס מאַכן ווי ער האָט געזען אַ מאָל ביי „ווילע יונגען". אָט אַזוי ווי ער זיצט, דער ריבן-סוחר, וואָלטן זיי געמאַכט אַ געדראַנג, זיך געשטופּט אויף אים, אַז ער זאָל זיין פאַרנומען מיטן אָפּשטויסן פון זיך דאָס געדראַנג. דערווייל וואָלט אַ דריטער געשלעפּט דעם ריב, און איידער וואָס ווען — וואָלט ער שוין געקאָנט שרייען חי וקיים.

מ׳וואָלט באַשטעלט „פּיאַלעס״ טשאַי און געהאַקט אַ סעודה אויףביידע באַקן.

דער ריבן־סוחר האָט שוין אויסגעבראַקירט נאָך אַ „לאַפּ־לאַפּ״. ס׳ליגן שוין צוויי אויף הפקר.

מיט אַ מאָל צעשרייט זיך מאַטים היסטעריש:

— צ׳זענט מיר גוטע ברידער, צ׳זענט? צ׳זעט כ׳וויל זיך אַריינוואַרפן אין כף־הקלע, און צ׳האַלט מיך נישט אָפּ! גוטע ברידער צ׳זענט? כ׳בין איינער. צ׳זענט צוויי. אַז איך זאָל לקחנען, וועט מיר אָנקומען אַ דריטל. צ׳לאָזט מיך אָפּטאָן ס׳גאַנצע שטיקל אַרבעט, צ׳זענט גוטע ברידער, צ׳זענט? איך בין גאַרנישט הונגעריק! ווער האָט געזאָגט, אַז איך בין הונגעריק, ווער?

אַלעק און אברהם האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט.

מאַטים כאַפּט זיך מיט די הענט פאַרן קאָפּ און לויפט.

ער קערט זיך דאָך צוריק:

— מיר האָבן זיך נישט געקריגט, נישט אַזוי? מיר האָבן זיך נישט געקריגט. דער ריח פון „לאַפּ־לאַפּ״ איז מיר שוין דערעסן...

## דריטע טייל

# פון בוכאַרע און קאַספּישן ים

1

## דער דיכטער וואַלד

אין אַ שמאָל געסל אין דער אַלטשטאָט פון בוכאַרע, איז די טשאַיכאַנאַ „קזיל־טעפּע".* דער וועג איז אויסגעברוקירט מיט קרומע, הויקערדיקע שטיינער. מען דאַרף זיין געניט צו גיין אויף דעם וועג — אַ ביסל איבערשפּרינגען, כדי נישט אויסצוקלייבן קיין צו שאַרפן שפּיץ.

אויף דער טשאַיכאַנאַ דאָ האָט אָנגעוויזן אַלעקן זיין חבר וואַלד.

וואַלדן האָט אַלעק געטראָפן גאַנץ צופעליק, נאָך אין די פרי־מאָרגן־שעהען. ער איז געלאָפן צו דער אַרבעט און זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן אין אָוונט, אין דער טשאַיכאַנאַ „קזיל־טעפּע", דאָ, אין דעם געסל.

די טשאַיכאַנאַ איז אַ דריטראַנגיקע. אפשר אויסער אַלע ראַנגעס: ווער עס האָט נישט קיין ספּעציעלן אינטערעס אין דער טשאַיכאַנאַ „קזיל־טעפּע", דער קומט נישט. דריי צימערלעך, עטלעכע טישלעך און אַ פּאָר בענקלעך, ווי אַרויסגעשלעפּט פון ערגעץ אַן אַלטן רעקוויזיט. פּראַכטע שיט זיך שוין פונעם האַלץ. די אַמאָליקע בלאָע פאַרב זעט זיך קוים. נישטאָ דאָ קיין „קראַסני אוגאָלאָק",** ווי אין אַנדערע טשאַיכאַנאַס. דאָ זענען נישט אויסגעשפּרייט קיין

* „רויטער שטערן".

** רויטער ווינקל.

קילימס, נישטאָ דאָ קיין פּריטשעס. אַהער קומען נישט די אויז־בעקן פון דער אומגעגנט. די טשאַיכאַנאַ איז נישט אויסגעשטעלט אויף צופעליקע געסט, די באַזוכער זענען אַרטיקע, פון די שכנות־דיקע געסלעך — שטאַם־געסט. זיי קומען אַריין, גייען אַוועק און קומען ווידער, זעצן זיך ביי אַ טישל, שפּייען אויס דעם טאַבאַק, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אונטער דער צונג, קוקן זיך אין די שי־טערע קאָזע־בערדלעך און פאַרשטייען זיך. זיי טיילן זיך מיט אַן „עפּעס" ציילנדיק אויף די פינגער. פון צייט צו צייט רעדט עפּעס איינער, וויל איבערשפּאַרן דעם צווייטן:

דער טשאַיכאַניסט ווייסט: זיי פאַרקויפן זיך אַן אייזל, אַ קאָזע: אַ פרעמדן אייזל, אַ פרעמדע קאָזע...

שאַ, שטיל, זיי גייען אַרויס. אַפּגעטאָן — שוין ווידער צוריק אין טשאַיכאַנאַ.

*

זיצט איצט אַלעק, דאָס מאָל אַן דער פּופּייקע אַפילו. זיך דער־וואַרעמט. דאָס ביסל שיטערע האָר, וואָס ער פלעגט צעשפּרייטן אויף צו פאַרקלענערן זיך דעם פּליך, זענען איצט צוגעקלעפּט פון שוויים, ווי פרעמדע האָר.

צעוואַרעמט און אויפגעלייגט איז ער היינט. אים איז סוף־סוף געלונגען אַראָפּצוציִען אַ גאָלד־בוקסל פון אַ צאָן, ער האָט עס פאַר־קויפט און גענומען אַ גוטן פּרייז. דאָס האָט ער זיך דערוווּסט אין מאַגאַזין, וווּ מען גיט פאַר גאָלד — שוועבעלעך. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן ברויט אויך אויף מאַטיסעס פּאַספּאָרט פאַר 7 נפשות. אַט ליגט עס, ס'לעבל ברויט. ס'זעט אויס שיין, גוט אויס־געבאַקן. די סקורקע גלאַנצט, ווי פון אַ צוקער־חלה. נישט נאָר ע ר שפּיגלט זיך אין דעם גלאַנץ: אויך ס'קאַרגע ליכט פון איינציקן לעמפּל, וואָס אין דער מיט פון סופיט, בלאַנקט אין דעם לעבל ברויט, ווי אַ שטערן.

אַלעק האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט איז דער סילוועסטער־אָוונט. דערציילט ער, אַז אויף דעם אָוונט פלעגט ער זיין פאַרבעטן צו פריינד. די מענער אין סמאָקינגס, די פרויען אין סאַמעט און אין זייד. מען האָט דערוואַרט די שעה 12. מען האָט געקוקט אויפן זייגער, צי די ווייזערס קומען זיך שוין צוזאַמען. מיטן ערשטן קלונג פון דער שעה, איז שטיל געוואָרן. מ׳האָט פאַרלאָשן ס׳ליכט. אין דער צייט פון די צוועלף קלעפּ פון זייגער, האָט מען זיך געקושט.

— מען האָט אַריינגעכאַפּט אַ קוש פון דער שכנטע — זאָגט אברהם.

— באַגינען. אויף די גאַסן אַ ווייסער, ווייכער שניי.

— ...און פרישע, וואַרעמע בייגל...

ווען זיי האָבן זיך געקוויקט מיט זכרונות, איז מאַטיס געזעסן מעשה יחסן, דעם קאָפּ פאַררייסן. זיך געשפּילט מיט דער צונג צווישן די ציין. די אויגן האָבן שמייכלענדיק געקוקט אויפן לעבל ברויט. מען האָט דערקענט, אַז ער באַהערשט זיך. ער מאַכט העוויות, מאָלט זיך, ווי אַזוי דאָס לעבל ברויט וועט צעשניטן ווערן, ווי אַזוי ער וועט איינבייסן די המוציא.

אַלעק זעט, ווי מאַטיס צווינגט זיך צו באַהערשן, זאָגט ער, אַז זיי דאַרפן אָנהייבן ס׳לעבל ברויט. אָבער ער וויל דאָך וואַלד זאָל זען וואָס זיי האָבן געקריגן, וואַלד וועט זיכער באַלד אָנקומען. זיי האָבן זיך דאָך באַשטעלט דאָ. דאָס האָט דאָך וואַלד פאַרגעשלאָגן.

מיט אַ מאָל — מאַטיס שפּרינגט אויף:

— נו, ווי לאַנג נאָך וועט עץ פאַררעדן די ציין, ווי לאַנג נאָך? צ׳מיינט טאָקע נישט צו נעמען אַ ביסן ברויט? ס׳ציט מיר די עצמות... סתם אויף אויסצופּרוּוון מיך, מיין געדולד!

אַלעק און אברהם קוקן זיך איבער:

— דאָ נישט לאַנג געגעסן „שאַל־ראַם”. וואָס איז דיר אָנגעקומען?

מאַטיס האָט שוין חרטה:

— צ׳ווילט נישט — איז נישט. דאַרף מען נישט! דאַרף מען נישט!

— מאַטים, דאָס לעבל וועלן מיר פאַרקויפן אויף הוצאות קיין מכאַטש־קאַלאַ.

— אָבער דאָס איז דאָך נאָך נישט מאָרגן!

— דו מיינסט, אַז נישט?

— איך? איך וואָלט זיך אַפילו צוגעטשעפּעט צו די וואַגאָן־רעדער.

— מיר׳ן אָנהייבן ס׳לעבל. באַלד קומט וואַלד. אויף הוצאות קיין מכאַטש־קאַלאַ וועלן מיר פאַרדינען ביי עפּעס אַנדערש. מיר׳ן אַרבעטן אין אַן אַרטעל. וואַלד וועט אונדז צוהעלפן קריגן אַרבעט...

*

וואַלד, אַ מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ בלאַס פּנים. זיין גרויסע טשופּרינע איז צעקעמט אין צוויי טיילן, פאַלן זיי אים פון קאָפּ, ווי צוויי קלאַפּעס און פאַרדעקן די אויערן מיט אַ האַלבן שטערן. ער אַרבעט אין אַן אַרטעל און איז אַ גייענדיקער שאַטן. אַ יונגער פּאָעט מיט וועלט־שמערץ. אַ צייט געווען פאַר־וואָרפן מיט פרוי און קינד אין אַ „פּאָסיאָלעק״. איצט אַרבעט ער אין אַ שניידער־אַרטעל.

— קענסט דען שניידעריי?

— געזאָגט, אַז איך קען.

— סטריגעווען אַ פּאָלע איז דאָך נישט מעסטן פּערזן.

— וואָס איך טו, קען יעדער. דער עיקר: הענט.

ער וווינט נישט ווייט פון דעם טשאַיכאַנאַ־געסל. זיין צימער — נישט פון די ערגסטע. דער עיקר — אַ דאַך איבערן קאָפּ. דער טיש אין שטוב — קוים וואָס ער האַלט זיך. דאָס בעט — אין אַ הקדש זענען פאַראַן בעסערע. דער עיקר: ס׳קינד מיט דער מאַמען האָבן וווּ צו ליגן. זי איז קראַנק, די צייט האָט זי איינגעבראָכן. דער

חודש-לוין דעקט אויף אַ וואָך הוצאות. ער האָט נישט וואָס צו פאַרקויפן פון זיך און קויפן אַ קילאָ „קאָמערטשעסקע“ ברויט. ברענגט ער אין שטוב אַריין אַ מייערל, אַ ריבל אַפּצוקאָכן אַ זופּ — איז עס פאַרן קינד. זי דערציילט אים נישט, אַז זי עסט נישט. ער דערוווּסט זיך אַלץ שוין נאָך אַלעמען. ס׳העלפט נישט זיין איינ-טענהן. זי איז גענוג דערוואַקסן צו וויסן וואָס זי טוט — איז איר ענטפער. ס׳איז ווינטער. אין שטוב ביי אים איז קעלטער ווי אויף דער גאַס. ער ווייסט נישט וואָס פריִער צו קויפן פון דעם הונגער-לוין: צי אַ ראַציע אויף די קאַרטאָפשקעס, צי אַ קרענצל שפּענד-לעך, ס׳זאָל זיין וואַרעם אין שטוב. די מלחמה שלינגט אַלץ איין... אויפן פראָנט איז ערגער... אין אונדזער וואַרשע — נאָך ערגער...

— אַ געטאָ!

— אַ כּף-הקלע!

— די פּאָדלאָגע ביי מיר איז ברייט און גרויס. כ׳וואָלט גע-קאָנט אייך מכבד זיין מיט דער רחבות.

— מען דאַרף נישט. מיר׳ן שלאָפן דאָ.

— די פּאָדלאָגע דאָ איז נישט ווייכער ווי מיינע, נאָר די וואַרעמקייט דאָ איז אַ שאָד. מאָרגן וועל איך ברענגען אַ בינטעלע שפּענדלעך. אַז עס צעגליִען זיך די רערן, נאָכן איינהייצן ס׳אייוועלע, איז וואַרעמלעך, נאָר די בינטלעך זענען קליין און טייער...

לויט דעם ווי וואָלד האָט פאַרגעשטעלט זיין „שפע“, האָט אַלעק אָפּגעמאַכט ביי זיך אים צו פאַרבעטן צו זייער סעודה מיטן לעבל ברויט. אין בוכאַרע וויל ער שוין נישט בלייבן.

— מכאַטש-קאַלאַ! איז דען דאָ אַ פאַרגלייך צו מכאַטש-קאַלאַ? — זאָגט מאַטיס, הויך אָפּציענדיק דעם אָטעם.

— וואָלד, ס׳איז דאָ אַ קיי צו טאָן! אָט, אַ לעבל!

— נו, עסט. ס׳איז אייערס!

— אונדזערס, אונדזערס. וועסט מיטעסן.

— איך? ניין, שוין נאָכן עסן.

— סילוועסטער-אָוונט מעג מען עסן וויפל ס׳לאָזט זיך...

— עסט און האָט הנאה.

— נאָר צוזאַמען!

— כ׳וועל אייך מאָלן אַ סילוועסטער־אָוונט אין וואַרשע...

— ניין, ניין, זיי האָבן שוין אָנדערציילט וועגן סילוועסטער. כ׳וויל שוין נישט הערן מער! — קאָכט זיך מאַטים.

— כ׳בין גוזר אויף דיר, וואָלד, דו נעמסט אַ המוציא פון דעם לעבל.

— דו, וואָלד נעם. און אַז דו ווילסט עס נישט עסן, גיב עס מיר — עצהט מאַטים.

וואָלד איז גרייט דאָס צו טאָן. דאָן דרייט מאַטים צוריק דאָס פּשטל. ער האָט געמיינט בלויז דערפירן דערצו, אַז וואָלד זאָל נעמען.

*

„די סילוועסטער־סעודה ביים לעבל ברויט", ווי אַלעק האָט זי אָנגערופן, האָט זיך פאַרצויגן ביז טיף אין אָוונט. זיי האָבן געטרונקען טאָפּלטע „פּיאָלעס" טיי. געגומען פון ברויט נאָך אַ המוציא, נאָך אַ המוציא. פון די פראָנטן איז נישטאָ קיין גוטע ידיעות. די היים איז אָפּגעריסן. דערווייל דערמאָנט זיך אַלעק, ווי אַזוי זיי האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק געקאָנט ווערן צירקמענטשן:

זיי זענען געזעסן אין אַ טשאַיכאַנאַ. אַריינגעקומענע האָבן זיך געוווּנדערט: בירגער זיצן אין מיטן טאָג אין טשאַיכאַנאַ? איז צו זיי צוגעקומען אַ יונגער מענטש אין גרויסע ברילן, אַ ביעזשעניעץ, אַ געוועזענער ביבליאָטעקאַר פון הינטער כעלם. ער האָט נישט קיין צייט צו רעדן. ווער עס וויל, זאָל אים נאָכגיין. ער וועט געבן ברויט און צום ברויט...

די פּיס זענען לייכט געוואָרן.

אין אַ פּראָוויזאָרישער בודע, צוזאַמענגעסטריגעוועט פון ברע־

טער, אויף אַ שטרוי־געבעטעכץ, זענען געלעגן צוויי יונגע לייבן. זיי זענען נאָך אומבאַהאָלפן. ליגן איינגעלייגט, ווי צעקראָכענע באַשעפעניש. דער געוועזענער ביבליאָטעקאַר קאָרמעט זיי. ער קריגט פאַר זיי רייז און פלייש פון דער צירק־קיך. האָט ער פאַר אָלעקן און אברהמען אַ פאָרשלאָג: זיי זאָלן אים העלפן אין דער אַרבעט. אַחוץ 700 גראַם ברויט אַ טאָג, וועלן זיי געניסן פון די איבערבלייבעכצן, וואָס די חיות עסן נישט. זאָלן זיי זיך דעצידירן ביז מאָרגן.

זיי האָבן זיך דעצידירט. אַ באַווייז — זיי זענען איצט דאָ.

ס׳איז אַריינגעקומען דער טשאַיכאַניסט. צוויי קעץ געברענגט. עס וועלן זיין געסט אויף נאַכטלעגער — זאָלן די מייז נישט אַרומ־רודערן.

אין דער צייט האַנדלט אונטער וואָלד מיט מאַטיסן. וואָלד רעדט און מאַטיס וואָרפט מיט די הענט, ווי ער וואָלט נישט באַ־שטאַנען.

אַז מאַטיס איז צוריקגעקומען נאָך וואָלדס אַוועקגיין, האָט אָלעק זיך דערוווסט, אַז וואָלד האָט מאַטיסן פאָרגעשלאָגן ער זאָל נעמען עטלעכע רובל פאַרן ברויט, וואָס ער האָט געגעסן. ס׳איז דאָך מאַטיסעס ברויט. ער וועט באַלד קריגן זיין אַרבעטס־לוין, וועט ער קאָנען אָלעקן געבן אַ הלוואה אויך.

די געלעגערס אויף דער פאָדלאָגע זענען שוין געגרייט. די קעץ לויפן פון איין צימער אין צווייטן. דער סילוועסטער־אָוונט איז געענדיקט.

2

## באָטשאַן, דער בעל־תכלית

צום רעמיטאַנער ראַיאָן ציט זיך אַ ברייטער וועג, ער איז נישט ברוקירט, נאָר פּשוט — די געלבלעכע ערד איז איינגעפּרעסט האַרט, שטייף. גלייך איז דער וועג — אַ ווירע: נישט קיין בערגל, נישט קיין גריבל, ווי אַן אויסגעוועלגערט טייגל אונטערן וואַלגער־האָלץ. איבערן וועג איז אַ גרויסע באַוועגונג. ס׳ציִען זיך אייזלען, אָנגעלאָדענע מיט זעק און קוישן. עס טשלאַפּען לעבן די אייזלען זייערע פּאַשע־געבערס, די אוזבעקן. זיי זענען שווער אין גיין, אָנ־געטאָן אין לאַנגע כאַלאַטן, וואָס די פּאָלעס פּלאָנטערן זיך זיי צווישן די פיס, מיט אַ ברייטן טוך אַרומגעצויגן אין גאַרטל, אין דער רוקנזייט איז פאַרוויקלט די „לעפּיאָשקע" — זייער צידה לדרך. טייל אוזבעקן זענען שוין אין ווינטער־כאַלאַטן, אויסגעבעטע מיט וואַטע. עס טשלאַפּען קעמלען, אָנגעלאָדענע מיט הויכע פּעק בייוול. אין אַ קליינעם דיסטאַנץ פון איינעם צום אַנדערן טשלאַפּען זיי. ס׳איז אַ קאַראַוואַן, וואָס פירט שטייער פאַר דער מלוכה. אויפן ערשטן קעמל, וואָס אין שפּיץ פון קאַראַוואַן, און אויפן לעצטן, זיצן רייטער־יינגלעך פון קאָלכאָז. זיי איז גוט צו זיצן. ס׳געזעס איז אויסגעבעט מיט ווייכע שמאַטעס. זינגען זיי אין רוסיש:

„יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ".*

פערד, איינגעשפּאַנטע אין צווייערדערדיקע וועגענער, פּאַטשן

* אויב מאָרגן איז מלחמה.

אויפן שאָסיי אין גאַלאָפּ. אַ שאַרפער עכאָ פון דעם גאַלאָפּ בלײַבט נאָך מינוטן לאַנג אין דער לופט. דער דינער שטויב, וואָס די פערדישע פיס האָבן צעטראָגן, פאַלט באַלד צוריק און די גלעזל שאָסייערד גלאַנצט ווידער אין איר געפרעסטקייט.

פון ביידע זייטן שאָסיי ציִען זיך ליידיקע פעלדער, ווו נישט ווו שטאַרן נאָך שפּיצלעך נישט דערריסענע שטענגלעך פון בייוול־געוויקס. ריטלעך זענען צעזייט איבערן פעלד, ווי אָנגעטראָגענע פון אַ ווינט. ווייט און לאַנג ציִען זיך אַוועק די פּוסטע פעלדער — ווייט, אָן אַ ברעג.

שוין עטלעכע שעה, ווי זיי גייען, אַלעק, אברהם און מאַטיס. זיי גייען אין קאַלכאָז „וואָראָשילאָוו", וואָס געפינט זיך אין רע־מיטאַנער ראַיאָן. נאָך אייערנעכטן האָבן זיי באַקומען די „נאַפּראַוו־ליעניע", אָבער ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק האָבן זיי זיך פאַרנומען אין וועג אַריין. אַלץ נישט געקאָנט באַשליסן: יאָ? ניין? אפשר גאָר פאָרן קיין קערמינע, ווערן זעלנער פון דער אָקערשט־אָרגאַניזירטער פּוילישער אַרמיי, פשוט, כדי פּטור צו ווערן דאָס זוכן, וואָס מיט זיך צו טאָן? באַזאָרגט זיין מיט לחם לאכול און בגד ללבוש? די העמדער קלעפּן זיך שוין צום לייב, די לייוונט איז שוין דורכגעגעסן פון שווייס.

פאַרבייגעגאַנגען נישט איין „קישלאַק", און נאָך אַלץ נישט דער רעמיטאַן־ראַיאָן. וויפל מאָל זיי פרעגן ביי די טשלאַפּעדיקע אוזבעקן: „איז נאָך ווייט קיין רעמיטאַן?" טרייסט מען זיי, אַז נישט ווייט, נאָך אַ האַלב צענדליק קילאָמעטערס. אַלעק ציילט שוין אויף די פינגער וויפל מאָל זיי האָבן דורכגעשפּאַנט האַלב־צענדליק־קילאָמעטערס. באַלד דאַרף ער נוצן צום חשבון אויך די פינגער פון דער צווייטער האַנט.

אברהמען האָבן די זוילן זיך אָפּגעריסן פון די שיך. ער האָט זיי צוגעבונדן מיט אַ שטריקל, און זיי האַלטן זיך נישט; ס'שטריקל צערייסט זיך. פּרוּווט ער שטעלן אַ פּאָר טריט אָן די שיך, און עס

גייט נישט. עס שטעכט אים, עס ברייט אים, ווי ער וואָלט געטראָטן אויף הייסע קוילן.

— בלייבן אין וועג איז זיכער נישט קיין תכלית...

ס׳זאָל זיין פון וואָס צו מאַכן אַ שליטן, אַ וועגעלע, וואָלטן אַלעך און מאַטים זיך איינגעשפּאַנט און אים געשלעפּט און דאָך אָנגעקומען קיין רעמיטאַן. אָבער ווו געפינט מען אַ ברעט? אַן אייזל וואָלט מען זיי געגעבן פּאַר אַ ברעט!

זיי שטעלן אָפּ אַן אוזבעק, אַ רייטנדיקן אויף זיין אייזל, און פרעגן וועגן אַ שוסטער: באַרוועס קאָן דער חבר נישט גיין. און צום רעמי־טאַן־ראַיאָן איז נאָך ווייט. זיי זענען פּרעמדע, דער וועג איז זיי נישט באַקאַנט. ס׳וועט צופאַלן דער אָוונט, וועלן זיי בכלל נישט וויסן ווו צו גיין. אפשר האָט ער אַ שטיקל רימען, אָדער דראָט, וועט מען צובינדן די זוילן צו די כאַלעווקעס, וועט דער חבר אפשר קאָנען ממשיך זיין דעם וועג. אפשר האָט ער אַ פּאָר שיך, וועט מען אים באַצאָלן, און ער וועט אין בוכאַרע זיך קויפן אַנדערע.

זיצט דער ברוינהויטיקער אוזבעק אויף זיין אייזל. ס׳לייכטע ווינטל קרימט דעם שפּיץ פון זיין לאַנג, שמאָל, גראָלעך קאָזע־בערדל. ער קוקט פאַרגאַפּט, נישט באַשטימט אויף וועמען און אויף וואָס, ווי פאַרשטיינערט. נאָך עטלעכע רגעס האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אויסגעשפּיגן דעם טאַבאַק, איז אַראָפּ פון אייזל, און דערקלערט, אַז ער פאָרט קיין בוכאַרע צו קויפן און פאַרקויפן עטלעכע קלייניקייטן. ער האָט נישט גאָרנישט קיין מילכיקע סחורה, נאָר אַ ביסל „שאַל־ראַם", אַ ביסל מייערן. ער פאַרשטייט, ס׳איז שווער און ס׳איז שלעכט, אַז מען האָט נישט קיין שיך. ער קאָן פאַרקויפן זיינע שיך. און רעדנדיק שנעל, אין איין אָטעם, האָט ער פון אַ קיישל אַרויסגעשלעפּט אַ זעקעלע, אַ קלימעקל.

אברהמען האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער. אויף אַזאַ הצלחה האָט ער זיך נישט גערעכנט. אַן אויסטערלישער מענטש איז אים צוגעשיקט געוואָרן... ער האַלט ברייט צעעפנט די אויגן.

ער וויל שוין זען די שיך, וואָס יענער וויל אים פאַרקויפן. אַ ראַזעווו-
דיקייט איז אים אָנגעלאָפן אין פּנים.

דער אוזבעק האָט אויפגעקניפּט די שלייף פון קלימעקל און
עס איבערגעקערט. פון דאָרט זענען אַרויסגעפאַלן אַ פּאָר אַלטע צע-
קנייטשטע לאַטשן.

אַלעק, וואָס האָט געהאַט זיך אָנגעבויגן אויפצוהייבן די
לאַטשן, איז באַלד אויפגעשפּרונגען.

די לאַטשן זענען געווען אין גאַנצן אָן זוילן.

*

ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט קיין רעמיטאַן, האָט די זון
זיך שוין געהאַט געזעצט. פיאַלעטפאַרביקע וואָלקנצונגען האָבן זיך
געצויגן איבערן הימל. פּוסט איז געוואָרן דער וועג, אַ מדבר, אָבער
זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט, זיך געהאַלטן ביי דער ליניע פון
די עלעקטרישע סלופּעס.

רעמיטאַן, מיט איר איינציקער לאַנגער גאַס, איז שוין געווען
איינגעטונקען אין אַ טיפער גרויער טונקלקייט. קיין ליכט נישט
אין די פענצטער. אויך דאָ האָט פאַרפליכטעט פאַרטונקעלונג —
פון אַ מעגלעכן לופט-איבערפאַל. אין דער טשאַיכאַנאַ — נאָר איין
סטעאַרינליכט, באַהאַלטן, ס'פלעמל דערגרייכט נישט צו די פענצ-
טער-שויבן.

דער איינציקער זאַל פון דער טשאַיכאַנאַ איז פול מיט געסט.
דאָס איז ס'איינציקע אָרט אויף נאַכטלעגער. אַלעק איז שוין איין
מאָל געווען אינעווייניק, זיך אַרומגעקוקט וועגן אַן אָרט פאַר אַלע
דריי. אַזאַ ברייט שטיק פריִע פּאַדלאָגע האָט ער נישט געזען.

אין דרויסן, פאַר דער טשאַיכאַנאַ, איז געשטאַנען אברהם און
איינגעטענהט מיט אַ יונגנמאַן, אַ ביעזשעניעץ. ער האָט אַ וווינונג.
ער שלאָגט פאָר די פּאַדלאָגע פון זיין וווינונג. דער פּרייז — נישט מער
ווי עס נעמט דער טשאַיכאַניסט. ער זאָגט אויך צו צו פאַרריכטן
אברהמען די שיך.

ס'איז העט ווייט, אין עק גאַס. ס'איז פינצטער. זיי איז נישט קיין נפקא-מינה. זיי זענען באַשטאַנען אויפן פאַרשלאַג פון דעם יונגנמאַן, דעם ביעזשעניעץ.

די אַריינגאַנג-טיר איז אַ הילצערנע, אַ שווערע. אויף דער צווייטער זייט הענגען שטיינער — זיי מאַכן דאָס שווער די טיר. דאָס איז אָנשטאָט אַ גלאָק — דאָס שטופן די טיר גיט אַ ווידערקול. די קיביטקע: אַ צימער אַן אַן אַלקער און מיט אַן אָרט צו קאָכן אויף עפּעס אַ ליימענעם אייוועלע אין אַ שמאָלן קאָרידאָר. דאָ איז אויך דער עמער מיט וואַסער, אַ שיסל צום וואַשן זיך און אַ קוואָרט אָנ-צושעפּן וואַסער פון עמער.

לויט דעם רעדן איז דער ביעזשעניעץ, דער בעל-הבית פון דער קיביטקע, אַ יינגל פון עטלעכע און צוואַנציק. ביים ליכט-לעמפּל זעט ער אויס אַ סך עלטער. אָנגעטאָן איז ער ריין, ס'העמד — אַפילו אויסגעפּרעסט. „באַטשאַן", הייסט ער זיך רופן. ס'איז נישט זיין אמתער נאָמען. אַ צוגעקליבענער, מחמת זיין מעמד, ער גלייכט זיך צו אַ באַטשאַן. ער האָט ליב וואָרעמקייט. אַז עס שטעלט זיך אַ בלאָטע, הייבט ער אַרויס איין פוס און בלייבט שטעקן מיטן צווייטן. בעתן רעדן שפּייט ער און שפּייט. „מיינט נישט, אַז איך שפּיי אויס די לונגען. איך בין געזונט". ער הונגערט נישט; ער וווינט דאָ מיט אַן אוזבעטשקע. זי איז עלטער פון אים. זי שלאָפט אין אַלקער. זי איז שוין די צווייטע. ס'ערשטע מאָל האָט ער זיך צוגעשריבן מיט אַ רוסישער אין קאָלכאָז אויפן נאָמען פון וואָראָשילאָוו. נאָך צוויי חדשים האָט ער זיך דערוווּסט פון איר שוועסטער, אַז זי גרייט זיך אָנרעדן אויף אים, כדי ער זאָל איר זיין אונטערטעניק. איז ער אַוועק אין קאָלכאָז „קזיל-טעפּע".

די ערד דאָרט איז אַן עקרהדיקע. ברויט האָט דער קאָלכאָז געבראַנגט פון ראַיאָן. אין בייוול איז אויך נישט קיין גערעטעניש. געטראָפן דאָ דריי ביעזשענצעס. פון „„שאַל-ראַם" און „לעפּיאַשקע" זענען זיי נישט זאַט געוואָרן. נאָך אַ חודש האָבן זיי געקוילעט די צוויי קאָלכאָז-הינטלעך און געהאַקט אַ סעודה.

— ס'האָט געהאַט עפּעס אַ טעם דאָס פלייש?

— אַזאַ יאָר אויף אַלע אונדזערע שונאים. מאָגערע הינט גע־וועז, און נישט קיין גרויסע.

— דאָס, וואָס איר האָט באַקומען פאַר די אַרבעטס־טעג, האָט נישט געקלעקט?

— „שאַל־ראָם" און לעפּיאָשקעס מאַכן נישט זאַט. ס'עסן אַן פעטס זעטיקט נישט.

— האָט איר געמאַכט יעדן טאָג די נאָרמע?

— אָבער נאָך ווי!... געאַרבעט ווי די אייזלען. נאָך איידער דער בריגאַדיר איז געקומען וועקן צו דער אַרבעט, זענען מיר שוין גע־ווען אין פעלד. געטראָגן ערד אויף „זאַנזיבאַרס". מיר זענען ספּע־ציעל אַרוים אַרבעטן פאַר דער אָנגענומענער צייט, כדי צו ווייזן, אַז מיר זענען נישט פויל. מיר האָבן נישט געענדיקט פריִער כל־זמן דער בריגאַדיר האָט נישט געזאָגט: „גענוג!"

— אין קאָלכאָז האָט מען אייך גאָרנישט געזאָגט פאַרן אויפ־עסן די הינט?

— זיי זענען אַוועק אין ראַיאָן ברענגען מיליץ.

— וואָס האָט די מיליץ געזאָגט? — פרעגט אַלעק און גענעצט פון מידקייט.

— מיר זענען אַוועק פון „קזיל־טעפּע" איידער די מיליץ איז געקומען.

*

שוין די לעצטע פאָר צאַנקען פון ליכטל. פינצטער. אַלעק, אברהם און מאַטים ליגן ווי צוגעקלעפּט צו דער פּאָדלאָגע, ווילן איינשלאָפן, אָבער באַטשאַן זיצט. ער האָט נאָך אַ קליינער פויזע געכאַפּט אַ ביסל אָטעם און זיך ווידער צערעדט:

נאָך אַ וואָך אין רעמיטאַן, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער אוזבעטשקע. ער האָט נישט געקאָנט אָן אויפהער זיך וואַלגערן אין דער טשאַיכאַנאַ. אָן אַ חתונה האָט זי נישט געוואָלט אַריינלאָזן

צו זיך. זי אַרבעט אין שפּיטאָל-וועשעריי. אויך ער אַרבעט דאָרט. זיי האָבן צוויי ברויט-קאַרטאָטשקעס. עסן אין שפּיטאָל-סטאָלאָווע. אָבער ס'איז נישט קיין תכלית. ער וויל נישט בלייבן דאָ. טעג און נעכט טראַכט ער וועגן דער היים. די עלטערן, שוועסטער, ברודער. ער האָט שוין געהערט וועגן דער פּריש-אָרגאַניזירטער פּוילישער אַרמיי. אויב ער וועט נישט אַריין צו זיי, איז ער נישט ווערט וואָס ער לעבט... נישט קעמפן קעגן היטלערן?

— איך מוז זוכן אַ תכלית!

אין ביאַלע-פּאָדליאַסק, ווו באָטשאַן איז געבוירן געוואָרן, איז ער 3 יאָר געזעסן אין תפיסה פאַר וואַרפן אַ רויט פענדל אויף די טעלעגראַף-דראָטן. ער האָט געהאָלפן דעם פאָטער אין דער שניט-קראָם. די מאַמע האָט געוווּסט, אַז ער האַלט פלוגבלעטלעך. זי האָט געוווּסט ווו זיי ליגן, און ווען אַ חבר איז געקומען איר אָנזאָגן, אַז מען האַלט אים אין דער פּאָליציי, און נאָך איידער די פּאָליציי איז געקומען אויף אַ רעוויזיע אין זייער וווינונג, האָט די מאַמע שוין געהאַט פאַרוואָרפן די בלעטלעך הינטערן בית-עולם-פּלויט. ער איז נאָך דאַן געוועזן אַ שילער פאַר דער מאַטורע, ער האָט גערעכנט צו שטודירן. מרים, דעם דיינס, זיין חברטע — האָט אים געפירט אויף אַרבעט אין „קעמערל". טאַקע זי האָט אים געגעבן דאָס פענדל אויפצוהענגען. נישט בלויז דאָס וואָלט ער פאַר איר געטאָן. ווען דער פייערגלאַנץ פון אירע אויגן וואָלט אים געהייסן גיין אויף אַ שטריק, און כאָטש ער וואָלט פון פאַרויס געוווּסט, אַז ער וועט אַראָפּפאַלן, וואָלט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט.

ווען ער איז אַרויס פון תפיסה, האָט קיינער נישט געוווּסט אים צו ענטפערן ווו מרים איז. זי איז אַוועק קיין רוסלאַנד. ווען זי ווייסט איצט, אַז ער איז דאָ!

מאָטיס האָט הויך און שווער אָפּגעעטעמט.

— איך לאָז אייך נישט שלאָפן. איך ווייס — זאָגט באָטשאַן — ס'ווילט זיך נאָך נישט אַריינגיין צו איר אין אַלקער. ס'ווילט זיך איבערהיפּערן אַ נאַכט...

— אָבער דו האָסט גענומען געלט פאַרן לאָזן שלאָפן — רופט זיך אָפּ מאָטים.

— וואָס גערעכט איז גערעכט... אָבער אויך איך בין גערעכט. איך דאַרף עטלעכע צענדליק רובל, כ'וויל קומען צו אַ תכלית. איך וויל די טעג זיך לאָזן אין וועג אַריין און איך וויל נישט אירס... זי איז אַ גוטער מענטש... זי ווייסט, אַז מיין זיין דאָ עסט מיך... און איך וויל דורכוים קומען צו אַ תכלית...

און באָטשאַן כאַפּט ווידער אָטעם:

— וואָס האָב איך נאָך געוואָלט אייך זאָגן? אהאָ! פאַר וואָס איך וויל דאָ נישט בלייבן...

— לאָז דאָס שוין איבער אויף מאָרגן — בעט זיך אברהם.

— אַז איך וויל דאָס טאָן איצט, לייג איך נישט אָפּ אויף מאָרגן.

— ווערסט דען מאַכן דעם ויברח שוין היינט?

— מיר קאָן דאָס איינפאַלן — און אַוועק דער פויגל.

— האָסט נאָך אַ סך זיך אויסצורעדן?

— ניי אַ סך ווייס איך נישט, נאָר איך וויל עס נישט טראָגן אין זיך. שוין אַ צייט לאַנג ווי עס שמעקט מיר נישט דאָס סאָוויע־טישע ריישעכץ. אויך דאָ איז אַ קלאַסן־געזעלשאַפט. ס'זענען פאַ־ראַן רייכע, וואָס לעבן אין שוועלטאָג, און פאַראַן אָרעמע, פעלט זיי תמיד אַ פּאָר טעג צו דער וואָך... איר זענט מיר אונטערגעקומען היינט אויף אויסצולייזן מיך פון אַ קלעמעניש, אָפּרעדן און אויס־רעדן זיך. פאַר איר, אין אַלקער, ווייס איך נישט וואָס יאָ און וואָס נישט. זי זאָגט: „דאָס ליב האָבן זיך און שלאָפן צוזאַמען פאַר־פליכטעט זי נישט צו פאַרשווייגן רייד און מעשים פון שעדיקער"... ווער איז אַ שעדיקער? נישט איך וועל פרעגן, און נישט זי וועט זאָגן. בין איך מיט איר אין בעט, פאַרגעס איך. בין איך אַליין, באַפאַלט מיך די מרה־שחורה און איך וואָרג זיך מיט דער פראַגע: וואָס איז דער תכלית?

— באָטשאַן, מיר ווילן דאָך שלאָפן — ווענדט זיך אַלעק.

— ווער ס׳וויל שלאָפֿן זאָל זיך איבערדעקן איבערן קאָפּ. ער מוז מיך נישט אויסהערן. מיר ווילט זיך רעדן. כ׳וויל איבערהיפּערן אַ נאַכט... אַז זי פֿון אַלקער וועט זיך איבערוועקן, מיך זוכן, און זי וועט הערן מיך רעדן, זאָל זי נישט מיינען, אַז איך רעד צו זיך. אַט! זי איז אַראָפּ פֿון בעט, דראַפּעט אין דער פֿינצטער, זוכט מיך! איך וועל איר אַריין אין די הענט. כל־זמן כ׳בין מיט איר, האָט זי רעכט... אָבער כ׳מוז זוכן אַ תּכלית...

3

## דער בריגאַדיר באַבאַיעף

דער קאָלכאָז א. נ. וואָראָשילאָוו איז צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון קאָלכאָז „קזיל-טעפּע", אָבער אַלע יוונים האָבן איין פּנים. דער אַריינגאַנג אין קאָלכאָז איז אַפילו פאַרשאָטנט פון ברייטע צעצווייגטע ביימער, אָבער פון די זייטן ביי דעם איינגעפּרעסטן וועג פון דער געלגרודיקער האַרטער ערד, ציִען זיך צוויי אויסגעפורעמטע פאַסן, וואָס עס האָבן געמאַכט די צוויי-רעדערדיקע „אַרבאַ"-וועגענער. די „אַרבאַ" איז דאָס פּאָפּולערסטע קאָמוניקאַציע-מיטל: מיט דער „אַרבאַ" פאָרט דער „ראָיס" * פון קאָלכאָז; מיט דער „אַרבאַ" פירט מען דעם מעשר פון די גערעטענישן פאַר דער מלוכה. אַ מאָל דינט די „אַרבאַ" איבערצופירן אַ קראַנקן אין שפּיטאָל אַריין. קלענערע פאַרמיטלונגען צווישן קאָלכאָז און „סעלסאָוויעט" ווערן אויסגעפירט דורך רייטער אויף אייזלען.

האַרט ביים אָנהייב פון דער קאָלכאָז-ווירטשאַפט איז דער ברונעם מיטן עמער אויף אַ קייט. דער עמער לויפט נאָך דער קייט, ווערט אַרויפגעצויגן אויף דעם וואַל, ווען מען דרייט מיט אַ קאָרבע.

אַלעק, אברהם און מאַטים פאַרהאַלטן זיך לעבן ברונעם.

— אַ ברונעם לעבן אַריינגאַנג איז אַ סימן פון הכנסת-אורחים — זאָגט אברהם.

זיי האָבן געטרונקען וואַסער פון דעם עמער.

---

* פאָרזיצער.

— נישט קיין שלעכטער ברוך-הבא — זאָגט ווידער אברהם.

— ס'זאָל נאָר זיין אַזוי מיט ברויט, ווי מיט וואַסער — זאָגט מאַטיס און ווישט זיך די גאָמבע.

— לאָמיר אַריינגיין מיט אַ גרינג האַרץ, אַז אַלץ וועט גיין כשורה — זאָגט אַלעק.

— חתן, מאַך זיך האַרץ... — זאָגט אברהם שפּאַסיק.

— ווי לאַנג מיינט עץ דאָ צו בלייבן? — פרעגט מאַטיס.

— דו מיינסט: ווען מען וועט אַוועק איינגעמען מכאַטש-קאַלאַ?

— וואָדען?

— אַ הון חלומט וועגן האָבער, און מאַטיס — וועגן מכאַטש-קאַלאַ!

— איך וויל לעבן, כ'האָב פּאַר וועמען, פינף קינדער, מיינע טייערע...

— אַז דו, מאַטיס, הייבסט אָן צו רעדן וועגן קינדער, לייגסטו מיך אַוועק אויף ביידע לאָפּאַטקעס. איך האָב בלויז איין בן, און דער ווייטיק איז נישט קלענער — זאָגט אברהם.

— איך האָב זיי פאַרלוירן און עץ זענט אַנטלאָפן.

— אַנטלאָפן פון דייטש, פון דייטש, מאַטיס!

— געפינט מיר אַ טרייסט, אדרבא...

זיי זענען שווייגנדיק אַריינגעגאַנגען אין קאָלכאָז.

מאַטיס האָט אָבער געוויינט, שטיל געוויינט.

*

די זון האָט, ווי אַן אָנגעגליטע שטאַרץ, שווער זיך אַראָפּגע-לאָזט הינטער דער ליימענער שול-קיביטקע, וואָס איז אויך גע-ווען די ערשטע קיביטקע אויפן וועג צו דער קאָלכאָז-ווירטשאַפט. פון ערגעץ ווייט האָט זיך געטראָגן אַ מעקען פון שעפּסן. די סטאַדע איז שוין אַראָפּ פון פעלד. ס'איז נאָך דער אַרבעט-צייט אין קאָל-כאָז, דאָך זעט מען נישט קיין קאָלכאָזניק אויפן וועג. די ליימענע

קיביטקעס זענען ווייט איינס פון דער אַנדערער, טייל אָפּגעטיילט מיט גרויסע פּלויטן. ביי דער טייל קיביטקעס וואָס זענען אָן צווי־מען — שווערע הילצערנע טירן. אויף איניקע טירן — דיקע אייזערנע רינגען, אַריינגעשטעקט אין אַ פערד־פּיסק, פון האָלץ געשניצט. אויף אַן אַנדערער טיר איז אָנגעהאָנגען אַ פּאַדקאָווע אין אַ ציגן־האָרן. די רינגען זענען קלאַפּערס, אַנשטאָט אַ גלעקל. אָבער אויב דער בעל־הבית פון דער קיביטקע איז נישטאָ, נאָר די אוזבעטשקע, העלפט נישט קיין קלאַפּן. זי וועט נישט עפענען די טיר, וועט זיך אַפילו נישט אָפּרופן.

אין תחום פון עטלעכע צענדליק מעטער איז די אייזל־שטאַל, די הינערשטייג, דער ליימענער אויוון צו באַקן „לעפּיאָשקעס״, אַן אָרט פאַר דער שוואַרצער אייזערנער שיסל צו קאָכן טיי, „לאַפּשאַ״. צו דער קיביטקע דאַרף מען אָבער נישט צוגיין. מען דאַרף רופן פון דער ווייטנס, וועט עמעצער אַרויסקומען. אַזוי האָט אָנגעזאָגט באַטשאַן פון רעמיטאַן.

עמעצער האָט דערזען, אַז דריי פרעמדע זענען אין קאָלכאָז, איז געקומען צו לויפן דער בריגאַדיר באַבאַיעף. מיט צעעפנטע כאַלאַטפּאָלעס, ווי אַוועקגעריסן זיך פון אַן אַרבעט, איז ער צו זיי צוגעפאַלן און זיך פאַרגעשטעלט, דערקלערט, אַז דער „ראַיס״ איז נישטאָ, דאָס קאַנטאָר — פאַרמאַכט און דער עיקר:

— צו וועמען און צוליב וואָס?

— אַרבעטן! — זאָגן אַלע דריי ווי איינער.

— „יאַכשי״ — ענטפערט באַבאַיעף.

באַבאַיעף איז אַ מיטלוויקסיקער, מיט אַ געשטופּלט פּנים און אַ בעלמע אויפן לינקן אויג. ער האַלט די „„נאַפּראַווליעניע״, וואָס אָלעק האָט אים דערלאַנגט, אָבער לייענט נישט. אָלעק טייטלט מיט אַ פינגער ער זאָל אַריינקוקן אין פּאַפּירל.

— נישט וויכטיק, וואָס ס׳איז געשריבן. אַרבעט איז דאָ! — זאָגט באַבאַיעף צעשפּרייטנדיק די הענט אויף צו ווייזן, אַז ס׳איז דאָ אַ סך אַרבעט.

— „יאַכשי״! — זאָגט באַבאַיעף און וואַרפט מיט די הענט אויף אָנצוווייזן, אַז זיי זאָלן גיין נאָך אים.

— פרעגץ אויף ברויט — זאָגט מאַטים.

— וואַרט, אפשר פירט ער אונדז אין מאַגאַזין אַריין? — ענטפערט אַלעק.

באַבאַיעף ווייזט אָן מיט די הענט אויף אַ נישט־ווייטן בנין. מאַטים קאָן זיך נישט באַהערשן:

— כליעב יעסט? — פרעגט ער.

— „נאָן יאָק, לעפּיאָשקאַ באַר״.

אַלע דריי ווינקען זיך איבער שאָקלענדיק מיט די קעפּ: „זאָל זיין לעפּיאָשקאַ!״

*

דער בריגאַדיר באַבאַיעף האָט אַלעקן און זיינע חברים נישט געפירט אין מאַגאַזין צו געבן זיי „לעפּיאָשקעס״, נאָר כדי זיי זאָלן זיך נישט אַרומדרייען אין קאָלכאָז. און כדי אַרויסצוווייזן זאָרג פאַר זייער מצב, האָט ער זיי אַריינגעלאָזט אין סקלאַד פון „כלאָפּאָק״. דאָ זאָלן זיי וואַרטן אויף זיין קומען מיט „לעפּיאָשקעס״. ער ווייסט, אַז הונגעריקע דאַרף מען אָנקאָרמען.

אָן איין־און־איינציק עלעקטריש לעמפּל איז געהאָנגען אין מיטן סופיט, ס׳זאָל נישט זיין אין גאַנצן פינצטער. אויף ביידע זייטן פּריטשעס ליגן הויכע שטויסן בייוול־פּעק. אַלעק האָט איינגעענורעט די פּיס אינעם בייוול, זיך צו דערוואַרעמען. אָבער עס וואַרעמט נישט. שלאָפן קען ער נישט — ער וואַרט אויף דער „לעפּיאָשקע״. דער בריגאַדיר האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט ברענגען. ער געדענקט אַפילו נישט גענוי, צי האָט ער געזאָגט „וועט״ ברענגען, אָדער „וויל״ ברענגען. דערמאָנט זיך דערביי אַלעק אַ געשיכטע, וואָס איז פאַרבינדן מיט „וויל״ און „וועט״. זיין טאַטע האָט אים דערציילט: אין אַ שטעטל האָט אַ ייד אַ נצרך אויסגערופן אין שול, אַז 4 אַ

זייגער נאָך מיטאָג וויל ער אַריבערשפּרינגען איבער דער שול. אַלע, וואָס ווילן דאָס זען, זאָלן איינצאָלן יעדער צו קאָפּיקע. צו דער באַשטימטער צייט האָט אויפן שול-הויף זיך פאַרזאַמלט אַן עדה יידן טשעקאַווניקעס, צו זען ס'וווּנדער. באַלד איז דער ייד, דער העלד, אָנגעלאָפן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס כאַלאַטל, פאַרשאַרצט די אַרבל און גענומען ראַזמאַך. צוגעלאָפן צו דער וואַנט און סטאָפּ — ווייטער נישט! ער איז ווידער אַ מאָל געלאָפן מיט אימפּעט, צוגעפאַלן צו דער וואַנט און ווידער — סטאָפּ, ס'גייט נישט! אַזוי עטלעכע מאָל. האָבן יידן געמאַכט אַ ויצעקו: — „ס'טייטש, שפּרינגסט נישט אַריבער? גיב אָפּ ס'געלט!" האָט דער ייד זיך געשטעלט פאַר דער עדה און אויפגעוויזן, אַז ער האָט נישט גענאַרט: „איך האָב דען געזאָגט, אַז איך וועל אַריבערשפּרינגען? איך האָב געזאָגט אַז איך וויל. נו, וויל איך און איך קען נישט!"...

אָבער דאָ האָט באַבאַיעף געעפנט די טיר, רעכט נישט אַרייַנגעשטעקט דעם קאָפּ, בלויז אַרייַנגעזאָגט עפּעס בנוגע די „לעפּיאָשקעס". זיי האָבן נישט דערהערט גענוי, צי ער האָט שוין, צי ער וועט האָבן.

— זאָל זיין, אַז ער וויל יוצא זיין מיטן ווילן? ער קוקט צי מיר שלאָפן שוין — האָט מאַטיס זיך באַאומרויִקט.

— פון זיין זייט איז דאָס אויך אַן עפּעס. ער טוט וואָס ער קאָן — האָט אַלעק אַלעמען געטרייסט און געפרעגט:

— אברהם, שלאָפסט?

— וואָלט איך נאָר געקאָנט!

— וואָס וועט זיין?

— ווען ס'וועט טאָג ווערן, מיינסטו?

— ווי לאַנג וועל איך אַזוי מוזן רחמנות האָבן אויף זיך?

ווען באַבאַיעף איז אַרייַנגעקומען, זענען אַלע אויפגעשפּרונגען. עפּעס אַ הייטערקייט איז געווען אין זיין שטימע:

— „נאַשאַל, נאַשאַל”! * חזרט ער איבער די בשורה.

ער צעעפנט די כאַלאַט־פאָלעס און ס'פאַלן אַרוים דריי „לע־פּיאָשקעס”.

— „וואָט טשטאָ נאַשאַל”! **

ער איז נישט גלייך אוועק, באַבאַיעף. ער האָט געקוקט ווי זיי קנייפּן שטיקער פון די לעפּיאָשקעס און געהאַט הנאה דערפון, וואָס זיי האָבן הנאה. ער האָט זיך פאַרענטפערט: דער מאַגאַזין איז פאַרמאַכט, איז ער געלאָפן פון קיביטקע צו קיביטקע און נישט געקריגן. ביי דער שעפסן־פּאַסטושקע האָט ער געקריגן די „לע־פּיאָשקעס”. זי וווינט העט ווייט.

דערווייל הייבט באַבאַיעף אָן צו דערציילן אַ מעשהלע: „אין אַ הויז האָט געוווינט אַ פידלשפילער. ער פלעגט ביים איבן זיך אין שפילן שטיין פאַרן פענצטער. איין מאָל האָט ער באַמערקט, אַז די מאַלפּע פון אַנטקעגנאיבער מאַכט אים אַלץ נאָך, וואָס ער טוט. האָט ער בעתן ראַזירן זיך אויך זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פענצטער. די מאַלפּע האָט אויך גענומען אַ בריטווע און ווידער אים נאָכגעטאָן. האָט ער געוואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון דער מאַלפּע און אין מיטן ראַזירן איבערגעקערט דאָס מעסער און גע־מאַכט זיך שניידן דעם גאָרגל. די מאַלפּע האָט זיך צעלאַכט און געוויזן ער זאָל אַליין שניידן דעם גאָרגל...” דאָס מעשהלע האָט ער דערציילט וועגן זייער באַציִונג צו דער סאָוועטישער מאַכט.

כאָטש דאָס מעשהלע האָט נישט אַרויסגערופן קיין גרויסן אָפּקלאַנג ביי זיי, האָט ער דאָך זיך נישט פאַרלוירן — אים איז גענוג געווען, אַז ער האָט געקאָנט זאָגן וואָס ר'האָט געוואָלט. אָבער אוועקגיין מיט גאָרנישט האָט ער אויך נישט געוואָלט, איז ער אַריבער אויף אַן אַנדערן שמועס:

---

* געפונען.

** אָט וואָס געפונען.

— אויך יידן זענען מיר ליב. זיי לאָזן זיך נישט פאַרבלענדן פון קיין טעאָריעס. זענען נישט אין קיין קאָלכאָזן, נישט סאָווכאָזן.

אברהם מיט אָלעקן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן זיך, פאַר וואָס יידן זענען נישט באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט. האָט זיך באַבאַיעף געכאַפּט פאַרן קאָפּ, געוואָרפן מיט די הענט: „נישט דאָס געמיינט.. נישט קיין פאָרוווּרף. פאַרקערט, לויט אים זענען יידן גערעכט, וואָס זיי ווערן „זאַוס", באַאַמטע, דאָקטוירים, אינזשעניִרן. דעם פויערס קאָפּ אין איז דר'ערד — העכער קאָן ער נישט גרייכן. די גערעטעניש אויפן פעלד איז נישט פאַר אים. ווען ס'איז אַפילו דאָ אַ גערעטעניש איז נישט דער פויער דער ערשטער אויף צו געניסן פון דער ערד, נאָר די שטאָטלייט. זיי האָבן עס אויסגעטראַכט דעם טראַקטאָר, דעם קאָמביין, כדי צו פאַרשקלאַפן דעם פויער. שטעלט זיך דער טראַקטאָר אין מיטן זייען — באַקומט זיך שטעכעניש אין די נירן. פאַרהאַקט זיך דער קאָמביין אין מיטן שניט — פאַרדרייען זיך די געדערעם אין בויך. די שטאָטישע אָנען דאָס נישט. זיי נעמען פון גרייטן. וואָס זאָג איך נעמען — מען טראָגט זיי צו"...

„אפשר איז ער אונטערגעשטעלט, כדי זיך צו דערוויסן מיט וועמען ער גייט צום טיש?" — האָט אָלעק אַ טראַכט געטאָן און ער האָט געפרעגט:

— איז שלעכט דער קאָלכאָז?

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט! איך האָב דאָס נישט געזאָגט! — איז באַבאַיעף ווי אַ צעטומלטער שנעל אַרויס פון דעם סקלאַד.

4

## מאַטיס אַ קראַנקער

דער באַגינען האָט זיך נישט אָנגעזען אין סקלאַד. די שויבן אין די לאַנגע פענצטער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן נישט צו עפענען, האָבן אַרויפגענומען אויף זיך דעם שטויב — שיכט אויף שיכט.

חוץ מזה, האָט אָלעק נישט אויסגעקוקט אויף טאָג־ווערן. ער האָט געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל זיך פאַרציִען, ער זאָל קאָנען שלאָפן אַ ביסל לענגער. עפּעס האָט ער נישט קיין גוטן חלום געהאַט: אויף קלעצער זיך געקאָלערט, אין שפּיטאָל זיך אַריינגעגליטשט. אַ היץ, אַ שריפה. ער כאַפּט זיך אַרויף אויף אַן אייזל — אַ ווילדע חיה; אין מיטן וועג שליידערט זי אים אַראָפּ, אָבער ער פאַלט נישט, ער בלייבט שטיין אויף די פיס. ער פּרוּווט זיך פּותר חלום זיין און דערגייט נישט קיין טאָלק. ער טאַפּט אָן אברהמען און פרעגט, צי ער איז געזונט? ער טאַפּט אָן מאַטיסן און פרעגט, צי ער איז געזונט? כאָטש זיי לאַכן פון אים, איז ער דאָך נישט שווה בשווה מיט זיין געמיט.

אין דער טיר האָט אָנגעקלאַפּט באַבאַיעף:

— ברידערלעך, אויפשטיין צו דער אַרבעט!

דער רוף איז זיי נישט געפעלן: ער רופט נישט צום עסן, נאָר אַרבעטן? אויפן ניכטערן מאָגן? אין לאַגער איז מען נישט אַרויס פון דער זאָנע אָן אַ פרישטיק.

ס'אָנטוען זיך האָט ביי זיי כמעט קיין צייט נישט פאַרנומען.

זיי זענען געשלאָפן אין די מלבושים. אברהם האָט בלויז גערדאַרפט פאַרריכטן די זוילן, זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן, און מאָטיס האָט געהאַט צו טאָן מיט די וויקלשנורן. אַז זיי זענען אַרויס פון דעם סקלאַד, האָט דער דרויסן זיי אַרומגעכאַפּט מיט אַ קעלט. אין די ראָוועס איז דאָס פלאַכע ביסל וואַסער געשטאַנען ווי גלאָז — דורך דער בייגאַכטיקער קעלט געפרוירן געוואָרן. באַבאַיעף האָט זיי געוויזן, זיי זאָלן גיין נאָך אים, מאַכן באַוועגונגען זיך צו דערוואַרעמען: גיין שנעל און וואַרפן מיט די הענט, אַז אַלע גלידער זאָלן אַרבעטן. ער אַליין גייט נישט, ער לויפט.

אברהם דעריאָגט אים, שטעלט אים אָפּ: ער פרעגט אים וועגן אָנבייסן.

דערקלערט זיי באַבאַיעף: איינס — דער מאַגאַזין איז נאָך פאַרמאַכט, שנית — די קאָנסטיטוציע זאָגט: „ווער ס׳ארבעט דער עסט" — זיי האָבן נאָך נישט געאַרבעט! ער פאַרזיכערט אָבער, אַז זיי וועלן באַקומען עסן; זיי וועלן אַפילו קריגן פּראָדוקטן אויף פינף טעג פאָרויס — אַ „טרוקענעס פּאַיאָק". זיי וועלן קריגן אַ קיביטקע און אַ „קאַסאָן", וועלן זיי זיך קאָכן עסנס, וואָס זיי איז ליב. אַז דער „זאַוו-מאַגאַזין" וועט זיך נאָר באַווייזן, וועט ער נעמען פאַר זיי „לעפּיאָשקעס" און זיי אַרויסברענגען אויפן פעלד. ער וועט אויך נעמען שאַל-ראָס, אַז ס׳וועט זיין.

*

האָרט, טרוקן איז די גראָע ערד. קיין לאָפּעטע נישט אַריינצושטעקן, נאָר מיט קירקעס צו האַקן די גרודעס, אָנוואַרפן זיי אויף אַ „זאַנזיבאַר"* און איבערטראָגן אויף אַן אַנדער טייל פעלד. דאָס איז די אַרבעט היינט: טוישן פלאַסטן ערד פון פעלד אויף פעלד.

---

* טראָגברעט.

אַלעק און אברהם טראָגן דעם „זאַנזיבאַר" און מאַטים וואַרפֿט אָן די ערד. אַזוי האָבן זיי צווישן זיך איינגעשטעלט די אַרבעט. פֿון שעה צו שעה האָבן זיי אַלץ מער אַנטוועקן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך, און צו האַלבן טאָג האָבן זיי שוין געאַרבעט אָן די העמדער. זיי האָבן זיך פֿאַרנומען צו מאַכן צוויי נאָרמעס אין איין טאָג. פֿאַר־דינען אַ טאָפּלטן פּאַיאָק. ס'זאָל זיין מיט וואָס צו לאָזן זיך אין וועג קיין מכאַטש־קאַלאַ.

באַבאַיעף האָט טאַקע געברענגט די צוגעזאָגטע לעפּיאָשקעס, אָבער עפּעס אָן אַנדערער באַבאַיעף איז ער געוואָרן, ווי ער וואָלט אַרויס פֿון גלייכגעוויכט. ער איז געקומען מיט טענות און יאָגע־ניש: מאַטים נעמט־אָן ווייניק ערד אויף דער שופלע. ער האַלט שלעכט די שופלע, כדי ער זאָל נישט אָננעמען וויפֿל ס'איז מעגלעך. אַלעק און אברהם טראָגן נאָר אַ העלפֿט וויפֿל מען קאָן; זיי שפּאַ־נען נישט, נאָר טשלאָפּען. זיי אַרבעטן פֿלעגמאַטיש.

— אויב איר וועט זיך אַזוי פֿירן, וועט איר נישט פֿאַרדינען דאָס עסן! — שרייט באַבאַיעף.

אָפּגעשריגן — און אַוועק.

די אוזבעקשקעס אויפֿן דערנעבנדיקן פֿעלד האָבן זיך געזעצט עסן און צוקוקנדיק זיך ווי אַלעק און אברהם שטרענגען זיך אָן בעתן טראָגן די פֿולע „זאַנזיבאַרס", האָבן זיי געטרייסט:

— „יאַמאַן" קאַלכאַז, שלעכט קאַלכאַז, שלעכט!

סיי אַלעק, סיי אברהם, האָבן זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין שמועס מיט די ווייבער. זיי האָבן בלויז געקוקט צו זייער עסן: זיי קנייפּן פֿון די לעפּיאָשקעס און וויקלען די שטיקלעך אַרום מיט אַ מייערל, אַ ציבעלע. זיי קייען לאַנג יעדן ביסן, עסן זיך נישט איבער.

*

די גראָקייט פֿון די קיביטקעס זעט זיך אָן אין אָפּשיין פֿון דער זיך זעצנדיקער זון און שווער לייגט זי זיך אויפֿן געמיט. דער

אינעווייניק פון די קיבּיטקעס איז נאָך מער אומעטיק. פיר הוילע ליידיקע ווענט, ס'הויכט מיט קעלט און פייכטקייט. אַ טיר אַנט־קעגן אַ טיר, פּאָר צוגווינטן און פּאָר ליכט. קאָלדרעס אויף די קויקעס, וואָס דאָס אויסזען זייערס שוידערט אויף. אָבער אָלעק האַלט, אַז מען דאַרף צו קיינעם נישט האָבן קיין טענות: זיי זענען דאָך געקומען אַהער פון אייגענעם ווילן. אויך באַבאַיעף האַלט אַזוי:

— נאָך וואָס ליכט? ביי טאָג אין פעלד, ביי נאַכט שלאָפט מען.

דער היינטיקער באַגינען האָט פּאָר אָלעקן זיך אָנגעהויבן טאַקע מיטן אויסלעשן זיך פון די שטערן. דאָס וואָס איז אים היינט באַפאַלן, האָט ער נאָך ביז איצט נישט געהאַט, און ווייל ער האָט געוואָלט זיך גוט אויסשלאָפן, אויסוואַרעמען דעם גוף אונטער דער וואַטע פון די קאָלדרעס, האָט ער ס'אויג נישט צוגעטאָן. אברהם און מאַטיס — דאָס זעלבע.

זיי האָבן אויסגעזופּט דאָס אָוונט־מאָלצייט — ווייל ס'איז נישט געווען צום קייען, נאָר צום זופּן — מחמת אברהם האָט פאַר־וואָרפן אַ ביסל גרעטשענע מעל אויפן וואַסער אין „קאַסאַן", איז אַנשטאָט ס'זאָל אַרויסקומען אַ קאַשע, געבליבן אַ „פּאַדלעווקע". דער בויך איז אָנגעפּוישט געוואָרן. נאָך עטלעכע מינוט ליגן צוגע־דעקט מיט דער קאָלדרע, זענען ווערעם זיי באַפאַלן. אַלע דריי האָבן זיך געזעצט אויפן בריקל, אָפּגערוקט אַ ביסל איינער פון אַנדערן. — טאָמער איז אויף איינעם אַרויף דאָס אומפּליט, זאָל עס נישט אַריבערשפּרינגען אויף אַ צווייטן.

יענע נאַכט און צו מאָרגנס האָט אָלעק אַרויסגעלייגט די קאָלדרעס אויפן בריקל, און ווידער אַ האַלבע נאַכט נישט געשלאָפן. מאַטיס האָט געפּלאַפּלט פון היץ. אין דער פרי האָט ער נישט גע־קאָנט זיך אויפשטעלן. מאַטיס איז קראַנק, ווייזט אויס, ערנסט קראַנק. אָלעק און אברהם זענען אַרויס אויפן פעלד, האָבן בלויז עטלעכע שעה געאַרבעט און געקומען זען, וואָס איז מיט מאַטיסן. ער איז געלעגן ווי אַ קלאָץ. זיין רעדן האָבן זיי שוין נישט פאַרשטאַנען, זענען זיי צוגע־לאָפן צו באַבאַיעפן:

— גיב אַ פערד און וואָגן מאַטיסן צוצופירן אין שפּיטאָל.

— באַבאַיעף וואָלט געגעבן אַ וואָגן, נאָר די „ארבאס" זענען נאָך אַלץ פאַרנומען מיט טראַנספּאָרטירן דעם מעשׂר פאַר דער רעגירונג. ער האָט נישט. ער ווייסט נישט ווען ער וועט קאָנען אָפּרייסן אַן „ארבאַ" פון דער גרופּע.

כאַפּן אַלעק און אברהם זייערע היטלען, ציִען זיך גוט איין אין די גאַרטלען, לאָזן באַבאַיעפן שטיין און לויפן אין קאַנטאָר. איבערן וועג מאַכן זיי אָפּ ביי זיך אַריינצופאַלן אין קאַנטאָר מיט אַ „ויצעקו", אַז זיי וועלן נישט גיין אַרבעטן אין פעלד, כּל־זמן מען וועט נישט געבן אַן „ארבאַ" אָפּצופירן מאַטיסן אין שפּיטאָל. זיי וועלן נישט איבערלאָזן זייער חבר אַ קראַנקן. דאָ אין קאָלכאָז איז ער קראַנק געוואָרן.

דערווייל איז באַבאַיעף געלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג.

— וווּהין לויפט באַבאַיעף?

— ער אַנטלויפט אפשר, אַז מען זאָל אין קאַנטאָר נישט וויסן, וווּ אים צו געפינען. וועט דער „ראיס", דער פאָרזיצער, קאָנען אונדז פּטרן מיט אַרויפוואַרפן די אחריות אויף באַבאַיעפן.

דאָס שמאָלע, געגלאָזטע טירל פון דער קאַנטאָר־קיביטקע איז געשלאָסן געווען, כאָטש אינעווייניק איז מען געזעסן ביי די צוויי טישלעך פון יענער זייט באַריערע. באַבאַיעף איז שוין דאָרט געווען. אַלעק האָט געקלאַפּט אין דער שויב, אָפּגעוואַרט מינוטן און ווידער אָנגעקלאַפּט. אַז מען האָט אים נישט געעפנט די טיר, האָט אויך אברהם געקלאַפּט, און דערנאָך האָבן זיי ביידע צוזאַמען אָן אויפהער געקלאַפּט צום טאַקט.

אַ הויכוווּקסיקער אוזבעק, אין אַ לאַנגן גראָען כאַלאַט, האָט ענדלעך געעפנט די טיר. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער שוועל, ווי צו פאַרשטעלן דעם וועג. אַלעק און אברהם האָבן זיך געשטופּט פון ביידע זייטן, האָט ער זיי נישט געקאָנט בייקומען און זיי זענען אַריין אין קאַנטאָר. דורך דער צייט איז באַבאַיעף אַרויס דורך אַ הינטערטיר. דער הויכוווּקסיקער אוזבעק אין דעם לאַנגן כאַלאַט,

וואָס האָט אים געמאַכט העכער ווי ער איז געווען באמת, איז געווען דער בוכהאַלטער. דאָס הייסט — נישט וויניקער חשוב, ווי דער „ראָים". ער ווייסט שוין וואָס זיי ווילן. באַבאַיעף האָט אים אינפאָרמירט. דאַרפן זיי איצט אָפּגעבן אין מאַגאַזין דעם „פּאַיאָק", וואָס זיי האָבן גענומען פאַר מאַטיסן, זאָגט ער, ווי לייענענדיק אַ פּסק. דער בוכהאַלטער האָט נישט קיין ציין אין מויל. די שמאָלע באַקן זעען אויס ווי צוויי גריבער. ער רעדט קוים רוסיש, אָבער אָלעק און אברהם דערקלערן זיך קעגנזייטיק וואָס ער מיינט. זיי ווילן נישט אַריינלאָזן זיך אין אַ וויכּוח צי אַ קראַנקער דאַרף נישט עסן. דער עיקר איצט — זיי דאַרפן אַ וואָגן, אַן „אַרבאַ" אָפּצופירן דעם קראַנקן חבר אין שפּיטאָל.

— קראַנק דער חבר? ווער האָט עס אייך געזאָגט?

— ער קאָן נישט אַראָפּ פון בעט, האָט הויכע היץ.

— וואָס איז די קרענק?

— דער דאָקטאָר אין שפּיטאָל וועט שוין זאָגן.

— אַז איר קענט נישט די קרענק, פון וואַנען ווייסט איר, אַז ער איז קראַנק? ביי קדחת האָט מען היץ, נו איז עס אַ קראַנקייט?

— מיר ווילן רעדן מיטן „ראָים"!

— דער „ראָים" איז אין ראַיאָן, ער בלייבט דאָרט אויף מאָרגן.

— מיר דאַרפן אַן „אַרבאַ"!

— צוליב קדחת, אָדער שילשול, וועל איך נישט אָפּשטעלן די „גאָספּאָדסטאָווקע"! אפשר וועט ער מאָרגן שוין נישט קראַנק זיין? נישטאָ קיין „אַרבאַ".

צו מאָרגנס, ווי עס האָט נאָר געשאַריִעט אויף טאָג, האָבן אָלעק און אברהם צוגעגרייט די זעקלעך און גענומען מאַטיסן: זאָל ער זיך אָנהאַלטן אין זייערע אַקסלען, און זיי וועלן מיט אים אַוועק אין ראַיאָן. איז אָנגעלאָפן באַבאַיעף, גערופן, זיי זאָלן גיין מיט אים. ער האָט זיי צוגעפירט צו אַן „אַרבאַ", אַן אָנגעלאָדענע מיט פּעק „כלאָפּאָק", אַן אייזל איז שוין געווען אין שפּאַן. ער האָט געהייסן, זיי זאָלן אַראָפּוואַרפן די פּעק און אַוועקשטעלן

די „אַרבאַ״ אויסערן תחום פון דעם קאַנטאָר. אַז עס וועט ווער זיי אָפּשטעלן, זאָלן זיי זאָגן, אַז מען דאַרף טוישן אַ ראָד. דערנאָך האָט ער זיך שנעל דערוויטערט, וואַרפנדיק מיט די הענט און זיי געראָטן, זיי זאָלן טאָן וואָס זיי ווילן און דאַרפן.

ווען מאַטיס האָט זיך אַריינגעקאַטשעט אין דער „אַרבאַ״, האָט ער הוסטנדיק געזאָגט:

— איך וויל צ׳זאָלט געדענקען...

— וואָס?

— צ׳זאָלט געדענקען, אַז מיר קומט אַ מאַרמאָרנע מצבה.

— פּלאַפּלסט פון היץ.

— דאָס וואָס צ׳הערט. מיר קומט אַ מאַרמאָרנע מצבה... איך האָב געקאָנט זיין אַ שלעכטער מענטש, טאָן אַ סך שלעכטס... און האָב עס נישט געטאָן...

5

## מאַטיס אין שפּיטאָל

זיי האָבן דעם קראַנקן מאַטיסן צוגעפירט אין שפּיטאָל — און אים איבערגעלאָזט אויף די טרעפּלעך פאַרן אַריינגאַנג. פּשוט אומ־טערגעוואָרפן. אין שפּיטאָל איז נישט געווען קיין פריי בעט. די קראַנקן־שוועסטער האָט נישט געוואָלט עפענען די טיר מען זאָל איר נישט אַריינוואַרפן דעם קראַנקן. זי האָט גערעדט צו זיי דורכן פענצ־טער. האָבן זיי נישט געזען קיין אַנדערן אויסוועג, ווי איבערלאָזן אים פאַר דער טיר אויפן באַראָט פון גורל. אָבער אַוועקגיין, נישט צו וויסן, ווי עס וועט אויספאַלן דער גורל, האָבן זיי אויך נישט געוואָלט. האָבן זיי זיך דערווייטערט מיט דער „ארבא״, אָפּגעקליבן אַן אָב־סערוואַציע־פּונקט אויף דער צווייטער זייט פּלאַץ, אַנטקעגן דעם שפּיטאָל־בנין. אַ שעה, צוויי, זענען זיי געזעסן און בלויז אַרויסגע־שטעקט די קעפּ, געהאַלטן אַ וואַך אויג אויף מאַטיסן.

צי האָט מאַטיס געוווּסט וועגן זיין לאַגע? דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט באַשטימען. געדוכט האָט זיך זיי דאָך, אַז ער ווייסט און פאַרשטייט, אַז ער אַליין דאַרף עפּעס טאָן פאַר זיך, כדי נישט אומ־צוקומען. ער האָט זיך אויסגעצויגן איבער דער לענג פון די טרעפּ־לעך מען זאָל נישט קאָנען אַריין, נישט אַרויס דורך דער שפּיטאָל־טיר — אויב נישט אַריבערצושפּרינגען איבער אים. אַזוי איז ער געלעגן, ווי אַן אַ רוח־חיים.

נאָך אַ געוויסער צייט איז באַטשאַן, דאָס „תכלית־יינגל״ פון

רעמיטאַן, גראַד אַפּערגעקומען פון דער צווייטער זייט שפּיטאַל-בנין. ער איז אַנגעקומען מיט דער אוזבעטשקע, מיט וועלכער ער וווינט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָן אויפן ליגנדיקן פאַר דער שפּיטאַל־טיר און באַטשאַן האָט דערקענט מאַטיסן. ווייזט אויס, אַז זיינע גרינע וויקלשנורן זענען געווען אַ סימן מובהק... באַטשאַן האָט עפּעס גערעדט מיט זיין אוזבעטשקע, און זיי זענען באַלד צוריק אַריין, פון וואַנען זיי זענען געקומען. נאָך עטלעכע מינוט האָט זיך געעפנט די שפּיטאַל-טיר. באַטשאַן האָט געהאָלפן דער קראַנקן-שוועסטער אַריינגעמען מאַטיסן אין שפּיטאַל אַריין.

— פון איצט אָן וועל איך געדענקען: אויב מען טרעפט אַ מענטש אין וועג, איז ער געשיקט געוואָרן... דורך וועמען ווייס איך נישט, אָבער ער איז געשיקט געוואָרן — האָט אברהם געזאָגט.

— יאָ, ווען מיר נעכטיקן נישט ביי דעם באַטשאַן יענע נאַכט, ווער ווייסט, ווי דער גורל וואָלט דעם קראַנקן מאַטיסן פאַרוואָרפן — האָט אָלעק באַשטעטיקט און געסיקעט צום אייזל ער זאָל זיך רוקן מיט דער „ארבא" אין וועג אַריין.

— עפּעס אַ נס, וואָס באַטשאַן איז דאָך נישט אַוועק פון דער אוזבעטשקע...

— ער האָט זי איינראַפּעזירט. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די הויזן.

— די פּיסלעך אירע קיצלען אים, ווייזט אויס...

אַזוי וויצלענדיק זיך האָבן זיי אַריינגעשפּאַנט אויפן וועג אין קאָלכאָז. זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז זיי קאָנען פאַרשפּעטיקן דעם מאַגאַזין און וועלן אויף ביינאַכט בלייבן אָן אַ „פּאַיאָק".

דאָס טשלאַפּען פון אייזל האָט זיי אויפגערעגט, זענען זיי אַראָפּ פון דער „ארבא" און שפּאַנענדיק צו פוס, אונטערגעיאָגט דעם אייזל. אַזוי זענען זיי צוגעקומען גלייך צום קאָנטאָר. דעם לאַנגן בוכהאַלטער האָבן זיי נאָך געטראָפן זיצן ביים שרייבטיש. זיי האָבן פאַרלאַנגט, ער זאָל אויסשרייבן אַ צעטל אין מאַגאַזין אויף פּראָדוקטן. דער בוכהאַלטער האָט נישט אויסגעשפּיגן דעם טאַבאַק פון אונטער דער צונג און אויסגעגענגעט: ער וועט נישט

אויסשרייבן קיין „פּאַיאָק" פריִער, ווי ער וועט נישט אָפּרעכענען, וואָס מאַטיס האָט געדאַרפט צוריקגעבן.

— מיר קאָנען דאָך נישט אַרבעטן אומגעגעסן.

ס׳האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן, נישט קיין געבייזער, נישט קיין דראָונגען.

דעם טאָג האָבן זיי שוין נישט געגעסן, אויך נישט געאַרבעט. באַבאַיעף איז פאַרבייגעגאַנגען זייער קיביטקע אויף צו איבער־ציִיגן זיך צי זיי זענען נאָך דאָ.

— מען דאַרף רוען — האָט באַבאַיעף פאַרמאַכט דאָס בעלמע־אייגל און מער קיין וואָרט נישט געזאָגט.

*

אין גראָקייט בלייכט זיך דער הימל, ווישט פון זיך די נאַכט. אַ קיל ווינטל צעשפּרייט וואָס אַ מאָל מער די פרימאָרגן־ליכט. אַלעק און אברהם זענען די נאַכט ווייניק געשלאָפן. זיי האָבן באַ־שלאָסן צו פאַרלאָזן דעם קאָלכאָז. נאָך איידער באַבאַיעף וועט קומען זיי נעמען צו דער אַרבעט, ווילן זיי אַרויס. פון אָנהייב זענען זיי אַ ביסל געלאָפן, כדי באַבאַיעף זאָל זיי נישט דעריאָגן. אַז זיי זענען שוין געווען נאָכן ברונעם, האָבן זיי אָנגעהויבן רויִק צו שפּאַנען. אין רעמיטאַן זענען זיי דאָס ערשטע אַוועק אויפן באַזאַר זוכן עפּעס צו עסן. בלויז עטלעכע אוזבעקן מיט אייזלען זענען געשטאַנען ביי די שטעלעכלעך און זעקלעך מיט „שאַל־ראַם". איינער האָט אַוועקגעשטעלט אַן ערדענע שיסל מיט שיטערן קעז.

— ברויט נישטאָ! לעפּיאָשקאָ נישטאָ! — חזרן איבער די אוזבעקן, ווי אַ פּזמון, כדי מען זאָל זיי פאַרשפּאָרן צו פרעגן.

האָבן זיי געקויפט „שאַל־ראַם" און שיטערן קעז און לעבן אַ ליידיקער שטעל זיך גענומען עסן: געטונקען דעם „שאַל־ראַם" אין דעם קעז. מיטן שיטערן קעז האָבן זיי זיך אויסגעשמירט די ליפּן און די באַקן.

— און וואָס ווייטער?

גיין אין עוואַקאַפּונקט נעמען אַ צעטל אין אַן אַנדער קאָלכאָז אַרבעטן, אָדער זיך לאָזן אין וועג קיין מכאַטש-קאַלאַ, מאַטים׳ גן-עדן אויף דער ערד?

אָבער פריִער האָבן זיי געוואָלט צוגיין אין שפּיטאָל זיך דער־וויסן, וואָס איז מיט מאַטיסן. נאָר ווי זיי זענען אַרויס פון באַזאַר, האָבן זיי געטראָפן באַבאַיעפן אויפן אייזל, אַזוי ווי ער וואָלט זיי אָפּגעוואַרט.

באַבאַיעף האָט זיי טאַקע געזוכט. ווען ער האָט זיי דערזען, האָט אַ פריידיקער גלאַנץ אַ בליץ געטאָן אויך אין זיין בעלמע־אייגל:

— רעביאַטאַ! טאָווארישטשי! קומט צוריק!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געקומען אָפּרעדן זיי פון גיין אין „סעלסאָוויעט”, אין דער ענקאַוועדע, פאַר וואָס עס האָט מורא געהאַט דער בוכהאַלטער. ער האָט זיי פאַרבעטן אין טשאַי־כאַנאַ, געבראַנגט אַ שקאַרמיץ „קיש-מיש” צו דער טיי און אַריינ־גערעדט אין זיי:

— דער בוכהאַלטער איז אַן עקשן. אוים עקשנות האָט ער נישט חתונה געהאַט... ער איז אַן ערלעכער. ווייסט נישט מער, נאָר צו פאַרשרייבן און רעכענען. אַ חוץ וואָס ער האָט נישט וואָס צו געבן, איז ער נאָך צו דעם אַ קמצן... זיין שמאָלער קאָפּ פאַרנעמט נישט, אַז אַ קראַנקער דאַרף עסן.

דערווייל האָבן אָלעק און אברהם געטרונקען די טיי און האָבן זיך געלאָזט וווילגיין מיט דעם „קיש-מיש”. זיי האָבן באַלד זיך געכאַפּט, אין וואָס אים גייט: אָפּהאַלטן זיי פון גיין אין „סעלסאָ־וויעט”. כאָטש זיי האָבן עס נישט אין זינען געהאַט, האָבן זיי עס אים נישט אַרויסגעוויזן. זיי האָבן אים געלאָזט רעדן, און זאָל ער מיינען, אַז ביי זיי איז די ברירה.

— רעביאַטאַ! — ווענדט ער זיך שטיל און סודותדיק — איך האָב שוין אָפּגערעדט מיטן „זאַוומאַג”, ער זאָל געבן עפּעס וואָס אויסערן פּאַיאָק.

זיי שווייגן.

באַבאַיעפֿן האָט זייער שווייגן גאָר צעטומלט. זיין שטימע האָט זיך געבראָכן.

— איר געדענקט, כ׳האָב אייך געברענגט לעפּיאָשקעס אַפילו נישט פון מאַגאַזין? אויף ווייטער וועט שוין דער בוכהאַלטער נישט אויסשרייבן דעם „פּאַיאָק”. איך, איך וועל אויסשרייבן... נישט כדאי, נישט כדאי אויפצוהייבן אַזאַ ענין אין „סעלסאָוויעט”. און וואָס וועט אייך אַרויסקומען פון דער ענקאַוועדע? זיי וועלן אייך פאַרהאַלטן אויף צו פירן די אויספאָרשונג. קומט צוריק. איך וועל אייך האַלטן לעבן מיר. איך וועל אָנגעבן די נאָרמע. נישט דער „אוטשאָטשיק”. דער בוכהאַלטער איז אַן אייזל. איידער ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט חתונה האָבן, האָט מען אים חושד געווען, אַז ער שלאָפט מיט אַן אייזל...

— אַקאַ* באַבאַיעף! — רופט אויס אָלעק און נעמט אים אַרום גוטברודעריש — מיר וועלן קומען צו דיר, נאָר צו דיר. דערווייל וועלן מיר בלויז צוגיין זיך זען מיטן חבר אונדזערן אין שפּיטאָל.

— ס׳איז איין וועג. וועל איך מיטגיין און אויך זען דעם קראַנקן.

— פּונקט קאָן ער שלאָפן, און מיר וועלן וואַרטן, ביז ער וועט זיך איבערוועקן.

— ער וועט דאָך נישט שלאָפן דעם גאַנצן טאָג.

— מיר קענען אים. ער קאָן שלאָפן, לאַנג שלאָפן.

— איך קען דאָרט די קראַנקן־שוועסטער. מיך וועט זי אַריינלאָזן.

— מיר וועלן קומען צו דיר.

באַבאַיעף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך געשוקעט. אָלעק האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף באַבאַיעפס אַקסל און אָן ווערטער אים אָנגעוויזן צו גיין.

---

* ברודער.

מיט שמאָלע טריט איז באַבאַיעף אַרויס צום אייזל, געזעצט זיך רייטנדיק און אויסגערופן:

— יאַכשי! גוט! פאַרשטאַנען!

— יאַכשי, באַבאַיעף! יאַכשי, באַבאַיעף! — האָט אַלעק אים נאָכגעשריגן אַ שבח אין וועג אַריין.

*

דאָס מאָל זענען פאַרן שפּיטאָל-פענצטער געשטאַנען עטלעכע אוזבעטשקעס אין קאָלירקע כאַלאַטן, מיט אַראָפּגעלאָזטע „פּאַראַנ־דזשעס" איבער די פּנימער און גערעדט קוויטשענדיק צו די מאַנצ־בילן אין שפּיטאָל-צימער. מיט די זעלבע קוויטשערייען און וואַרפנדיק מיט די הענט, האָבן זיי געוויזן אַלעקן און אברהמען, זיי זאָלן זיך צו זיי נישט דערנענטערן. עמעצער האָט אין שפּיטאָל-צימער אָוועקגענומען די מאַנצבילן פון דעם פענצטער, האָט אַלעק גע־מיינט, אַז די אוזבעטשקעס גייען שוין אַוועק און ער וועט קאָנען צוגיין. האָבן אָבער די אוזבעטשקעס זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד. זיי האָבן צעוויקלט קלימעקלעך און אויסשפּרייטנדיק עסנ־וואַרג צווישן די פּיס אויף זייערע כאַלאַטן, האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן סענדוויטשן פון „קיש-מיש" מיט שטיקלעך לעפּיאָשקע. נאָכן אויפעסן די סענדוויטשן, האָבן זיי צעקרישלט שטיקלעך שאַל-ראָם, קעז אויף פּעניצלעך, און אָן אויפהער געקייט.

געזען, אַז עס נעמט גאָר קיין סוף נישט צו זייער סעודה, ווייל זיי האָבן אויך אַרויסגענומען טעפּלעך און זיי וועלן נאָך אפשר טרינקען, האָבן אַלעק מיט אברהמען באַשלאָסן צוצוגיין צום פענצטער, נישט געקוקט אויף די געשרייען פון די ווייבער. ווי זיי האָבן זיך דערנענטערט, זענען די אוזבעטשקעס אַרויס מיט יעלהס, אָבער ווען די מענער האָבן זיך דאָך נישט אָפּגעשטעלט, זענען זיי מיט אַ גרעגעריי, ווי די גענדז, אויפגעשפּרונגען און אַנטלאָפן.

אָנכאַפּנדיק זיך אינעם פאַראַפּעט פון פענצטער, האָבן אַלעק

און אברהם זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיצפינגער און אַריינגע־קוקט אין צימער. עס איז געשטאַנען אַ בעט ביי אַ בעט און זיי האָבן קיינעם נישט געקאָנט דערקענען. עפּעס האָט זיי אַ שלאָג געטאָן אין האַרץ נישט קיין גוטס...

מיט אַ מאָל האָבן זיי דערזען מאַטיסן. ביי דער וואַנט האָט ער זיך אויפגעזעצט, איז אַראָפּ פון בעט און צוגעשפּאַנט, אָבער נישט צום פענצטער. די בעטן אין וועג האָבן אים געשטערט. ער האָט זיי דערזען. זיין פּנים איז געווען געל. עפּעס אַ גאַווער האָט אים געטריפט פון מויל. זיי האָבן זשעסטיקולירנדיק אים געפרעגט, ווי ער פילט זיך. ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. ביז ער האָט דרייענ־דיק זיך אַרום די בעטן, צוגעדרייט זיך האַרט צום פענצטער:

— וואָס האַלטן זיי מיך דאָ? זיי מיינען אויף אָן אמת, אַז איך בין קראַנק — האָט ער זיך געכעסט — זיי שפּילן זיך מיט מיר... נאָר מען באַקוקט מיך.

— זאָג זיי, אַז דו פאַרשטייסט זיך אויף אַ קרענק...

— זיי לאָזן נישט רעדן צו זיך!

— נעם זיי איין מיט גוטן.

די קראַנקן־שוועסטער האָט מאַטיסן אַוועקגעצויגן פון פענצ־טער. „ער איז קראַנק, גאָר קראַנק״ — האָט זי געזאָגט — „נאָך נישט אַריבער דער קריזיס. אפשר וועלן אין גיכן אָנקומען מעדי־קאַמענטן״...

זי האָט זיי געראָטן נישט צו שטיין ביים פענצטער:

— ער איז אַ משונהער קראַנקער...

6

## גריגאָרי, דער לץ

מיט העכער אַ צענדליק וואַגאָנען האָט זיך געצויגן דער צוג קיין קראַסנאָוואָדסק. דער צוג וועט פאָרן צוויי נעכט און איין טאָג. קיין שלאָפוואַגאָנען זענען טאַקע נישטאָ, דערפאַר זענען אין יעדן וואַגאָן צוגעגרייט שלאָפברעטער. צוויי שיכטן שלאָפברעטער, אַחוץ די זיצבענק, ווו מען קאָן אויך, זיצנדיקערהייט, שלאָפן.

אין זעקסטן וואַגאָן האָט אַלעק זיין שלאָפברעט — נאָענט צום דאַך. ס'זענען פריי געווען שלאָפברעטער אויך אונטער אים. ער און אברהם האָבן אָבער אויסגעקליבן זיך די אייבערשטע שלאָפ־ברעטער, כדי נישט אָנזעעוודיק צו זיין ביים קאָנדוקטאָר בעת אַ קאָנטראָל פון בילעטן. צייט געהאַט מורא צו האָבן פאַרן קאָנטראָ־לער, האָבן זיי, וואָס אַן אמת, ווען דער צוג וועט שוין זיין נאָך דער סטאַציע דזשאַרדזשו. ביז יענער סטאַציע האָבן זיי על־פּי צופאַל געקריגן בילעטן. די קאַסע האָט פאַרקויפט בלויז אויף „קאָ־מאַנדיראָווקעס”. האָט זיך פונקט געמאַכט, אַז איינער, אַן אָרטי־קער, האָט נישט געקאָנט פאָרן צוליב דער קראַנקייט פון זיין ווייב, האָבן זיי גענומען די צוויי בילעטן: כאָטש איין מאָל קאָנען מיט לייטן גלייך איינשטייגן אין וואַגאָן, נישט דאַרפן זיך אַרויפכאַפּן אין מיטן לויפן פון צוג, נישט מוזן זיך אויסבאַהאַלטן אין טואַלעט, אָדער שטיין אויף די בופאָרן צווישן די וואַגאָנעס.

ליגן זיי איצט צעשפּרייט אויפן שלאָפברעט, אָבער זיי רעדן

נישט צווישן זיך.ביידע מאַכן זיך ווי פאַרטיפט אין אַ האַרטן שלאָף. ס'איז רויִק. אַלעק דערמאָנט זיך: שוין לאַנגע טעג נישט געהערט וועגן דער מלחמה. וואָס הערט זיך איצט אין דער היים? אין וואַרשע? ליידט נישט לילי, זיין טעכטערל, פון קעלט? זי איז אין געטאָ. ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן דאָס געטאָ. די ענגשאַפט מאָלט זיך אים: אַלע שטובן זענען בלויז בעטן, זיכער איז דער טיש אויך אַ בעט. און ווי אַזוי באַוועגט מען זיך? ער קאָן זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן. און צי שטעלט ראַכעלאָ זיך פאָר זיין נע־ונד? זיין טאָג־טעגלעך לעכצעניש נאָך אַ לעפל וואַרעמס? קאָן זי באַגרייפן, אַז חדשים שוין, ווי ער האָט ס'העמד נישט געוואַשן?

דער צוג קלאַפּט איצט שנעל פאַרביי קליינע קישלאַק־סטאַ־ציעס, פּאַטשט צו צו דער סטאַציע דזשאַרדזשו — אַזוי כהרף־עין. זיין בילעט איז שוין נישט צום ווייזן. געוועזן אין קאָנטראָל. אפשר שוין, פּטור? ס'זאָל אַזוי אָנגיין ביז קראַסנאָוואָדסק!

אויף דער ערשטער סטאַציע נאָך דזשאַרדזשו זענען איינגע־שטיגן אין וואַגאָן עטלעכע גרופּעס טורקמענער, הויכגעוויקסיקע פאַרשוינען אין שוואַרצע פּאַפּאַכעס פון שעפּסנפעל. זייערע קליינע פּנימער זענען ווי פּינטעלעך אונטער די ברייטע דיניצע־פּאַפּאַכעס. די טורקמענער באַלייגן די שלאָפּברעטער, פאַרנעמען אַלע זיצ־פּלעצער. ס'ווערט פול מיט זיי דער וואַגאָן. איינער, עפּעס אַ שרייער, רעדט, און נאָך יעדן זאַץ זיינעם שיטן אַלע אויס אין אַ געלעכטער. גריגאָרי ליץ, רופן זיי אים. ער רעדט וועגן „בליאַדעס", שיט מיט פּרעכע ווערטער.

ווען אַלע האָבן זיך גוט איינגעזעצט און דער צוג האָט מיט אַ טעמפּאָ אָנגעהויבן צו טיקטאַקעווען, האָבן עטלעכע פּאַסאַזשירן צעבונדן זייערע קלימעקלעך, אָנגעהויבן צו עסן ברויט מיט „קיש־מיש".

אַלעק האָט דערפילט דעם ריח פון ברויט, האָט אַ נאָגעניש אָנגעהויבן אים צו פּיקן אונטערן האַרץ. ער פאַרגעסט אין אַ מעג־לעכער בילעט־קאָנטראָל, זעצט זיך אויף, קוקט זיך איין אין אַל־

טיטשקן טורקמענער, וואָס האָט איצט אויסגעטאָן די פּאַפּאַכע. זיינע גראָע, שיטערע הערעלעך זענען פון שוויים צוגעקלעפּט צום קאָפּשיידל. „ער וועט זיכער נישט אויפעסן די שפּאָרע לחמא" — וועגט אַלעק אין געדאַנק: זאָל ער אים בעטן אַ שטיקל ברויט? און ווי אַזוי שמועסט מען זיך דורך מיט אים? קיין רוסיש רעדט ער זיכער נישט. עס פאַלט אים איין פאָרצושלאָגן אַ טויש — מאַכאָרקע אויף ברויט. דאָס וואָרט מאַכאָרקע קען ער זיכער:

— אַקאַ! נאָן באַר? מאַכאָרקאַ באַר!

— מאַכאָרקאַ באַר? מאַכאָרקאַ? — פרעגט דער אַלטיטשקער איבערראַשט.

— באַר מאַכאָרקאַ! באַר! באַר! — זאָגט אַלעק אַן אויפגע־לייגטער.

— נאָן באַר! באַר נאָן! — פאַרזיכערט דער אַלטיטשקער. אַן דינגעניש מאַכט מען די טראַנזאַקציע.

דערהערט אברהם, אַז ס'איז אַלעקן געלונגען, שלאָגט ער פאָר אַ צווייטן טורקמענער אַן ענלעכן אויסטויש, און אויך ער דער־גרייכט וואָס ער האָט געוואָלט.

אַזעלכע לייכטע הענט צו געבן ברויט האָבן זיי נאָך נישט אָנגעטראָפן. נישט אַנדערש ווי די גרופּע פאָרט נישט קיין קראַס־נאָוואָדסק, וועט מסתמא אָט־אָט אויסשטייגן. וויל נישט אַלעק אויפעסן דאָס שטיקל ברויט אויף איין מאָל. ווער ווייסט, צי ס'וועט זיך מאַכן נאָך אַזאַ געלעגנהייט? אָבער באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך זיי פאָרן קיין קראַסנאָוואָדסק, קאָן מען זיך פאַרגינען, נישט זשאַלעווען דעם ביסן: ביז דער מעטע וועלן זיי נאָך מאַכן עפּעס אַ טראַנזאַקציע.

מיט אַ מאָל, ווי ס'וואָלט עפּעס געפּלאַצט, שפּרינגט אויף גרי־גאָרי דער ליז, רייסט זיך אַוועק פון פענצטער־ווינקל און צעשרייט זיך: „ער דערקענט אַלעקן" — אין לוואָוו אויפן טאָלטשאָק האָט ער אים פאַרקויפט אַ האַנטזייגערל, נאָך צוויי מאָל אָנציִען עס, איז עס געוואָרן אַ פּגר, 150 רובל באַצאָלט!

— געפּאַקט דיך און וועסט צוריקגעבן ס׳געלט! — רופט ער אין כעס.

זיין אַליוו פּנים איז ווי ברוין און בלאָ געוואָרן. דאָס קורצע נעזל האָט צעשפּרייט די נאָזדרעס, די קליינע אויגן פינקלען שפּיציק. זיין קול האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן וואַגאָן. ס׳האָבן זיך אָנגערוקט פּאַסאַזשירן פון דער צווייטער העלפט וואַגאָן, און איידער וואָס ווען, האָט מען אָנגעהויבן שרייען:

— ווער איז דער זשוליק? ווו איז דער בליאַד?

די אָנגעלאָפענע פון דער צווייטער טייל וואַגאָן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע, ס׳איז געוואָרן איין קנויל געשטאַלטן. זייערע שוואַרצע פּאַפּאַכעס האָבן זיך ווי צונויפגעקלעפּט אין איין באַרג. זיי האָבן אפילו רעכט נישט געהערט גריגאָרים טענות, נאָר געשריגן:

— אַראָפּשטעלן אים פון צוג!

— איבערגעבן דער ענקאַוועדע!

— צונעמען זיין בגד!

אין אָנהייב האָט אַלעק געמיינט, אַז דער לץ וויל סתם זיך פריילעך מאַכן. אָבער אין זיין צעכעסן זיך האָט ער דערקענט די ערנסטקייט פון דער לאַגע און אַ שרעק איז אים באַפאַלן. ווי אַזוי זאָל ער אים אַרויספירן פון טעות? ער איז דאָך גאָרנישט געווען אין לוואָוו.

גריגאָרי דער לץ איז אָנגעזען ביי די טורקמענער. ער באַשולדיקט איצט, מאַכט נישט קיין לצנות, מען גלייבט אים. גורט זיך אַלעק אָן מיט כוח און שרייט־איבער אַלע שרייערס:

— אַ טעות, אַ טעות! — קלאַפּט ער מיט דער פויסט אין ברעסט.

מיט זיין צעבראָכענעם רוסיש נעמט ער גאָר אויפן פאַרהער גריגאָרין:

— ווען ביסטו געווען אין לוואָוו?

— דו וועסט מיך נישט פאַרשן! — לאָזט זיך נישט גריגאָרי.

אָלעק שלאָגט אים אַריין אין דער אַמביציע:
— ביסט נישט געווען, דו ווייסט נישט ווו ס'איז די שטאָט.
— די שטאָט, די שטאָט... אין זאַפּאַדנע אוקראַיִנע.
— ווען ביסטו דאָרט געווען?
— אין סעפּטעמבער ניינצן פערציק.

אָלעק טוט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין ברעט: דאָ האָט ער שוין אַלע באַווייזן. ער וועט גריגאָרין פאַרשווארצן דאָס פּנים: אין דער דאָזיקער צייט איז ער שוין געווען פאַרשיקט אין לאַגער! נאָר ווי אַזוי ווייזט מען דאָס אויף, אַז די „אודאָסטאָווערעניע" האָט מען אים נאָך אין טאַשקענט, ווען ער איז געשטאַנען נאָך ברויט, צוגע-גנבעט? כאַפּט זיך אַברהם און רוקט אים אונטער זיין „אודאָסטאָ-ווערעניע". אָלעק צעשרייט זיך, פאָכעט מיטן פּאַפּירל, אַלע זאָלן זען:

— אָט איז דער טעות! אין לאַגער געווען, נישט אין אוק-ראַיִנע!

איינער פון די טורקמענער ציט אויס די האַנט צו נעמען די „אודאָסטאָווערעניע". ער פאַררוקט די פּאַפּאַכע און לייענט הויך.

דאָס געזעמל האָט שווייגנדיק צוריקגעטשלאָפּעט אויף זייערע ערטער אין דער צווייטער טייל פון וואַגאָן. אויך די, לעבן גריגאָרין, האָבן זיך אַנידערגעזעצט און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

גריגאָרי דער לץ איז צוריקגעפאַלן צום פענצטער-ווינקל.

אָבער זיין פּנים איז אָנגעכמורעט, די הענט — אין פויסטן: ער גיט נאָך נישט אויף.

*

שטיל איז אין וואַגאָן, ווי נאָך אַ געוויטער. אָלעק ליגט ברייט אויסגעצויגן אויפן שלאָפבערעט. ערשט איצט פילט ער, ווי דענער-ווירט ער איז געווען און וואָס פאַר אַ געפאַר ער האָט אויסגע-מיטן. איידער עס וואָלט דערוויזן געוואָרן דער טעות, וואָלט ער

געווען אַ קאַנדידאַט אויף יענער וועלט. צי איז ער אָבער שוין פּטור? דער פאַרשוין גריגאָרי פאָרט ביז קראַסנאָוואָדסק. אַ דער־בענטער איז ער, ער וועט אים נאָך האָבן אויף דער שיף אויך...

דער צוג האָט זיך געשטעלט. פּאַסאַזשירן שפּרינגען אַראָפּ, לויפן אין וואָקזאַל-בופעט. אויך אַלעק לויפט. „לאַפּשאַ-זופּ״ פאַר־קויפט מען דאָרט. שטעלט ער זיך אין דער ריי. עס בוירערט אַ געַ־דאַנק: נישט ממשיך צו זיין מיטן צוג — זיך אויסלייזן פון דער אַנשיקעניש גריגאָרי. וועט אָבער אברהם נישט וויסן וואָס מיט אים איז געשען. ער איז שוין צו צום „לאַפּשאַ״-טיילער און פּלוצ־לינג רירט דער צוג. לאָזט אַלעק שטיין ס׳קאָנסערוון-קעסעלע מיט דער „לאַפּשאַ״ — און היידאַ אַרויס צום צוג. די רעדער דרייען זיך שוין, די וואַגאָנען ציִען שוין פאַרביי. קוקט ער נישט, אַז ער קאָן זיך פאַרטשעפּען. הערט נישט דעם קאָנדוקטאָרס רופן: „נישט לויפן!״ די צעקנעפּלטע פּאָלעס הייבן זיך אין ווינט ווי פליגל. עס האַמעוועט זיין אימפּעט, אָבער ער לויפט. ס׳געלונגט אים לסוף אָנצוכאַפּן זיך אין לעצטן וואַגאָן.

שטייענדיק אויף די בופערן האָט ער ערשט אָפּגעאָטעמט. ער קוקט זיך אום — הינטער אים רוקט זיך גריגאָרי. ער האָט אים נאָכגעפאָלגט אין בופעט; ער איז געשטאַנען אין לעצטן וואַגאָן, כדי צו זען צי אַלעק וועט צוריקקומען.

אַלעק איז געגאַנגען פון וואַגאָן צו וואַגאָן, געזוכט זיין חבר אברהם. גריגאָרי איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי ער וואָלט איבער אים געהאַט השגחה. אַלעקן האָט ווידער אַרומגעכאַפּט אַ פּחד: „צי זוכט ער נישט קיין געלעגנהייט אַראָפּצושליידערן אים פון וואַגאָן?״... ער האָט זיך גערוקט פון וואַגאָן אין וואַגאָן, אָנהאַלטנ־דיק זיך מיט ביידע הענט, ביז ער איז אָנגעקומען אין זיין וואַגאָן. דאָן האָט ער זיך אָוועקגעלייגט אויף זיין שלאָפּברעט ווי אין אָנ־מאַכט. נאָך דער צעהיצטקייט, איז אים איצט קאַלט געוואָרן. דאָס איינקאָרטשען זיך אין דרייען האָט נישט געהאָלפן.

אין וואַגאָן האָט זיך אָנגעצונדן דאָס פּיטשינקע לעמפּעלע. אַלעק האָט האַלב געדרימלט. האָט ער דערהערט ווי גריגאָרי רעדט מיטן שכן פון לינקס: „דאָס וואָס ער איז דאָך צוריק אַרויף אויפן צוג, באַווייזט מיר מער, ווי די „אודאָסטאָווערעניע”, אַז ער איז נישט דער וועמען כ'האָב געמיינט”. ער וואָלט וועלן אים איבער־בעטן, נאָר ער ווייסט נישט, ווי אַזוי. סיידן — טוישן ביי אים ברויט אויף מאַכאָרקע, און ווייל ער רייכערט נישט, וועט ער אים שפּע־טער צוריקגעבן די מאַכאָרקע...

די נאַכט איז פרי צוגעפאַלן. דער צוג קלאַפּט זיין מאָנאָטאָנעם טיקטאַק, וויגט און ציט. ס'ווערט שווער דאָס ליגן אויפן ברעט. רוקט זיך אַלעק אַראָפּ, שטעלט זיך לעבן פענצטער, קוקט אין דעם פינצטערן ליידיקן דרויסן, און אַן אומהיימלעכקייט נעמט אים אַרום. קריכט ער צוריק אַרויף אויפן שלאָפברעט.

דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו קראַסנאָוואָדסק. אַ פּראָס־טיקע קעלט האָט דורך די צעפּראַלטע טירן געשלונגען די געדיכטע וואַגאָן־לופט. דער גראָער פּרימאָרגן איז בלייִק שווער. אַ געפרוי־רענער שניי, ווי זאַלץ, איז צעשפּרייט איבער דער באַן־ראַמפּע. די טורקמענער לאַכן. גריגאָרי דער לץ לאַכט. ער ווייזט דעם שכן דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט זיך גענומען פון יענעמס פּעקל. אַלעקן מיט אברהמען, פון די אייבערשטע שלאָפברעטער, איז אויס־געקומען צו זיין פון די לעצטע ביים אויסשטייגן. איילן זיך איז סיי ווי נישט געווען צו וואָס.

מיט אַ מאָל שרייט גריגאָרי ווידער צו אים: ער זאָל אים העלפן טראָגן ס'זעקל. אַלעק טראַכט אַ רגע: זאָל ער דאָס טאָן? אַז ער זאָל וועלן אונטערטראָגן אַ פּעקל, וואָלט ער געקריגן באַ־צאָלט, וועט גריגאָרי דער לץ באַצאָלן? לויט זיין גימנאַסטיאָרקע, אַ צעקנאָדערטע און פאַרפעצטע, איז ער נישט קיין פּאַסאַזשיר צו באַצאָלן פאַר אונטערטראָגן באַגאַזש. ער ישובט זיך: צי פרעגן וועגן שכר טירחה? אָבער ער פרעגט נישט. ער רוקט זיך בלויז אָפּ פון אים. האָט אברהם מורא ס'זאָל זיך ווידער נישט מאַכן קיין

טומל. נעמט ער גריגאָרים זעקל. אין וועג וויל אברהם דאָך ווייזן אים, אַז ער העלפט אים זייער און זאָגט:

— נישט לייכט דאָס פּעקל!

— אַ ביסל פּאַדקאָוועס צו שטיוול און טעקסט-טשוועקלעך — דערקלערט גריגאָרי. ער איז אַ שוסטער.

אַרויסקומענדיק פון יואַקזאַל האָט אברהם אַוועקגעלייגט דאָס זעקל. אַלעק זעט, אַז גריגאָרי שטופּט עפּעס אברהמען אין קעשענע אַריין, און איידער אברהם האָט זיך אומגעקוקט, האָט גריגאָרי שוין גענומען דאָס זעקל און שנעל אַוועק.

אין קעשענע ביי אברהמען איז געווען דאָס שטיק ברויט, וואָס גריגאָרי דער ליץ האָט געוואָלט געבן אַלעקן.

# פערטע טייל

# אין גוזאַר

1

## גערש סעמיאָנאָוויטש

קראַסנאָוואָדסק, די פּאָרטשטאָט ביים קאַספּישן ים, איז אין טאָג פון זייער אָנקומען באַדעקט געווען מיט אַ הארטן, געפרוירע־נעם שניי. אַ שטילער פראָסט האָט אָנגעהאַלטן שוין דעם צווייטן טאָג. אָלעק מיט אברהמען, וועלכע האָבן אַ צייט געוואַנדערט אין דער וואַרעמער געגנט פון מיטלאַזיע, האָבן איצט, חוץ דעם הונ־גער, געהאַט נאָך אַ פּלאָג — די קעלט. דער פראָסט האָט זיך ממש איינגעגעסן אין זייערע ביינער.

געקומען קיין קראַסנאָוואָדסק — האָבן זיי שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן ווי אַזוי זיך אַריבערצוכאַפּן מעבר לים — קיין מכאַטש־קאַלאַ. וועגן דער שטאָט האָבן זיי אַזוי פיל געהערט פון מאַטיסן דעם יאַסער: „מכאַטש־קאַלאַ! מכאַטש־קאַלאַ — אַ שפּייז־שפּייכ־לער!״ — האָט ער גערעדט און געלויבט — „דאָרט הונגערט מען נישט!״

אין קראַסנאָוואָדסק האָבן זיי נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן, נישט וועגן הילף, נישט נאָך אַן אָנווייזונג. מיט אַרויסגע־טרעשטשטעטע אויגן האָבן זיי געזוכט, מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער געשנאָפּט דעם ריח פון ברויט.

אָלעק האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום „טאָלטשאָק״. ער האָט גע־האַט מאַכאָרקע — „סאַמאָסייקע״, און געוואָלט מאַכן אַ טויש אויף ברויט.

דער טאָלטשאָק־פּלאַץ, אַ פאַרצויגענער מיטן וויים־בלאָלעכן

שניי, האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַן אויסגעפּלאַסטערטער טענים־קאָרט, נישט קיין מאַרקפּלאַץ. פּוסט. קיין הענדלערס, קיין קונים. עטלעכע בודקעס, צעוואָרפן אין די ווינקלען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי געוועלבלעך, זענען איצט באַדעקט געווען מיט אַ דיקן שניי. פאַרמאַכט און פאַרקלאַפּט.

מיט אַ מאָל זענען אים דריי לייט אַנטקעגנגעקומען. זיי האָבן גערעדט צו זיך אויפן קול. אַלעק איז אַ האָפערדיקער צוגעגאַנגען צו זיי און פאַרגעלייגט:

— „סאַמאָסייקע" פאַר ברויט.

אַ רגע שטיל — ווי די לייט וואָלטן פאַרלוירן ס׳לשון. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, ראַפּטעם זיך אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן. יעדער האָט אַריינגעלאַכט אין אויפגעשטעלטן קאָלנער פון זיין פּאַלטאָ און איז אַוועק אין געאייל, ווי מורא געהאַט פאַר עפּעס אַן אַנשיקעניש.

ס׳זענען פאַרבייגעגאַנגען אַרבעטער, נישט געאיילט, אָבער אויף אַלעקס רוף: „מאַכאָרקע פאַר ברויט!" — זיך נישט אָפּגעשטעלט, גלייך ווי נישט זיי מיינט ער.

אַרום האַלבן טאָג האָט דער פראָסט געלאָזט. אַ נעפּל איז אויפגעקומען און באַלד צעשוווּמען געוואָרן. אין איין גאַס האָט אַלעק דערזען אַן אָפענעם רעסטאָראַן, איז ער שנעל אַריין, מען זאָל חלילה נישט פאַרמאַכן די טיר פאַר דער נאָז. אברהם — נאָך אים. זיי זענען שוין געזעסן ביי אַ טישל, האָבן זיי זיך נישט געגלייבט דעם וווּנדער: מ׳גיט צו עסן?... זיי האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך אָנצועסן זיך אויף זאַפּאַס...

איז צוגעקומען די „אָפיציאַנטקע", אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן טשיפּיק, אין די הענט — טעלערלעך און אויף די טעלערלעך צו פּאָרל הערינג.

— און ברויט? — האָט אַלעק געפרעגט.

די אָפיציאַנטקע האָט נישט געענטפערט, געמאַכט זיך נישט הערן.

— הערינג אָן אַ פּיצל ברויט? — האָט אָלעק ווידער אַ מאָל געפרעגט.

— דאָס איז אַלץ! — האָט די אָפּיציאַנטקע ווי שעפּטשענ־דיק דערקלערט און אָנגעוויזן אויפן צעטל צו דער קאַסע. צום באַצאָלן.

— אָלעק האָט געטראַכט: — עסן הערינג? נישט עסן? ער האָט זיך אויך נישט געכאַפּט צום באַצאָלן. די אָפּיציאַנטקע איז אַוועק צום בופעט.

— מיר זענען טאַקע מאָדנע ברואים. מיר ווייסן, אַז לחם איז נישטאָ, און מיר דערקוטשען מיט פרעגעניש — זאָגט אברהם.

אויפן וועג צום פּאָרט האָבן זיי ווידער דערזען אַ רעס־טאָראַן, אָבער די טירן זענען געווען פאַרמאַכט, די פענצטער פאַרהאַנגען מיט טיול־פאָרהענגלעך. אָלעק האָט אָנגעקלאַפּט, שטאַרק אָנגעקלאַפּט, דאָך איז קיינער נישט צוגעקומען — נישט פרעגן, נישט עפענען.

אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, אַנטקעגן דעם רעסטאָ־ראַן, האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק אַ מיטלוווקסיקער מאַנצ־פּאַרשוין, אַ בעל־מום אויפן לינקן פוס. אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן, האָט ער באַמיט זיך נישט צו שלעפּן דעם פוס. ס'איז געווען קענטלעך, אַז ער וויל נישט מען זאָל זען זיין הינקען. אָלעק איז אַריבער צו אים.

דער מאַנצפּאַרשוין האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— וואָס זעסטו אין מיר? — האָט ער בייזלעך געפרעגט.

— דאַכט זיך, אַז איר זענט מיר באַקאַנט.

— ס'קאָן נישט זיין! — וואַרפט יענער שנעל צוריק.

— פאַר וואָס נישט?

— איך בין נישט פון אייעריקע ביעזשענצעס.

— אַ ייד?

— אַלע מיינע יאָרן! — ענטפערט ער ווירדיק.

— גוט, וואָס כ׳האָב איך געטראָפן! — צערעדט זיך אַלעק — ווען איז דער רעסטאָראַן אָפן?

— דאָ איז אַ סטאָלאָווע פאַר באַאַמטע. מען וועט דיך נישט אַריינלאָזן.

— קיינער ווייסט נאָך נישט ווער איך בין.

— דאַכט זיך דיר.

— איך האָב מאַכאָרקע, וויל טוישן אויף ברויט.

— אַ טויש, אַ טויש — רעדט דער ייד ווי נאָכטראַכטנדיק — כ׳קען מיט דיר מאַכן אַ טויש, אָבער נישט מאַכאָרקע, נישט ברויט.

— דהיינו?

— געבן דיר אַן אָרט אויף נאַכטלעגער.

— פאַר מאַכאָרקע?

— איך רייכער נישט.

— נאָר?

— וועסט קומען שלאָפן, וועלן מיר רעדן.

אַלעק האָט נאָך נישט געוווּסט, צי זיי וועלן בלייבן אויף ביי נאַכט: נאָך נישט געוועזן ביים פּאָרט געוווּיר ווערן וועגן אַ שיף קיין מכאַטש-קאַלאַ. פון דעסטוועגן האָט ער זיך פאַרשריבן דעם יידס אַדרעס און דעם נאָמען: גערש סעמיאָנאָוויטש.

*

ברייט זענען די טויערן פון פּאָרט אין קראַסנאָוואָדסק, אָבער פאַרמאַכט זענען זיי אויף זיבן שלעסער. אין פּאָרט איז נישטאָ קיין שיף. אויפן טראָטואַר, פאַרן וואָקזאַל, ליגן פעק, וואַליזקעס און צעשפּרייטע פערענעס. קינדער ליגן. פּאַסאַזשירן וואַרטן עס זאָל אָנשווימען אַ שיף — זייער שיף קיין באַקו. צי וועט זיין אַ שיף קיין מכאַטש-קאַלאַ? קיינער ווייסט עס נישט.

עס האָט ווידער גענומען אַ פראָסט. אַלעק איז אַוועק צום באַן-וואָקזאַל — הינטער אַ דאַך איז פּאָרט וואַרעמער. כאָטש דער באַן-

פאַרקער איז קליין אין קראַסנאָוואָדסק, דאָך איז דער וואַרטזאַל פול מיט מענטשן, נישט קיין פּאַסאַזשירן. — סתם מענטשן וואַרטן אַריינצוגיין אין רעסטאָראַן. מען קריגט עסן: אַ זופּ און אַ שטיקל ברויט. זעלטן ווען ס'עפענען זיך די טירן. אַז מען עפנט זיי, ווערן בלויז עטלעכע פון דער ריי אַריינגעלאָזט. די ריי איז לאַנג, אַ דרייפאַ־כיקע, אָבער קיינער רעזיגנירט נישט פון וואַרטן.

אין דעם קורצן ווינטערטאָג האָט די טונקלקייט פלוצלינג פאַרפלייצט דעם דרויסן. זיי שטייען נאָך ווייט פון די טירן פונעם רעסטאָראַן. זענען זיי בעסער אַוועק צו גערש סעמיאָנאָוויטשן.

— קומט אַריין שנעל. אַ שאָד אַרויסצולאָזן ס'ביסל וואַרעמ־קייט — זאָגט גערש סעמיאָנאָוויטש, און מיט הינטערווייַלעכע טריט רוקט ער זיך פון דער טיר.

— האָבן מיר אייך נישט אַרויסגעריסן פון שלאָף?

— גוט, וואָס איר האָט שטאַרק געקלאַפּט. כ'בין געווען אין אַלקער און געקאָנט נישט דערהערן. כ'האָב פאַרגעסן אָנצוזאָגן אייך, אַז איר זאָלט קלאַפּן און וואַרטן.

— געקומען צו דער צייט, נישט אַזוי?

— געריכט זיך, אַז איר וועט פריִער קומען. ס'ביסל זופּ איז נאָך געווען וואַרעם. איצט איז שוין נישטאָ קיין פונק אין אייוועלע. פּאַסנע זופּ האַלט נישט אָן קיין וואַרעמקייט. ס'האָט שוין זיכער נישט קיין טעם. נישטאָ אין דער זופּ קיין סך גרויפּן. איך האָב געמיינט גוט און געוואָלט גוט. קוקט אָן די זופּ, אַז זי וועט אייך נישט געפעלן, וועט איר נישט מינערן פון מיין כבוד, אַז איר וועט זי אַרויסגיסן.

— אַריינצוקריגן זיך אין רעסטאָראַן ביים באַן־וואָקזאַל דאַרף מען האָבן מזל — פאַרטרויט זיך אַלעק.

— מען דאַרף בלויז וויסן ווי אַזוי — זאָגט גערש סעמיאָנאָ־וויטש.

— מיט עלנבויגנס?

— תמיד זענען דאָ שטאַרקערע — זאָגט גערש און קרימט זיך.

— מען קריגט דאָרט אַ שטיקל ברויט...

— איך וועל אייך אָנווייזן אַן אופן ווי זיך אַריינצוקריגן.

— אדרבא, העלפט! מיר וועלן אויך מאָרגן דאָ זיין.

— דערווייל מאַכט זיך ס׳געלעגער. די פּאָדלאָגע איז צו אייער דיספּאָזיציע, פּאַזשאַלויסטאַ. ליידער זענען נישטאָ קיין בעטן.

— דער עיקר — ס׳איז דאָ אַ דאַך.

— קיין דאַך האָט איר נישט, נאָר אַ סופית. ס׳הויז האָט נאָך אַ גאָרן — זאָגט גערש סעמיאָנאָוויטש און שמייכלט. ער איז צופרידן פון זיין געניויער באַצייכענונג.

— צווישן פיר ווענט איז דאַך ווארעמער ווי אין דרויסן.

— אַז ס׳וועט זיין ווארעם — האָב איך נישט צוגעזאָגט.

— ס׳איז גוט ווי ס׳איז, גראַזשדאַנין גערש סעמיאָנאָוויטש.

— איר נעמט אַלץ פאַר גוט, איר זענט שוין דורך קאַלטס און ווארעמס.

— איר זענט אַ גוטער ייד, גראַזשדאַנין גערש. מיר האָבן מיט אייך גוט געטראָפן.

— אַ גראַזשדאַנין, פּאַזשאַלויסטאַ!

— וויפל קומט אייך פאַרן געלעגער?

— אונדזער אָפּמאַך: מאַכן אַ טויש.

— דהיינו?

גערש סעמיאָנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, זיך צוגעהאָלפן מיטביידע הענט. זיינע גראָע אויגן מיט ליידיקע וויִעס און מיט אַ ראַזלעכקייט אַרום, ווי ליאַמעווקעס — זענען מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט וואַסערגלאַנץ:

— כ׳האָב אַ סך צו רעדן — האָט גערש אַרויסגעזאָגט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— מיר וועלן גערן הערן.

— אַז איר זענט געדולדיקע, האָב איך זיך איבערצייגט. גוט, אויסהערן, נאָר נישט אָנשפּיצן די אויערן. כ׳בין אַ בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד, בין איך. אונדזער אידעע איז די שענסטע. דאָס

איז די גרעסטע מעלה. איר הערט אַ מאָל, אַז דער „איוואַן" פאַר־כלינעט זיך אין לויבן ס'פאָטערלאַנד, זאָגט ער „ביי אונדז די גרעסטע קאַרליקעס!"... זייט אים מוחל. אַז מען איז פאַרליבט קלייבט מען נישט קיין ווערטער...

— חבר גערש! זייט מוחל די נייגעריקייט. זענט איר אַ מיט־גליד אין דער פאַרטיי?

— מוחל! פון פאַרוים מוחל! כ'האָב געקעמפט אויפן בריס־קער פראָנט. אָן אויסצייכענונג, כ'שלעפּ דעם פּוס...

— און איר זענט נאָך אַלץ אַ גלויביקער?

— ס'איז אַ שנור פון געשעענישן. אין דער שנור איז דאָ אַ סך קניפּן און שלייפן... אָבער גענוג אויף היינט! כ'דאַרף אייך מיט אויסגערוטע מוחות — האָט גערש שנעל געזאָגט. ער האָט זיך פאַרהוסט.

— דערלאַנגען אייך אַ ביסל וואַסער?

— ספּאַסיבאָ, מען דאַרף נישט. צעשפּרייט זיך און שלאָפט, פּאָזשאַלויסטאַ!

*

וויפל אָלעק האָט איצט אין זיין מידקייט זיך צעשפּרייט טאַקע אין דער לענג און אין דער ברייט, גוט זיך איינגעהילט אינעם קאָץ, וואָס גערש האָט אים געגעבן — איז ער דאָך נישט אַנטשלאָפן גע־וואָרן. עפּעס איז אים היינט, מער ווי ווען עס איז אין זיין נע־ונד, באַפאַלן אַ בענקשאַפט נאָך דער היים. די בענקשאַפט האָט איצט געפרעסט זיין געמיט, צעטומלט זיין רעיון. ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן. אין דמיון האָבן אים געפייניקט: ווייסקייט פון איי־בערצוג, בעטן מיט אַ וואַרעמען הויך; זון און גרינס, קוימענס און דעכער; פוטער־מאַנטל און אייז; ראַכעלאַ און ס'קינד. עלעגאַנץ און אָפּגעלאָזנקייט. ער וואַנדערט אויף פרעמדע וועגן. די צייט פאַרגרעסערט די פרעמדקייט. אָט דאַכט זיך אים, אַז ער איז שטיין געבליבן אין מיטן וועג, פאַרלוירן די ריכטונג. אָפט זעט אויס, ווי

ער וואָלט פאָרן אַהין און צוריק אויף דעם זעלבן וועג. אָט זעט ער זיך קלעטערן אויף אַ לייטער... אַלעק איז געשלאָפן און נישט גע־שלאָפן. די נאַכט איז געווען די לענגסטע פון אַלע נעכט ביז איצט...

צו מאָרגנס איז דער הימל ווידער פאַרצויגן געווען מיט אַ מוטנע־אַשיקן קאָליר. און אָט האָט צעשיט זיך אַ שניי. לסוף איז ער אַוועק צום פאָרט. די וואָקזאַל־טירן זענען נאָך אַלץ געווען פאַר־שלאָסן. עס איז נאָך נישטאָ קיין ידיעה וועגן אַ שיף קיין מכאַטש־קאַלאַ.

ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט צו מיטאָג־צייט, האָט ער דאָך זיך אַריינגעכאַפּט אין באַן־וואָקזאַל. געשטעלט אין דער ריי צום אַריינגיין אין רעסטאָראַן. די שאַנסן זענען געווען ספקדיקע: ווי מען האָט געעפנט די טיר, איז געוואָרן אַ שטופעניש און געדרענ־געניש; פון דער ריי איז געוואָרן אַ פּלאָנטער, אַ קנויל.

ביי אַ צופעליקן בליק אין דרויסן האָט אַלעק דערזען גערש סעמיאָנאָוויטשן. גערש סעמיאָנאָוויטש האָט אים גערופן, ער האָט אים געזוכט.

אין דרויסן האָט ער אים איבערגעגעבן, וואָס ער האָט נעכטן צוגעזאָגט: ער האָט אים אָנגעוויזן אויפן שטאַכייטן־טויער. אין דעם טויער איז געווען אַ קליין טירל. אָפט איז עס נישט געווען פאַרקלאַפּט. נאָכן ברענגען פּראָדוקטן פאַר דער קיך, האָט מען פאַרגעסן צוצושליסן. דורך דעם טירל זאָל ער אַריינגיין דרייסט, עלעהיי ער אַרבעט דאָ, דרייסט גיין אין קאָרידאָרל פון דער קיך אין עסזאַל אַריין. אַז ער וועט שוין זיין דאָרט, וועט מען אים נישט צוריקשיקן.

— אָט אַזוי טוט און פאַרשאַרצט די פּאָלעס! לעבן דאַרף מען קענען — האָט גערש מיט אַ שמייכל געזאָגט און שעלמיש צוגע־פינטלט מיט אַן אויג. מיט ברייטע טריט איז ער אַוועק און צוגע־האָלפן זיך מיטן שטעקן, קונציק פאַרטושט זיין אונטערהינקען.

*

דאָס מאָל, באַצייטנס פאַרן טונקל ווערן, זענען זיי אַוועק צו גערש סעמיאָנאָוויטש. עס איז זיי געלונגען, ווי גערש האָט אָנגעוויזן, אַריינצובאַקומען זיך אין רעסטאָראַן. זיי האָבן דאָרט זיך אָנגעטרונקען מיט „לאַפּשאַ"-זופּ, אָנגעזאַמלט זיך אַ זאַפּאַס פּאַרציעס ברויט: זיך איבערגעזעצט פון טישל צו טישל, כדי אויף ס׳ניי צו קריגן ברויט און זופּ.

— דער הינטערוועג, חבר גערש, איז געווען דער גלייכסטער וועג — האָט אַלעק געזאָגט.

— דער עיקר — ס׳איז געלונגען!

— אַן עצה פון אַ גוטן ייד...

— קיין מכאַטש-קאַלאַ וועט איר נישט פאָרן.

— נאָך נישטאָ די שיף.

— און וועט נישט זיין.

— פאַר וואָס?

— באַקו איז באַדראָט.

— שלעכט!

— וועמען איז היינט גוט?

אַ רגע שטיל.

— ווען איך קען אַזוי שווייגן ווי איר... איך טראָג זיך מיט אַ גרויסער פּלאָג. נישט רעדן, וועט עס מיך מאַכן אום מענטש... די טאָכטער אַרבעט דאָ אין קליניק. צו איר האָט זיך צוגעטשעפּעט אַן „איוואַן". ער האָט זיך פאַרנומען צוצונעמען פון מיר מיין קינד, מיין שטאָלץ. ס׳איז מיר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז נינאָטשקאַ וועט מיר ברענגען אַן איידעם אַן „איוואַן". ער ווערט נישט מאָביליזירט, דער שד ווייסט אים פאַר וואָס. זיי טרעפן זיך אויך אין דער סטאָלאָווע. איך וואַרט פאַרן אַריינגאַנג, כדי זי זאָל זען, אַז איך וויים און וויל אים נישט. עס איז נאָך נישט צו שפּעט. כ׳קאָן זי אָפּראַטעווען פון פאַרפרעמדט ווערן. כ׳וויל זי זאָל בלייבן אַ יידישע, נישט אָפּרייסן זיך פון שטאַם. כ׳וועל אַלץ טוען פאַר דעם צוועק. איר וועט אפשר זאָגן, אַז איך בין אַ טשודאַק? נינאָטשקאַ,

אַ דערוואַקסענער מענטש, זעלבשטענדיק, זאָל זי נאָכגיין דעם טאַטן? אָבער דאָס האַרץ וויינט מיר...

— זי האָט אים זיכער ליב...

— זי איז זיך טועה.

— פאַר וואָס ווילט איר נישט לאָזן, אַז די צייט זאָל אַנטשיידן?

— צייט פירט נישט צו גאָרנישט. דאָ, אין דעם העק, וועט זי זיך צוגעוווינען צו אים און זיך שוין מער נישט פונאַנדערקלייבן אין גוטס און אין שלעכטס. טאָ העלפט, טאַוואַרישטשי, איר קאָנט העלפן.

— דהיינו?

— נישט ביידע, נאָר איינער. דו, דו! — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אָלעקן — דו וועסט גיין אין דער קליניק צו איר, וועסט זיך באַקלאָגן אויף צאָן־ווייטיק. וועסט איר דערציילן, אַז דו האָסט אין לאַגער געטראָפן איינעם וואַסיל פּיעטראָוויטש קאַצענקאָ. דאָס איז איוואַנס טאַטע. נינאָטשקאָ איז אַ געוועזענע קאָמסאָמאָלקע, וועט זי נישט וועלן דעם פּגם אין דער משפּחה, וועט זי אין מאָל פאַר אַלע מאָל איוואַנען ווייזן זיין וועג.

— מיר טוען נישט ווי די ציין.

— טאָ מאַך זיך. דיין פּנים איז גוט פאַר אַ צוריקגעקומענעם פון לאַגער. געדענק: וואַסיל פּיעטראָוויטש קאַצענקאָ. אַ מיטלוווּק־סיקער, האָט אַ בעלמע אויפן לינקן אויג. איוואַן מיטן דיפּלאָם וועט דאָך פאַרלירן ביי איר דעם חן... אַהאַ! נאָך עפּעס: זאָלסט נישט וואַרטן אויף קיין פראַגן, נאָר זאָלסט זיין טשיקאַווע און אויספרעגן, פון וואַנען זי קומט אַהער. וועסטו זיך דערמאָנען, אַז פון דער שטאָט האָסטו אין לאַגער געטראָפן איינעם וואַסיל פּיעטראָוויטש קאַצענקאָ. נאָך דעם, ווי דו וועסט זיין ביי איר אין קליניק, זאָלסטו שוין מער צו מיר נישט קומען. זי וועט זיכער קומען אַהער... אַלזאָ, גיי און זיי מיר אַ מליץ יושר!

— גערש סעמיאָנאָוויטש! זאָגן אַ ליגן דאַרף מען קענען.

— אין סכנות נפשות ווערט אַ האַרטע צונג אויך ווייך. דאָס

איז אונדזער טויש־אַפּמאַך. איצט, טאָוואַרישטשי, שלאָפֿן! דאָס געלעגער רופֿט. צו די צרות מיינע בין איך נאָך מיד אויך. אָן אויסגעוואָרצלטער בין איך, באַפֿאַלט מיך אָפּט דער שלאָף.

דאָס מאָל איז אויך אָלעק שנעל איינגעשלאָפֿן. אָבער אין מיטן נאַכט האָט ער זיך עטלעכע מאָל אויפֿגעכאַפּט, ווי עס וואָלט אים ווער געשטאָרגעט. עמעצער האָט האַרט געהעשעט: גערש סע־מיאָנאָוויטש האָט געוויינט אין שלאָף.

גאָר פֿרי איז גערש אויפֿגעשטאַנען. ווען אָלעק האָט זיך אי־בערגעוועקט, האָט ער שוין געהאַט אויפֿגעקאָכט טיי, אָנגעגאָסן טעפּעלעך טיי אויך פֿאַר אָלעקן און אברהמען. פּלוצלינג האָבן די הענט געמומען ביי אים ציטערן. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— טרינקט נישט!

— וואָס איז געשען?

— איר זענט ביידע געשוואָלן!

אָלעק און אברהם האָבן זיך איבערגעקוקט: זייערע פּנימער זענען טאַקע געווען געשוואָלן, אָנגעבלאָזענע פּענכער מיט אויגן־שפּעלטלעך.

— גייט שוין אַריבער צו נינאָטשקען אין קליניק. זי וועט אייך שוין זאָגן. זי וועט אייך זאָגן, ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס לעבן...

*

אין דרויסן איז געווען אַ הויכער שניי, וואָס איז אָנגעפֿאַלן איבער נאַכט. אַ פֿרעסטל האָט שטיל געגליטשט זיך און פֿאַרגאַנ־גען הינטער די נעגל. פֿון פֿאָרט האָט זיך געטראָגן אַ געפּייף פֿון שיפֿן קיין באַקו. די פּאַסאַזשירן, וואָס זענען נעכטן געלעגן אויף דער גאַס פֿאַרן וואָקזאַל, זענען איצט אין וואַרטזאַל. מען לאָזט נאָך נישט אַרויס צו די שיפֿן. קיין מכאַטש־קאַלאַ וועט אויך זיין אַ שיף. אָבער מען דאַרף אַ „פּראָפּוסק", און זיי האָבן נישט.

אוים מכאַטש־קאַלאַ! דער שפּייז־שפּייכלער איז נישט פֿאַר

זיי. צו נינאָטשקען וויל אַלעק נישט גיין. פון קראַסנאָוואָדסק מוז ער אַוועק. איז ער צו צום עוואַקאַפּונקט בעטן אַ „נאַפּראַווליענע" אויף אַרבעט, וואָס וועט אים דינען ווי אַ בילעט צו פאָרן מיט דער באַן. וווּהין? נישט וויכטיק! אַבי פאָרן.

ביים עוואַקאַפּונקט איז געשטאַנען אַ לאַנגע ריי צום פענצ־טערל נאָך אַ נאַפּראַווליענע: עוואַקויִרטע פון צענטראַל־רוסלאַנד. מיט אַ מאָל איז צו אַלעקן צוגעפאַלן הענעך פאַגעל. אויך ער האָט געוואָלט אַריבער דעם ים. קיין דערבענט קומען, מיט דער שיף קיין מכאַטש־קאַלאַ. אויך אים האָט מען געזאָגט, אַז דאָרט איז דאָ ברויט. אויך ער האָט דאָ געזעכטיקט ביי גערש סעמיאַנאָוויטש. ער האָט געאַרבעט דאָ אין די באַן־וואַרשטאַטן — אַ שמירער. פאַרן געלעגער גערשן נישט באַצאָלט. אויך אים האָט גערש געשיקט צו נינאָטשקען אין קליניק:

— איך זאָל אָנבאַקן אַ ליגן, אַז דער אינזשעניר פון די באַן־וואַרשטאַטן האָט אַ ווייב מיט קינדער. ער אַרבעט דאָ, ווייל דאָ איז ער „בראָנירט", ווערט נישט מאָביליזירט.

— ביסטו געווען?

— ניין! איך בין נישט פאַר צעשטערן אַ ליבע...

— וווּהין ווילסטו פאָרן?

— כ'מוז אַוועק פון דאַנען. יעדן טאָג וואַרט ער מיך אָפּ, גערש סעמיאָנאָוויטש, צי איך האָב שוין געטאָן, וואָס כ'האָב אים צוגע־זאָגט. כ'מוז אַוועק פון דאַנען!... אָט טשוקעוועט ער אַהער, פאַר־שטעלט מיך!

גערש סעמיאָנאָוויטש איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט פון טראָטואַר און זיך איינגעקוקט אין זיי. ער האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, געוואָלט זיי זאָלן אים זען. ווען ער האָט שוין באַמערקט, אַז זיי ווילן נישט קוקן אין זיין זייט, האָט ער זיך שנעל אַ קער געטאָן, און צוהעלפנדיק זיך מיטן שטעקן, שנעל געשטעלט די טריט קונציק. אַז מען זאָל נישט דערקענען זיין מום...

## 2

# יידל קנאַפּער

גוזאַר ליגט אין אַן עק פון סאָוויעטיש מיטלאַזיע. ווייטער פון גוזאַר גייט שוין נישט קיין באַן. דאָ הייבן זיך אָן די גרענעץ־בערג פון אַפגאַניסטאַן. דאָס שטעטל — עק וועלט. וואַסער ברענגט מען דאָרט פון קאַרשי.

אין 1942 איז דאָס שטעטל געוועןן אַ שם־דבר. זינט דאָס שטעטל איז אַנטשטאַנען, האָט עס נישט געזען ביי זיך אַזוי פיל מענטשן ווי אין די עטלעכע הדשים פעברואַר—יוני 1942 : דאָ האָט זיך באַזעצט דער שטאַב פון דער ניי־אָרגאַניזירטער פוילישער אַרמיי, אַ צונויפגעשטעלטע פון די פליטים, וואָס זענען, מיטן שיקאָרסקי־אַפּמאַך, אַמנעסטירט געוואָרן.

דער אָנפלוס פון פרייוויליקע איז פון טאָג צו טאָג געשטיגן. דאָס חייל האָט זיך צעשפרייט אויף די ברייטע ליידיקע פעלדער. פאַרן פרישן צופלוס איז געווען אַ באַזונדער אָרט — אַ באַרג אין צענטער פון שטעטל.

טאָג־טעגלעך האָט דער פרימאָרגן־צוג געברענגט מחנות נע־ונדניקעס, פליטים. דאָס אַרומבלאָנקען אין די הונגער־סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן האָט געקאָסט אַ סך קרבנות. ווער ס׳האָט נאָר כוח געהאַט איז געקומען ווערן אַ זעלנער.

ווען אָלעק איז אַרויפגעקומען אויפן באַרג, זענען שוין דאָרט געווען הונדערטער. אַ יאַריד, אַ געווירבל, מען וואַלגערט זיך צווישן פעלדזן. עס הערשט אַן עפּידעמיע. די געצעלטן זענען פאַר די

קראנקע. איבער נאכט גייען אוים צענדליקער לעבנס. יעדן פרי־מארגן פירט מען אראפ די קאלטע גופים צו קבורה. א סכנה איז צו ליגן אין א געצעלט; צו בלייבן ביי נאכט אין דרויסן — איז אויך נישט גוט.

— אבי מען זעט זיך! — כאפט יידל קנאפער אן אלעקן. אויך הענעך פאגעל איז דא. יידל האט אים צוגערופן.

יידלען האט אלעק נישט דערקענט, אבער ער האט זיך דער־מאנט: פון סיקטיווקאר קען ער דאך אים, יידל, דער בעל־המצאות. הענעך און יידל זענען אקערשט געקומען אויפן בארג. דעם „זבאר־נע"־פונקט, נאר זיי זענען אנגעשלאסן אין אנדערע דרוזשינעס. יידל, וואס איז בטבע געווען א מוטלער, האט נישט געווארט אויף אויספרעגן אים. ער האט באלד געלאזט אין באוועגונג זיין ווייכע צונג:

— אז איך קוק אויף דיר, זע איך זיך. דו, פונקט ווי איך, האסט פארלוירן דאס פלייש פון פנים. א סקעלעט, „מעגעגע". דו האסט נישט קיין מוט דאס זיך אליין צו זאגן, אנצורופן דעם שטעקן ביים נאמען. היות איך האב פיינט צו וויינען, לאך איך. קוקסט אויף הענעכן, איז אך און ווי, א „זשאבע". וועסט זאגן ס'אגע־לעכטער מיט יאשטשערקעס, לאך איך אויך. און ווידער: ס'איז דען געשריבן ווו, אז א בוידעם מוז האבן א דאך? איז דען א בוידעם אן א דאך קיין בוידעם נישט? אבי מען זעט זיך! איצט וויל איך ווערן א זעלנער. מען וועט מיר געבן א ביקס און איך וועל זי נעמען. מען וועט מיר זאגן ווי א מאל: „די ביקס — דיין ווייב"... קיין קרום ווארט טשעפעט מיך נישט, כ'בין גלייכגילטיק צו אלע זאגעכצן. איך רעכן נאר, אז אויך דאס וועל איך בשלום איבערקו־מען. איך בין א גוטער שווימער און כ'ווייס, אז חס וחלילה אראפ־צולאזן הענט און פיס... ווען איך פארטראכט זיך איבערן מעמד מיינעם, פרעג איך זיך: יידל, גייסט איצט איינשטעלן ס'לעבן, כדי צו בלייבן לעבן?

— און דער אויספיר?

— דאָ, דאָ געפֿין איך, אַז די וואָג איז אַ פֿאַלשע... עס באַפֿאַלט מיך אַ שגעון, כאַפּ איך זיך אָן אין אַ שטרוי. וועט די שטרוי זיין מיר אַ רעטונג נישט דערטרונקען צו ווערן? כ׳ווייס פּאָזיטיוו, אַז ס׳איז אַ ספק, אָבער פֿון יוצא־וועגן, צו באַרויִקן זיך ס׳געוויסן, דאַרף איך דאָס טאָן.

— איך אויך אַזוי! — רייסט זיך אַריין הענעך פֿאָגעל.

— לאָז געמאַך, הענעך! אַז איך רעד, מיין איך אויך דיך — שלאָגט אים יידל איבער.

— וואָס שטייען מיר ווי די „גלאָמבעס”? פֿאַר וואָס נישט זיצן? גאָר פֿאַרגעסן, אַז די פֿיס זענען פֿוןביינער — רייסט ווידער איבער הענעך.

— האָסט געזאָגט אַ קלוג וואָרט, הענעך — יידל לאָזט קיינעם נישט רעדן — מען דאַרף זיך אַנידערזעצן און עפֿענען דעם קאָפּ ווי אַזוי נישט צו זינקען דאָ אין דער בלאָטע. אַז דאָ איז אַ זומפּ — וועל איך ענק באַלד אויפֿווייזן.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ פֿעלדז מיט הויקערס ווי שטיגלעך.

— כ׳זאָג ענק, אַז דאָ דאַרף אַרבעטן דער קאָפּ. אָט פֿאַר וואָס: צו זיצן דאָ איבער נאַכט וועט מען אויסגעריסן ווערן פֿון די ווינטן. אין די געצעלטן איז אַ סכנה צו ליגן. דער מחבל שפּאַצירט דאָרט פֿראַנק און פֿריי. דער סערזשאַנט, דער קאָראַנזשי, ווייסן נישט, מיט וואָס פֿריִער זיך צו כלאָפּאָטשען; זאָלן זיי די איינגעשלאָפֿענע אויף אייביק וואָס שנעלער אַראָפּטראַנספּאָרטירן צו קבורה, צי איינשטעלן ביי די דרוזשינעס דיסציפּלין? מיר זענען נאָך נישט קיין זעלנער, נאָך נישט געשוואוירן. ער רופֿט אונדז „לאַכודראַקי”. וואָרעם ווער לויפֿט צו די זעלנער? אַ שמיעטשאַזש, אַ לאַ־יוצלח. וואָס מיר איז צו חלום געקומען, אָט וואָס: איך האָב זיך צוגעפּוצט צום קאָראַנזשי. כ׳בין אים געפֿעלן, כ׳העלף אים ביים צעטיילן דאָס ברויט. און ברויט, ווער נאָך ווייסט, ווי איך, וואָס פֿאַראַ טייערע פֿילן צום געזונט ס׳איז אַן איבעריקע פּאָרציע ברויט?

וואָרף איך מיר אַריין אין די הויזן אַריין עטלעכע פּאַרציעס, אַ זאַפּאַס „פּילן"... די הויזן מײַנע זענען נישקשה ברייט, פון מיר איז דאָך געוואָרן אַ העלפט. מײַנען ענק, אַז אין חלום פאַרגעס איך זיך? אַז איך בין זאַט געוואָרן, געדענק איך אין אייך. יידל קנאַפּער וועט נישט קאַליע מאַכן זײַן רענאָמע. הייסט מײַן נאָמען נישט יידל!... ענק זענט פאַרגאַפּיעט, און מײַנע חלומות זענען בײַ אייך אַ זייפנבלאָז, זאָג איך אייך, אַז עס פלעפּט מיך נישט. איך, יידל קנאַפּער, וואָלט נישט בכוח געווען אַדורכצוקומען מיטן שוואַרצן לעבן, ווען איך חלום נישט. אָט למשל, עס הענגען פולע זעק מיט קאַרטאָפליעס. פּלוצלינג פּלאַצן די זעק, און קאַרטאָפליעס פאַלן מיר גלײַך אין פּיסק אַרײַן. אָדער גאָר עפּעס אַנדערש: איך בין צווישן שעפּסן (אין קאָלכאָז בין איך געווען אַ פּאַסטעך) און מען רוקט מיר אונטער קאַריטעס מיט „שאַל-ראַם". איך ווער גרעבער ווי לענגער. איין מאָל האָט זיך מיר געחלומט, אַז די זון איז אַ פּאַס האָניק, די שטראַלן זענען אויסגעשטרעקטע הענט, די פינגער — צאַפּנס האָניק. האָב איך געזען אַ רמז פון אַ זיסער צו־קונפט. און איך בין אַן עקשן, אַן עקשן, איך וואַרט...

עס האָבן זיך געהערט רייד אין דער צווייטער זייט פון שמאָלן פעלדז. יידל האָט געגעבן אַ צייכן צו שווײַגן. דאָרט זענען אויך געזעסן רעקרוטן. איינער האָט געזאָגט:

— איך דאַרף נישט, איר זאָלט מיר גלייבן. איך זע דאָ אַ תוהו־ובוהו, אַ שיף אָן אַ רודער. אָט זיצן מיר שוין באַלד עטלעכע וואָכן, און קיין איין „זשאָלדאַק" איז נאָך אַפילו נישט צוגעקומען פרעגן, וואָס טוען מיר דאָ? מיר קאָנען דאָ זיך באַקן און בראָטן, אַרויסקומען פאַרשוואַרצטע ווי „גלאָווניעס" נאָך אַ שריפה, ווערן טאַטערן, קימערט זיך ווער?

— זיי ווילן אונדז נישט פאַר קיין זעלנערס.

— אויך איך מיין אַזוי.

— דער אָנגעלויף געפעלט נישט דעם שטאַב. זיי ווילן נישט

קיין פוילישע ארמיי פון בלויז יידן. זיי ווארטן אויף פּאָליאַקן. קומען נישט די פּאָליאַקן.

— ענק האָבן געהערט? — פרעגט יידל.

— געהערט!

— זאָלן זיי קלערן וועגן שטאַב. איך האָב מיר דערווייל אויסגעחלומט, אַז איך שלאָף אין אַ ווייך בעט, מיין קאָפּ ליגט אויף הויכע קישנס און כ'בין איינגעהילט אין אַ פוכן איבערבעט.

— דאָ, אויף דעם באַרג?

— אין חלום מאַכן זיך פון שניי גאָמלקעס.

— און פון ליים — אַ קלאָפּס — זאָגט אַלעק.

— דו ביסט אַ האַרטע נים, אַפילו חלומען פאַרגינסטו נישט — צעלאַכט זיך יידל.

*

אַ געדיכטע פינצטערניש האָט איינגעהילט דעם באַרג. די פעלדקיך האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיטן אויסטיילן מיטאָג. די ריי צו פּאַסעווען עסן ציט זיך לענג-אויס עפּעס אַ מויער. די, וואָס האָבן אַריינגעכאַפּט די פּאָר לעפל געקעכטס, שלייכן, טאַפּן מיט אויסגעשטרעקטע הענט דעם וועג, נישט אָנצושלאָגן זיך אין אַ פעלדז. דער אָוונט איז שוואַרץ. עס בלאָזט שוין אַ ווינטל, וואָס ווערט פון מינוט צו מינוט שטאַרקער. אַלעק האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון יידלען נישט צו בלייבן ביי נאַכט אויפן באַרג. ער האָט געפונען אַ לאָך אינעם פלויט. מען קאָן אויסמיידן דעם דיזשורנע און זיך אַראָפּלאָזן אין שטעטל אַריין, גיין נעכטיקן אין דער טשאַיכאַנאַ, זיין אונטער אַ דאַך. עס זענען שוין געווען רעגנס אין מיטן דער נאַכט, און אויפן באַרג האָט מען נישט געפונען קיין אָרט, מ'זאָל נישט דורכגעווייקט ווערן פון רעגן. אַ סך גייען אַרום און הוסטן, ווי סוכאָטניקעס.

— מיר האָט זיך געחלומט אַ שדים-טאַנץ. שדים מיט הערנער און ווידלען. איך בין געלאָפן און זיי זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון

אַ פּייער. כ׳זע אַ רמז, אַז איך דאַרף לויפן, מאַכן פּיס פון באַרג.
פּייער איז אַ וואָרענונג געניזוקט צו ווערן — היצט זיך יידל.

אויף וויפל אַלעק האָט מיט ביטול זיך צוגעהערט צו יידלס פאַנטאַזיע, האָט אים דאָך באַהערשט אַ מורא צו בלייבן אויפן באַרג איבער נאַכט.

דעם וועג צו דער טשאַיכאַנאַ, וואָס איז געווען די איינציקע אין גוזאַר, האָט געקענט יעדער יוגנטלעכער. צו פוסנס פון אַ באַרג איז געשטאַנען אַ הילצערנע געביידע — לענגער, ווי ברייטער. צוויי טירן אין דעם הייזל: אַ פראָנטטיר און אַ הינטערטיר. אַן איינציק פענצטער.

אין די פרייטיקס איז די טשאַיכאַנאַ פול מיט אוזבעקן, נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ צופעליקן גאַסט. אין מיטן דער וואָך איז נישטאָ קיין אוזבעקן. און דאָך איז די טשאַיכאַנאַ פול געווען, אי־בערפולט. נישטאָ קיין אָרט צו ליגן אַפילו אויף דער פאַדלאָגע. אַ סך דרוזשינעס פון זבאָרנע־פונקט זענען באַצייטנס געקומען נעכ־טיקן. זיי זענען שוין איין מאָל, ליגנדיק אויפן באַרג ביי נאַכט, אונטערגעשוועקט געוואָרן. די טשאַיכאַנאַ־טירן זענען פאַרמאַכט, פאַרריגלט, פאַרקייטלט פון אינעווייניק און פון דרויסן. אויפן גאַנעק ווארטן נאָך בעלנים איבערצונעכטיקן אין דער טשאַיכאַנאַ — אפשר וועט זיך מאַכן אָרט. עמעצער פון אינעווייניק האָט שוין אַרויסגעשריגן, אַז דער טשאַיכאַניסט האָט אַוועקגעשטעלט אַן עמער פאַר באַדאַרפערס, אויסצומיידן צו עפענען אַ טיר. דאָך גייט קיינער נישט אַוועק. ווייל ס׳האָט שוין געטראָפן, אַז דער טשאַי־כאַניסט האָט אין מיטן נאַכט יאָ געעפנט אַ טיר און אַריינגעלאָזט.

— און מיר האָט זיך געחלומט דאָס גן־עדן — צערעדט זיך יידל — איך זע אַ רמז אויף גוט זיך אויסצוווארעמען. ס׳קאָן זיין, אַז דעם טשייכאַניסט וועט ווייך ווערן זיין האַרץ. די „טשערוואָנ־צעס” פאַרן געלעגער וועלן אים אַ בלאַנק טאָן פאַר די אויגן, און ער וועט עפענען די טשאַיכאַנאַ. הערט מיך אויס! — האָט ער אַ רוף געטאָן — אויפן באַרג איז שלעכט, אמת?

— יאָ! יאָ! — האָבן שטימען געענטפערט, ווי אין אַ כאָר.

— דאָ איז מעגלעך, ס'זאָל יאָ גוט זיין?

— י—אָ—אָ! — האָבן ווידער שטימען אָפּגעקלונגען.

— איצט מאַכט אַ חשבון: וואָס שטעלן מיר דאָ איין?

— אַז מען שטעלט נישט איין, נעמט מען נישט אויס! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— אָט דעם סוחרישן חשבון האָב איך אייך געוואָלט ברענגען.

— אויף צו חכמהנען זיך פעלן דאָ נישט קיין בעלנים. זאָג עפּעס ממשותדיקס! — האָט אַ שטימע זיך אָנגערופן.

דער רוף האָט יידלען אַ צופּ געטאָן ביי דער גאווה, אָבער הענעך פאָגעל האָט אים אַרומגעכאַפּט און מיט דער האַנט פאַר־שטעלט דאָס מויל.

אויפן אָרט, ווו ער איז געשטאַנען, יידל, האָט ער זיך אַנידער־געזעצט. ער האָט אָוועקגעשטופּט די ליגנדיקע פון רעכטס און לינקס, אַזוי אַרום געמאַכט אָרט פאַר אַלעקן און הענעכן. אַזוי זע־נען זיי געלעגן אויסגעגלייכט און איינגעפּרעסט, ווי די הערינג אין אַ פאַס.

— נישט שלעכט. די ביינער וועלן זיך אַ ביסל אויסגלייכן, — האָט הענעך געזאָגט.

די שטילקייט האָט אַלעמען איינגעוויגט אין אַ שווערן שלאָף.

אין מיטן דער נאַכט איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי. אַלע ליגנ־דיקע אויף דער פּאָדלאָגע פון גאַנעק זענען געוואָרן צוגעדעקט פון שניי, איבערגעצויגן ווי מיט אַ ווייסער דעק. הענעך פאָגעל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערפילט אַ פייכטקייט. אַן אי־בערגעשראָקענער איז ער אויפגעשפּרונגען, געריסן אַלעקן, יידלען, צום אויפשטיין. אין צווייטן עק גאַניק זענען נאָך עטלעכע אויפ־געשפּרונגען, געטופּעט מיט די פיס, האָט עס אַלע אויפגעוועקט. וואָס פאַרא קללה איינער האָט געקענט, האָט ער איצט אַרויסגע־ברומט. עס איז נאָך געווען עטלעכע שעה צום טאָגן.

דער טשאַיכאַניסט האָט אויפגעפּראַלט די טירן.

*

דער באַגינען האָט דאָס מאָל נישט איינגעזאַפּט דעם נעפּל, האָט במילא דאָס טאָגן זיך פאַרשפּעטיקט. צוליב דעם נעפּל איז ס׳פאַרמירן זיך פון די דרוזשינעס אין זבאַרנע־פּונקט נישט אויסגעקומען אין דער באַשטימטער צייט. קיינער האָט גאָרנישט פאַרזוימט.

יידל קנאָפּער איז עפּעס ווי פאַרשווינדן געוואָרן. אַלעק האָט אים נישט געזען אין קיין שום דרוזשינע. צום פאַסעווען ברויט האָט ער זיך אָבער באַוויזן.

— יידל, ווו ביסטו געווען?

— כ׳האָב געוואָלט זיין אַליין, אַ חלום.

— געדענקסט אים?

— דער טאַטע. געהאַט מיט אים אַ שמועס.

— געדענקסט אַלץ?

— נישט אַלץ.

— וואָס געדענקסטו יאָ?

— כ׳זאָל נישט אַרומגיין בגלוי ראש. כ׳דאַרף אַ היטל. ס׳איז אַ רמז: אין אַ היטל וועל איך קומען צו וואָס איך וויל. אַ זעלנעריש היטל, דאַרף איך. אין אַ זעלנעריש היטל וועל איך נושא־חן זיין ביים כאָראָנזשי. כ׳האָב שוין נישט איין מאָל באַמערקט ווי ער מאַכט אייגלעך צו די, וואָס זענען אין קאָנפעדעראַטקעס. אין אַ היטל האָט דאָס פּנים אַן אַנדערן אויסזען. כ׳דאַרף מיר אויסבעסערן ס׳פּנים. איך ווייס ווי אַזוי צוצופּאַסן זיך דאָס היטל, מ׳זאָל מיך שאַנעווען. כ׳האַנדל טאַקע אונטער מיטן קאַפּראַל, ער זאָל מיר אָפּטרעטן זיין היטל. אָבער הענעך גייט אַרום אין די געצעלטן, אפשר איז אַ קראַנקער שוין קאַלט געוואָרן... זאָל ער פריִער אַוועקכאַפּן ס׳היטל, איידער אַן אַנדערער וועט עס טאָן.

— פון די קראַנקע אַ היטל? חלילה, מ׳קאָן נאָך מיטשלעפּן די קרענק.

— דער טאַטע האָט געהייסן אָנטאָן אַ היטל, וועט ער מיך אויסהיטן פון שלעכטס.

ס׳איז אָנגעלאָפן הענעך:

— כ׳זוך דיך אַרום!

— האָסט?

— ס׳איז דאָ!

— ווייז!

— ער גוססט שוין.

יידל האָט אָנגעכאַפּט אַלעקן פאַר דער האַנט און מיטגעשלעפּט אים מיט זיך.

אין געצעלט זענען געלעגן צוועלף קראַנקע, פאַרשמאַכטע צוליב דער הויכער טעמפּעראַטור. איינער איבערגעדעקט מיט אַ שינעל, גוססט. אויף זיין קאָפּ — דאָס מיליטערישע היטל.

— אָט דאָרט! — ווייזט הענעך.

יידל האָט איצט נאָך שטאַרקער געהאַלטן אַלעקס האַנט. זיינע פינגער האָבן ווי געברייט. ער האָט נישט גערעדט, עפּעס ווי צע־שרויפט געווען, שטיל זיך געישובט, לסוף געפרעגט אַלעקן:

— שוין צוגיין?

— קוק נאָך.

— עס קאָן ווער אָנלויפן דערווייל און צוכאַפּן.

— דאָס היטל איז נאָך אין אַ גוטן צושטאַנד.

— וואָס שטייסטו? — פרעגט הענעך מיט כעס.

— זאָל איך פרווון אפשר לייכט אַ טשעפּען טאָן, צי ער לעבט?

— יידל! דו ביסט צו שוואַך צו אַזאַ איינשטעלעניש — זאָגט אַלעק און ציט אים צום אַוועקגיין.

— דאָס היטל וועט נישט זיין צו גרויס אויף מיין קאָפּ. דער כאַראַנזשי וועט מאַכן צו מיר אַן אייגל. איך וועל אים סאַלוטירן. ס׳וועט אים אַ ציפּ טאָן זיין האַנאָר, ער וועט מיך נעמען אויפן פאַר־

הער. איך וועל אים אָפּמאָלן אַ קאַשע, אַז דאָס האַרץ וועט אים צעשמאָלצן ווערן.

יידל איז נישט אָפּגעטרעטן פון געצעלט.

*

מיט אַ מאָל איז גאָר היים געוואָרן. די זון איז אַרויס פון איר פוטערפאַס און מיט אימפּעט געזויפּט פון די קאַלוזשעס צווישן די שטיינער. אויף אַ סך ערטער האָבן זיך שוין געקרישלט און געבּרעקלט די ליים־גרודעס. שפּיציקע שטיינער זענען אַנגעגליט געוואָרן, ווי צאַפּנס אויסגערונענע פון אַ טיגל, וואָס איז אַרויס פון אַ שמעלצאויוון. די אָפּגעהאַקטע פעלדזן האָבן איצט אויסגעזען ווי הויקערס, צעקרומטע, דאַרע.

אויפן באַרג איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער. דער אַנפלוס צו ווערן זעלנער וואַקסט אָן אויפהער. עס ווערן נישט איינגעסדרט קיין דרוזשינעס. די אָפיצירן קאָנען נישט באַהערשן דעם דראַנג. דאָ האָט דער קאַפּראַל אויסגעזאָגט דעם סוד: פון בלויז יידן וועט די פּוילישע אַרמיי נישט האָבן קיין פּנים. דרוזשינעס, גרופּעס, זע־נען צעפאַלן. דער עולם דרייט זיך, ווי אין אַ געווירבל. פּחד און שרעק אין די אויגן: נישט אין מיליטער, איז ווידער אויף נע־ונד. עס האָט זיך באַוויזן דער כאָראַנזשי. נאָך איידער ער האָט אַרויס־געזאָגט אַ וואָרט, האָט דער עולם זיך געשטעלט פאַר אים. איין גרופּע האָט נאָכגעטאָן דער אַנדערער, זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז געקומען מיט אַ באַפעל, און ווענדיק אַרויסווייזן זייער מילי־טערישע גרייטקייט, האָבן זיי אַליין, אָן אַ רוף, זיך געשטעלט צו די איבונגען. באַלד איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז נישט דאָס וואָס זיי מיינען. דער כאָראַנזשי איז געשטאַנען אַ צעטומלטער: ער ווייסט נישט וואָס צו זאָגן, נאָר גאָרנישט נישט זאָגן האָט אים אויך נישט געפּאַסט — אַז מען גיט אים אָפּ אַזאַ כבוד. ער האָט אַרויסגעבּרומט עפּעס אַ גראָב וואָרט, און מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ

אַוועק אויפנעמען די אָקערשט־אָנגעקומענע גרופּעס, צוגעשיקט פון רעגיסטריר־פּונקט ביים באַן־וואָקזאַל.

אין דער לעצטער גרופּע איז אָנגעקומען אברהם. ער האָט זיך דערפרייט מיט אָלעקן, עלעהיי זיך אַ לאַנגע צייט נישט געזען. זיי האָבן זיך אָפּגעקליבן אַן אָרט הינטער אַ פעלדז, כדי יידל זאָל זיי נישט געפינען. אברהם האָט ארויסגענומען פון זיין קלימעקל אַ פּאָרציע ברויט, וואָס ער האָט געקריגן פון אַ באַקאַנטן, אַ געשוואָי־רענעם זעלנער, און דאָס ברויט געטיילט מיט אָלעקן.

אברהמס בליק איז געווען ערגעץ ווו פאַרטראָגן, ער האָט פאַנ־טאַזירט:

— פון דאַנען וועלן מיר שוין קומען ווייטער, אפשר מעבר־לים — האָט ער געזאָגט און אָפּגעאָטעמט, ווי אַ שטיין וואָלט אים אַראָפּ פון האַרץ.

אומגעריכט איז ווידער יידל קנאַפּער אָנגעלאָפן.

— יידל, ביסט אַן אַ היטל? אַן דעם זעלנערישן היטל?

— כ'האָב שוין געהאַט אויסגעצויגן די האַנט צו נעמען דאָס היטל, האָט מיר עפּעס אַ זעץ געטאָן אין האַרץ און כ'האָב זיך צוריקגעצויגן. ווידער אַ חלום: אַ האַנט, אַן איידעלע, ווייסע האַנט האָט מיר אָנגעטאָן אַ מעדאַל. כ'זע אַ רמז אויף צושטעלן זיך צום שטאַב.

— וואָס וועסטו דאָרט זאָגן?

— האָב איך שוין אַ מאָל געטראַכט פריִער וואָס צו זאָגן?

— און ווי אַזוי וועסטו קומען אַהין?

— דער קאַפּראַל וועט מיך פירן. גאָר פאַרגעסן, געהאַט נאָך אַ חלום: אין אונדזער מחנה זענען צעהאָנגען לאָגלען. ווער ס'וועט אונטערשיידן, וועלכע זענען אָנגעפילט מיט ווינט, וועט קריגן פליגלען און וועט פליִען.

— עס לוינט נישט צו מעדיטירן — זאָגט אברהם.

— איך מעדיטיר דען? איך רעד! — פּראָטעסטירט יידל.

דאָ האָט אברהם דערזען אַ בן־עיר זיינעם, איז ער צו אים צוגעגאַנגען. אַלעק איז ווידער געבליבן מיט יידלען.

— דו ווילסט נישט מיין חברשאַפט, זע איך. באַהאַלטסט זיך. ווילסט נישט מער אויסהערן — רעדט יידל און שאָקלט באַדויערנ־דיק מיטן קאָפּ — ס׳איז דיר שוין צוגעגעסן מיין רעדן. איך מוז רעדן. אָט פאַר וואָס: כ׳האָב זיך געזעגנט מיטן ווייב, איז זי גע־שטאַנען מיטן קינד אויף דער האַנט. זי האָט גערעדט, און איך האָב גערעדט. די לעצטע ווערטער האָט זי געזאָגט: „פאַרגעס נישט! פאַרגעס נישט!" זי האָט לאַנג, לאַנג מיר נאָכגעקוקט. כ׳בין שוין ווייט אַוועק, און זי איז נאָך געשטאַנען און געקוקט. ס׳איז געווען אַ לבנה־נאַכט און נאָך היינט זע איך זי שטיין איינ־קוקן זיך אין מיר. אין די אויערן קלינגען מיר נאָך אירע ווערטער: „פאַרגעס נישט! פאַרגעס נישט!"... אַז דו ביסט לעבן מיר, מיין איך, אַז זי הערט מיך...

הענעך פאָגעל איז צוגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער:

— אָקערשט האָט דער כאַראַנזשי געזאָגט: מיר גייען אַראָפּ פונעם באַרג!

3

## קוכערס זענען זיי געווען

דער טרוקענער מדבר איז אָפּגעטיילט פון שטעטל גוזאַר מיט אַ טאָל, ווו עס ציט זיך אַוועק העט ווייט אַ באַנליניע, נאָר פאַר טראַנספּאָרט: געהילץ און קוילן. איבערן טאָל הייבט זיך אָן דער מדבר: די ערד איז צעשפּאָלטן מיט קרומע, צעדרייטע ליניעס, ווי אָדערן אויף אַ מאַפּע. רויע ערד. אין די היצן, אַז מען לייגט אַריין אין זאַמד אָן איי, ווערט עס האַרט אין געציילטע מינוטן. ביים אָנהייב שטייען עטלעכע געביידעס. ס'איז אָבער נישטאָ קיין צייכן, אַז זיי זענען ווען נישט איז גענוצט געוואָרן. געווען אַ פּלאַן און פאַרבליבן: פּוסטע הייזער. הויל שפּינוועבס. דורך די צעבראָכענע שויבן אין די פענצטער טאַנצט דער ווינט, פּאַטשט זיך אויס, הור-דזשעט פוןביידע זייטן.

דאָ איז דער נייער „זבאָרנע"-פּונקט פון דער אויפסניי-גע-גרינדעטער פּוילישער אַרמיי. אַהער ווערן געשיקט די רעגיסטרירטע פון משהס גלויבן. אויך פון באַרג אין גוזאַר זענען די רעגיס-טרירטע אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַהער. אויפן פעלד זענען אויפגע-שטעלט שורות געצעלטן. עס אַרבעטן צוויי פעלדקיכן.

— אָביוואַטעל" גאָלדגלאַס איז היינט אַוועקגעפאַלן פון אַ זונ-שלאַק. ער האָט זיך געשטעלט אין דער ריי צו דער קיך עטלעכע מאָל — באַריכטעט דער כאַראַנזשי אין זיין ראַפּאָרט.

אָלעק איז געקומען אין דעם נייעם פּונקט איינער פון די

ערשטע. ער האָט אַן אָרט אין קעלער. ס'איז נישט קיין קעלער אין אַ הויז, נאָר אַ גרוב אין אַ בערגל. דורך דעם אַריינגאַנג פּאַלט קוים אַריין אַ ביסל פון דער ליכט אין דרויסן. אַ ליידיקער קעלער, מען ליגט אויף דער האַרטער ערד. דער שטח איז נישט קיין גלייכער, ס'זענען דאָ גריבלעך און בערגלעך. אַן אוזבעק מיט צוויי לעכער אין די באַקן, ווי ער וואָלט געהאַט אַ ליידיק מויל, פּירט דאָ זיינע צוויי קאָזעס, זיי זאָלן זיך זוכן צום קייען. ער זאָגט:

— דער קעלער געדענקט נאָך די ציַיטן פון די עמירן. אָפט פלעגן אַלטגעזעסענע אוזבעטשקעס, וואָס האָבן געוואָלט מעוברת ווערן, דאָ אָפּוואַרטן די וואַסער-ברענגערס פון קאַרשי.

אין קעלער איז דאָ אַן אָרדענער. ער איז נאָמינירט געוואָרן דורך דעם סערזשאַנט איגנאַץ בערגער, וואָס איז נאָמינירט געוואָרן צו פירן די עווידענץ פון דער מחנה דאָ, דירעקט פון קאַפּיטאַן און פּאָרוטשניק, צוגעטיילט פון שטאַב. דער אָרדענער, אַן אָזאַרקאָווער, איז פון פאַך אַ שניידער. דערנענטערט זיך שוין צו די פערציק. ווען די דייטשן זענען אַריין אין זיין שטעטל, איז ער אַנטלאָפן, און דער ערשטער אָנגעקומען קיין בריסק, צוגלייך ווי די רויטע אַרמיי האָט אַריינמאַרשירט. מאירקע הייסט ער. די אויבערשטע ריי ציינער זענען אים אַרויסגעקרימט פון דער ליפּ. בעתן רעדן פאַנפעט ער און ס'איז שווער צו פאַרשטיין זיין רעדן. ער איז אַ גרויסער עקשן. אַלעק האָט שוין מיט אים געהאַט אַ געטועכץ:

— מאירקע — האָט אַלעק זיך געווענדט צו אים — דיין אויסמעסטן, אַז איינער זאָל ליגן אָפּגערוקט פון צווייטן, לויט דער ברייט פון דיין שיך, איז נישט גענוג.

— נישטאָ קיין ברייטערע שיך ווי מיינע, שיך נאָך פון לאַגער. מיין פוס טאַנצט אַרום אין אים ווי אין אַ באַליע. אויף דער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזעלכע שיך.

— שטעלסט נישט גוט דעם פוס.

— כ'גיי שוין אַזוי באַלד פערציק יאָר, און קיינער האָט עס נישט געזאָגט.

— פּרוּוו אַנדערש.

— ביי מיר קאָן נישט זיין אַנדערש.

— דו שלאָפסט אין אַ באַזונדער ווינקל, זעסטו נישט.

— צ׳שלאָפט נישט ווי מענטשן. יעדער איינער ווייסט, אַז ער שטינקט מיט שווייצערקעז און סאַרכנט מיטן אָטעם אין אַנדערנס פּנים אַריין. ס׳וועט דיר גאָרנישט נישט העלפן. די מאַם האָב איך אָנגעצייכנט פון סערזשאַנט בערגער. דו וועסט מיר נישט געבן קיין אָנווייזונגען. מיש זיך נישט אין מיין אַרבעט. און אויב דו וועסט אָנרעדן אויף מיר, ליגן נישט מיינע הענט אין קימפּעט. נעם דאָס זיך אין זינען אַריין!

לעצטנס קאָן ער נישט, אַלעק, זיין אין קעלער אין די אָוונטן. די קראַנקע אויף שוויזשבע שמירן זיך מיט שוועבל-מאַשטש — איז דער עיפּוש גרויס, עס שטיקט צום ברעכן. זיצט ער אַפּ די נעכט אויפן קעלערדאַך. היינט האָט זיך צוגעזעצט צו אים נאָך אַ „קוואַרטיראַנט״ פון קעלער. אויך ער קאָן נישט אָטעמען צוליבן עיפּוש. ער האָט אַלעקן אַרויסגעריסן פון דרימל. פון פּילאַווע איז ער, טאַנצמאַן הייסט ער. אין פּילאַווע, אַז ער האָט געזען פון דער ווייטן אַ דייטשישן סאָלדאַט, איז אים ס׳האַרץ אַנטפּאַלן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין די אָפּטריטן, ביז ער איז אַוועק קיין סעמיאַטיטש. אין סעמיאַטיטש האָט ער אויף זיך דערפילט אַ נייע הויט. יעדן רויטאַרמייער האָט ער באַגריסט, גערופן „טאָוואַרישטש״... אַ זעל־נער מיט אַ ביקס — „טאָוואַרישטש״! אַ שמחה, אַ גדולה. ס׳האַרץ האָט געטאַנצט. ער וועט אַהינברענגען די קינדער. זיין חיהטשעלע וועט יינגער ווערן, צוריק אין די יאָרן ווען ער האָט זי באַקענט, זיך פאַרליבט אין איר. די מאַמע וועט ער ברענגען. מיט די אייניקלעך וועט זי זיך שפּילן, קושן און גלעטן זיי, פאַר פרייד אַפילו לאָזן אַ טרער, אַ זיסע טרער...

אַז ער האָט איצט דערטאַפּט אַלעקן אויפן קעלערדאַך, האָט ער נישט געלאָזט זיך טרייסטן:

— כ׳האָב פאַרלוירן, וואָס כ׳קאָן שוין צוריק נישט געפינען.

נישט די קינדערס חן, נישט דער מאַמעס רייד. קיינעם גיי איך נישט אָן, איך בין אַליין, נישט איינער — און אַליין...

אַלעק האָט געוואָלט שלאָפן, טאַנצמאַן נישט:

— חיהטשעלע זאָגט דאָרט, אַז איך געדענק נישט. פאַרלוירן זיך אין וועג און בענק נישט. אוצרל, ווען דו זאָלסט וויסן: כ׳האָב נישט געפונען קיין וועג צו דיר. שטיין געבליבן אין מיטן. כ׳בין אַליין... אַליין...

שטיל, קיין פויגל-סווישטש, קיין ווינטל נישט. די מחנה שלאָפט. די אויסגעצויגענע גופים, ווי אויסגעלאָשענע האַלאָוועש-קעס. נישט אויפגעגאַנגען היינט קיין איין שטערן. אַ לײדיקער הימל. די פינצטערניש האָט אַלץ פאַרכאַפּט.

די מאַסע אין „זבאָרנע"-פּונקט זענען נאָך נישט קיין זעלנערס און דער כאָראַנזשי רופט דאָך אין פרימאָרגן צו אַ „זביורקע", צום מאָרגנגעבעט. עס שטעלן זיך אוים די הונדערטער אין שורות. ער גיט אַ קאָמאַנדע: „אַראָפּנעמען די היטלען!" ער הייבט אָן דער ערשטער:

— „קיעדי ראַננע ווסטאַיאָן זאָזשע"...*

מען זאָגט אים נאָך.

— „אפשר דאָך זעלנערס?"

פּלוצלינג: די קוואַרטיראַנטן אין קעלער ווינטשן זיך מזל-טוב:

— דער שטאַב האָט באַשלאָסן...

— דער שטאַב האָט פאַראָרדנט...

— מעדיצינישע קוואַליפיקאַציע-קאָמיסיע...

אין איינער פון די גרויסע געביידעס זיצט די קאָמיסיע: דאָק-טוירים, קאַפּיטאַנען, פּולקאָווניקעס. האַלב נאַקעטע מענטשן שטייען אין דער ריי פאַרבייצוגיין. פון איין זייט — אַריינגאַנג, פון דער צווייטער — אַרויסגאַנג. די, וואָס זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען און

---

* אַ פּוילישע פרימאָרגן־תפילה.

קוואַליפיצירט געוואָרן, זאָלן נישט קומען פנים אל פנים מיט די צום אַריינגיין.

די יידן זענען, נעבעך, שטאַרק אויסגעמאַטערט פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט אין די לאַגערן. אַלע — הויט און ביינער. „ניעזדאָלני דאָ סלוזשבי וואָיסקאָווי,*‏ קאַטעגאָריע „דע”. כדי עס זאָל זיין שכלדיק, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין באַזונדערע כוונות, ווערט געגעבן נאָך אַ קאַטעגאָריע — „ע”.

— אוים! אוים!...

— איינרעדעניש האָט נישט קיין האָפט!...

— די בריק איז געווען אַ פּאַפּירענע!

— אוים! אוים!

— צוריק, צוריק אין נע-ווּנד!

— דער גאַרניזאָן וועט אַריבערגעוואָרפן ווערן קיין איראַן. מען וועט נעמען אויך ציווילע!

— ווער? ווער האָט געזאָגט?

— סערזשאַנט בערגער!

— ער איז אָנגעשטעלט פון שטאַב, כדי קלענער צו מאַכן דעם רעש!

— און אפשר נאָך טאַקע נישט סוף-פסוק? — פּשטלט זיך טאַנצמאַן, דער פילאָזאָפער.

*

די קוכערס ביי די קיכן שעפּן פון אויבן, נעמען אָן בלויז שיטערס. די, וואָס וואַרטן צום נעמען מיטאָג, פילן גוט דעם קוכערס כוונה.

דאָס ערשטע מאָל, אַז אָלעק און אברהם האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי צו דער קיך, האָבן זיי נישט געוווּסט פון דעם קוכערס

* נישט פּעיק צו מיליטער־דינסט.

פּאַרטל. אַ צווייט מאָל, אַז זיי זענען ווידער אַוועק פון דער קיך מיט מער וואַסער ווי גרויפּן, האָט אַלעק לאַנג געקוקט אין זיין קעסעלע, דער קוכער זאָל עס באַמערקן. אברהם האָט זיך נישט גע־קאָנט באַהערשן האָט ער זיך אָנגעבויגן צום קוכער און געזאָגט:

— איך וועל תפילה טאָן, אַז מאָרגן זאָל דיין האַנט ווערן לענגער און זאָלסט קאָנען אַריינשטעקן דעם לעפל טיפער אין קעסל אַריין, ס׳זאָל דערגיין צום געדיכטן.

צוויי קוכערס זענען זיי: אַ בלאָנדהאָריקער, מיט אַ רויט פּנים, כדי מ׳זאָל מיטן ערשטן בליק דערזען ווער ער איז, האָט ער — אחוץ דעם צלמל אויפן האַלדז — אויסגעמאָלט זיך צלמים אויף די הענט. דער צווייטער איז בלויז אַ געהילף, מיט אַ הויט פון אַליוון־קאָ־ליר, מיט אַ גלאַטיקן קאָפּ, כאָטש נאָך גאָר יונג. ער איז אַ ייד, שטעלט זיך אַלעק תמיד צו צו אים, פון אים צו נעמען עסן. ער איז אַ האַל־בער ליטוואַק, אָבער רעדט מיט אַ גאַנצער „זש״. אַ מאָל האָט אַלעק געוואַרט צו זיין דער לעצטער אין דער ריי — צי דער קוכער וועט וועלן, צי נישט, וועט ער מוזן אים געבן פון דנאָ, און דאָרט ליגט דאָס סאַמע געדיכטע. האָט זיך געמאַכט, אַז ווען ער איז צוגעקומען צום קוכער איז שוין קיין עסן נישט געווען.

— אָדער דו קומסט צו פרי, אָדער צו ספּעט, — האָט דער קוכער ווי באַדויערט.

אַלעק איז נישט אַוועקגעגאַנגען. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קעסעלע און געוואַרט.

— ס׳איזש ניטאָ. ס׳איזש ניטאָ! ליידיק די קעסל!

ער איז אָבער נישט אַוועק, אַלעק. זיך איינגעקוקט שאַרף אין קוכער און מיטן בליק געמאָנט.

איז צוגעקומען דער הויפּטקוכער און געוואָרפן מיט די באַ־צלמטע הענט. ער האָט אַ לענגערע ווײַלע זיך איינגעקוקט אין אַלעקן. אַ וואַסערגלאַנץ האָט אַ בלישטש געטאָן אין זיינע אויגן. ער האָט גענומען אַלעקס קעסעלע, געהייסן אים וואַרטן און איז צוגעגאַנגען צו זיין קעסל.

דאָס מאָל האָט אַלעק דאָס מיטאָג נישט געגעסן אין קעלער, נאָר ווי דער קוכער האָט אים אָנגעוויזן — לעבן דער קיך, כדי אַנדערע זאָלן נישט זען, וואָס ער האָט געקריגן.

דער געהילפקוכער, אַז ער האָט געזען, וואָס דער הויפּטקוכער האָט געטאָן, איז אים אַ ביסל פריקרע געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט געוואָלט אַלעקן מיט עפּעס מהנה זיין, האָט ער אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז די קיך דאַרף קוילן. פאַר ברענגען גיט מען אַ שפּאָרע פאַרציע געדיכטס פונעם קעסל.

— ביסט מיט אַ מאָל געוואָרן אַזאַ צדיק?

— וואָש, שע געפעלט דיר ניט?

— דו ביסט תמיד געווען אַ קוכער?

— אַ קצב.

— קוילן גיט מען, אָדער מען דאַרף נעמען?

— ניט פרעגן.

— ס'הייסט לקחנען.

— זשיך געכאַפּט אין דער „דיעלע”.

— וווּ ליגן די קוילן?

— ניט ווייט. ביי די קאַסאַרן פון גאַרניזשאָן... טשוגן מיט קוילן...

*

אַלעק האָט גענומען מיט זיך אַ געהילף, זיין חבר אברהם. מיט צוויי זעקלעך איז ער געגאַנגען נעמען קוילן פאַר דער קיך, געגאַנגען מיט דער באַן־ליניע. אַז זיי זענען צוגעקומען צום צוג מיט קוילן, האָבן זיי דערזען גרודעס קוילן אויף דער ערד אַרום די וואַגאָנען. אפשר אַראָפּגעפאַלן פון וואַגאָן, אָדער עמעצער האָט זיך אָנגעגרייט. זיי האָבן דערזען זעלנערס קומען און גייען אַרוים פון די קאַשאַרן. עס האָט אויסגעזען, אַז מען האַלט דאָ וואַך, און די וואַך טוישט זיך אָפּט. זענען זיי צוגעגאַנגען צום זעלנער און געפרעגט:

— ראַדאַקו! * וואָס וועט ווערן פון די קוילן, וואָס ליגן אויף דער ערד? דאָס זענען זיכער שטיינער, אויסבראַקירטע פון די קוילן.

דער זעלנער האָט אויסגעצויגן זיין האַלדז:

— איר זענט געקומען לקחנען, צי פילאָזאָפירן? איר זענט נישט די ערשטע שלעפּערס. מען צופּט וויפל עס לאָזט זיך. איר דאַרפט קוילן, טוט וואָס מעגלעך און זאָל איך אייך לאַנג דאָ נישט זען. איך האָב אייך נישט געזען...

אַלעק און אברהם האָבן זיך אַנגעשיט צו זעקלעך קוילן. דער זעלנער האָט זיך באַהאַלטן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, הלמאי ער באַהאַלט זיך? ער שטייט אויף דער וואַך אָן אַ ביקס. ווארט ער זיי זאָלן שוין האָבן די זעקלעך אויף די פּלייצעס, דאַן וועט ער אַרויסלויפן פון באַהעלטעניש און סטאָפּ — געכאַפּט ביי דער האַנט אויף דער הייסער מינוט! זיי האָבן מורא געהאַט און זיך געישובט, געפּרוווט אויפצוהייבן די זעקלעך און נישט גובר געווען. אין דער רגע איז אַנגעלאָפן דער זעלנער. דאָס האַרץ איז זיי ביידע אַנט-פאַלן. זיי האָבן נישט געקאָנט זאָגן קיין איין וואָרט. דער זעלנער האָט זיך אַנגעבלאָזן, אין אימפּעט געכאַפּט איין זעקל און עס אַרויפגעלייגט אַלעקן אויף דער פּלייצע, געכאַפּט דאָס צווייטע זעקל און עס אַרויפגעלייגט אברהמען:

— מאַכט פיס! יאַזדאַ! ** איך האָב נישט געזען! — האָט ער שנעל גערעדט און דעקלאַמירט מיצקעוויטשס „דזשאַדי”: „גלוכאַ וושענדזשע, טשיכאַ וושענדזשע, ניץ ניע בילאַ, ניץ ניע בענדזשע!”...

זיין שטים האָט געציטערט פון געלעכטער. שפּאַצירנדיק האָט ער זיך צוריק געשטעלט אויף זיין פּלאַץ.

נישט אָפּגעגאַנגען דעם האַלבן וועג, האָט אברהם אַראָפּגע-לאָזט דאָס זעקל:

---

* לאַנדסמאַן.

** געפאָרן.

— ס'איז שווער, כ'קאָן נישט מער. די שטיינער זענען שפּיציק, זיי שטעכן אין די ביינער.

— נעם זיך אָן מיט כוח, מיט איין מאָל, זאָל זיין פון אינער־ציע! — מונטערט אים אַלעק.

— איך קאָן נישט!

— זאָג זיך: ראַז, דוואַ, ווזיאַלי! ווי ביי דער „קאַטקע" אין לאַגער: ראַז, דוואַ, ווזיאַלי, און אַרויף.

— כ'קאָן פאַלן אין וועג און נישט דאַרפן שוין די זופּ.

— ס'איז בלויז נאָך אַ קליין שטיקל וועג. ווייסטו וואָס? פאַר־מאַך די אויגן און האַלט זיך אָן אין מיר, וועט דיר לייכטער אָנקו־מען דאָס גיין.

— די משא און די שוואַרצקייט פון די קוילן שווינדלט מיר פאַר די אויגן, כאַטש זיי זענען אין זעקל.

— שטעל דיר פאָר — ס'איז וואַרשע, ביים דייטש. ער האָט דיך געכאַפּט אויף אַרבעט. פאַרמאַך די אויגן, איך וועל אַ געשריי טאָן: אַרבייטען! אַרבייטען!

— וויפל אַכזר דו ווילסט זיך מאַכן, האָסט דו נישט דעם ס.ס־מאַנס רוגזה. ווייסטו גאָר וואָס? פּרוּוו אַ געשריי טאָן: אברהם, האָסט אַ בריוו פון דיין זון!

— פון ווי ווייט זאָל איך אַ געשריי טאָן?

אברהם האָט הויך און שווער אָפּגעעטעמט. ער האָט זיך צע־לאַכט און מיט אַ מאָל ראַפּטעם זיך אָנגעבויגן צום זעקל, אַ כאַפּ געטאָן און אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס.

4

## הערש־בער מענדעלעס

פאַרן ברענגען קוילן פאַר דער קיך, האָט אַלעק באַקומען אַ היפּשע פּאָרציע געקעכטס — סאַמע געדיכטס. אַז ער האָט אַרײַנגעשטעקט דעם לעפל, איז ער געשטאַנען ווי אין אַ טייגעכץ. קוקנדיק בלויז דערויף, איז ער געוואָרן האַפּערדיק. ער האָט זיך שוין באַוואָרנט מיט נאָך אַן אַרבעט פאַר דער קיך — טראָגן וואַסער. די השגחה האָט עם אים ממש צוגעשאַנצט. נאָך חצות דאַרף ער אָנהייבן טראָגן וואַסער. ער ווייסט, אַז צום קאַנאַל איז אַ מהלך וועגס. ער וועט דאַרפן גיין עטלעכע צענדליק מאָל. ער פאַרנעמט זיך צו דער דאַזיקער אויפגאַבע מיט אַ גוטן ווילן. ס׳איז אַפילו אַ שווערערע אַרבעט, ווי טראָגן קוילן, ער וועט אָבער קריגן אַ בעסערע באַלוינונג: חוץ דעם גרויסן לעפל גרויפּן — אַ שטיקל פלייש. פלייש! דאָס איז נישט אַבי וואָס. ווען דער קוכער האָט עס אים געזאָגט, האָט ער אַזש צוגעפינטלט מיט די אויגן. אַזאַ שטיק פלייש קריגט דער כאָראַנזשי — אָן דעם קאַפּיטאַנס וויסן.

אויך אברהם האָט פאַרן צוטראָגן די קוילן געקריגן נישט קיין קלענערע פּאָרציע, ווי אַלעק. זיי האָבן נישט אויפגעגעסן מיט איין מאָל. איצט, אין דער שטילקייט פון שפּעטאָוונט, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אויפן קעלערדאַך, וואָס איז געווען זייער בעט און טיש, אויפגעקניפּט זייערע קלימעקלעך, אַרויסגענומען די קעסעלעך מיטן געקעכטס און ווידער מיט הנאה געגעסן.

אַ לינדער אָוונט געווען. די לבנה, אין פולן גלאַנץ, איז געלעגן

אויפן דאַך, ווי אַ לעבל ברויט. עס האָט אויך געגלאַנצט אין דעם סמאָלעדאַך עפּעס אַ שמאָל ווייסלעך פּאַסיקל, אַן אָפּשיין פון ערגעץ ווו, ווי עס וואָלט געלעגן אַ מעסער מיט אַ פּערלמוטערן הענטל.

— שטעל אַוועק אונדזער „בעכער מיט טרוימען”, האָבן מיר אַ געדעקטן טיש ווי צו אַ שבת־סעודה — זאָגט אברהם.

אברהם האָט רייכע פּאַנטאַזיעס. ער זעט זאַכן אַנדערש, ווי אַלעק. נישט שטענדיק ווען ער איז זאַט, רעדט ער. דאָס מאָל איז ער אָבער דווקא געווען רעדעוודיק און אַפילו זיך פּאַרגינען לצנות. ער האָט געשילדערט, ווי זיי האָבן אויסגעזען ביים טראָגן קוילן. דאָס גוטס, וואָס דערוואַרט זיי נאָכן טראָגן וואַסער, וועט זיין אַ געשעעניש אויף צו געדענקען און פאַרשרייבן.

— כ'שטעל מיר גאָרנישט פאָר, ווי אַזוי איך וועל איינבייסן אַן אויסגעביינערט שטיקל בשר. האָסט נישט מורא, אַלעק, פאַר צעך־רייצן זיך דעם מאָגן? ווען איז דאָס געווען ס'לעצטע מאָל, אַז מיר האָבן געגעסן פלייש?

אין קעלער איז עפּעס טומלדיק געוואָרן: דעם מיעכאָוועער פעלט אַ וווּרטפּול חפץ. אַלע קעלער־קוואַרטיראַנטן דאַרפן זיך לאָזן באַזוכן. אַלעק און אברהם מוזן אויך אַראָפּ אין קעלער.

*

דער מיעכאָוועער און דער ראַדזינער זענען געווען צוויי קליינ־שטעטלדיקע גבירים. דער מיעכאָוועער — אַן איידעם פון אַ רייכן שווער. זיין בלייך מילך־קאַלירִיק פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ נישט דערבאַקענע בולקע. ער האָט אַ מאָל געהאַט פולע פליישיקע באַקן. איצט זענען די באַקן ליידיק, הענגען אַראָפּ ווי אויערן־לעפּלעך. צי ער וויל, צי נישט, האָט זיין פּנים אַ וויינענדיקן אויסזען. ביים גיין הייבט ער נישט די פיס, נאָר ער שלעפּט זיי. צי פון פוילקייט, צי פון שוואַכקייט — ווייסט ער אַליין נישט. ער האָט קיין מאָל נישט געטאָן עפּעס פאַר זיך, איז געגאַנגען אויף אַן אויסגעטראָטענעם

וועג. וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געווען פון פרעמדער מי. דער שווער האָט אים פאַרן נדן געבערענגט ריינעם ריווח, האָט ער געשניטן די המוציא פון אַן אַנגעגרייטער חלה. ער האָט געמאַכט קידוש איבער געשענקטן וויין אין אַ מתנה-בעכער. קיין מאָל האָט ער אויך נישט אַנגעשטרענגט זיין האַלדז צו רעדן הויך. איצט, ווי עס איז אים פאַרפאַלן געוואָרן דאָס חפץ און ער האָט זיך אַנגעטשעפּעט אינעם ראַדזינער, אַז יענער האָט עס גענומען, האָט ער שוין צע־לאָזן זיינע האַלדזבענדער און געשריגן. ס'איז גאָרנישט גלויבלעך געווען, אַז ער, וואָס איז בלויז ווייכקייט, זאָל האָבן אַזאַ טיפע, האַרטע שטימע:

— נישט קיין אַנדערער, נאָר דו! פּלוצלינג ביסטו מיר גע־וואָרן אַ ידיד, זיך געלייגט אין מיין זייט. מען דאַרף נישט זוכן ביי קיינעם! דו, דו! דו האָסט עס גענומען!

— דו האָסט נישט געזען, וואָס שרייסטו? — בייזערט זיך מאירל, דער אָרדענער.

— זע נאָר, זע דעם פּשטל-קאָפּ! אַז איך וואָלט געזען, וואָלט איך אָפּגעהאַקט די הענט!

— שאַ! מען קאָן אַלץ שטילערהייט. איך גלייב דיר, טאָ וואָס זאָל מען טאָן?

— ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער ליסטע צום אָפּפאָרן מיטן גאַרניזאָן, מיט וואָס האָט ער זיך דאָס איינגעקויפט? מיט זיינע שיינע אויגן? ער האָט געגעבן? וואָס האָט ער געהאַט צו געבן? ער אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נקי. פאַר גאָרנישט האָט דער קאַפּיטאַן אים דאָס נישט געטאָן. ער האָט געגעבן, וואָס איך האָב געהאַט, מיינס האָט ער געגעבן!

— דערוויס זיך ביים קאַפּיטאַן!

— איך וויל נישט מסרן!

— בלויז צו דערוויסן זיך דעם אמת!

— זאָל ער אויפווייזן מיט וואָס ער האָט זיך איינגעקויפט דעם זכות!

— אז ער איז „בלאַט״ מיטן קאַפּיטאַן — זאָל ער דיר זאָגן?
— איך מוז פאָרן, נישט לאָזן מיין ווייב קיין עגונה! פון דאָרט וועל איך איר צוווישן געבן, ווו מיין געביין איז...

ווען דער מיעכאָוווער האָט זיך געהיצט און געשריגן, האָט דער ראַדזינער געשוויגן, געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט גע־קוקט ווי מיט גלעזערנע אויגן, דאָס מויל געהאַלטן אָפן, על־היי ער וואָלט געלאַכט, אָבער ער האָט נישט געלאַכט. זיין ברייט פּנים און די פּלאַטשיקע נאָז האָבן אויסגעדריקט אַ פאַרלוירנקייט. אויף יעדער פראַגע פון די זייטיקע, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: „אָט מיינע ווערטער, דאָס מיין איך!״ און אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק...

דער ראַדזינער איז אָבער נישט געווען אַזאַ לעמעשקע, ווי ער האָט זיך איצט געמאַכט. ער איז גאָר געווען דער היפוך פון מיע־כאָוווער. אים האָט נישט דער שווער געגעבן ריווח פון נדן, נאָר ער האָט דעם שווער אָוועקגעזעצט זאָגן תהילים, און אויף לחם לאכול ובגד ללבוש האָט ער שוין געדרייט אַליין דאָס רעדל: ווען יעדער סוחר האָט אין אַ זעקל צוקער נישט פאַרדינט מער ווי דעם ווערט פון ליידיקן זאַק, האָט ער נאָך געגעבן אַ פּראָצענט ראַבאַט פון צוקער גופא. ער האָט געקאָנט איינרעדן דעם קונה. און באַוועגלעך איז ער געווען, ווי קוועקזילבער. חוץ שבת איז ער נישט געזעסן ביים דאַווענען. אַ גאַנצע וואָך האָט ער דאָס דאַווענען אַריינגעכאַפּט שטייענדיק. זיין פלייסיקייט אין מסחר האָט אים געשאַפן אַ שם טוב. נאָר ער איינער האָט געוווּסט, אַז מען שאַצט אים מער ווי ער איז ווערט. האָט ווער אין זיין קעגנוואַרט געזאָגט: „די שאַ־צערס האָבן מער ווי די האָבערס״... האָט ער זיך געשטעלט, אַז נישט לגבי אים איז דאָס ווערטל געזאָגט געוואָרן.

אויך איצט, אין אינצידענט מיטן מיעכאָוווער, האָט ער אָנגע־נומען אַ פּאָזע: „נעבעך, אַ בילבול אויף אים אויסגעטראַכט״, ווי מען וואָלט אים באַליידיקט.

— וואָס מיינסטו מיט תמעוואַטן בליק? רעדסט נישט, ווערט

דיר ווער געבן גערעכט ? — האָט איינער געפרעגט — ביסט דאָך נישט שטום !

— מיר וועלן דיך פאַרהאַלטן. וועסט קוקן, ווי די רעדער דרייען זיך און צעזעצט ווערן שווייגנדיק — שרייט עמעצער פון אַ ווינקל.

— איך האָב נישט וואָס צו זאָגן און כ׳וויס נישט פון קיין שום חפץ ! — טוט דער ראַדזינער זיך אַ ריס פון אָרט מיט כעס, צו וואַרפן זיך אויף עמעצען.

— היץ זיך נישט, היץ זיך נישט ! זאָג, וועסט פאָרן מיטן גאַרניזאָן ? אַ ממזריש שטיקל האָסטו אָפּגעטאָן ? — רייסט זיך נאָך אַ שטימע.

— כ׳וויס נאָך גאָרנישט ! — ברומט דער ראַדזינער.

— אמת, אַז דו טוסט אַרום דעם ? — פרעגט איינער פאַר־שנדיק.

— יאָ, איך טו ! — ענטפערט דער ראַדזינער.

— מיט אַ מתנת־יד ?

— מוזסט דאָס וויסן ? — פרעגט ער בייזלעך — כ׳קאָן אים אויך העלפן — גיט ער צו שטיל.

— העלפן ? זאָג אים וואָס, אפשר וועט ער באַשטיין ?

— פרִיער זאָל ער זיך אַנטשולדיקן און צוריקציִען, וואָס ער האָט געזאָגט — צערעדט זיך דער ראַדזינער. ער איז עפּעס גע־וואָרן תקיף ביי זיך.

— איך, אַנטשולדיקן זיך, וואָס נאָך ?

— באַשטיי אַזוי, אָן תנאים ! — רופן שטימען.

— ניין ! אָן איבערבעטן מיך ? ניין !

— קומט דורך מיטן גוטן. צ׳זענט ביידע געראָטענע ממזרים !

— רופט זיך אָן עפּעס אַ פישטשענדיק דין שטימעלע.

עס האָט זיך אָנגערוקט די צייט צו טראָגן וואַסער פאַר דער קיך.

*

אַ דין רעגנדל האָט געפּרישעט. פינצטער און גליטשיק. אַלעק האָט געטראַכט: גיין? דער רעגן איז נישט אויף אַ ווײַלע. אַ דין קאַשקע־רעגנדל — קאָן עס פּרישען די גאַנצע נאַכט.

— דער מדבר שרעקט איצט מער, ווי ווען עס איז — האָט ער געזאָגט צו אברהמען.

— מיינסט, נישט צו גיין? נעם די עמערס, אָן טראַכטעניש.

— ס'איז מיר קאַלעמוטנע...

— ט'אָסטו גאָר! איך האָב זיך שוין געמאַכט אָן אַפּעטיט אויפן פלייש!

— די וויסטעניש שרעקט מיך איצט מער ווי אַ מאָל.

— אַ פּריש איינרעדעניש, כ'לעבן! דאָ איז איצט אַ צונויפפאָר, ווי אויף אַ יאַריד. קוק אויף די געצעלטן!

— ביי טאָג אַרט מיך נישט...

— דער מדבר איז שטענדיק וויסט. שטעלסט אַוועק אַ געצעלט, איז ער שוין נישט פּוסט. און דאָ — אַ געצעלט אויף אַ געצעלט.

אַלעק האָט גענומען די עמערס:

— די רעגנטראָפּנס וועלן זיך לייכט דערשלאָגן צום לייב. דאָס מלבוש וועט דורכגעווייקט ווערן, וועט מען האָבן צוויי משאות צו שלעפּן: די עמערס וואַסער און די בגדים.

— מיך שרעקט איצט גאָרנישט. די נאַסע בגדים וועט מען אין דער פרי טריקענען אויף דער זון. מיר האָבן אַ זון, אַז מען קאָן זיך אָפּפּרעגלען ווי אַ לעבער אויף אַ פאַטעלניע. איי, די בגדים וועלן פון דער נאַסקייט ווערן שווערער? וועט אפשר אויך זיין צום גוטן: דער גוף וועט זיך אָנשטרענגען, וועט זיין וואַרעמער, און חוץ דעם, וועט די נאַסקייט אפשר חרוב מאַכן די לייזנעסט.

און זיי זענען געגאַנגען. צוגעקומען צום קאַנאַל, האָט זיך אַלעק דערשראָקן און זיך אָנגעכאַפּט אין זיין חבר: עפּעס צוויי געשטאַלטן זענען אָנגעבויגן צום וואַסער, — וואָס טוען דאָ מענטשן אין מיטן דער נאַכט?

— זיי שווענקען זיך די העמדלעך — האָט אברהם אים באַרויִקט.

אַלעק האָט אָנגעשעפּט דעם ערשטן עמער וואַסער, און עס פאַרזוכט. דאָס וואַסער האָט געהאַט אַ ריח פון ערד, ווייל דער קאַנאַל איז געווען פלאַך און דער שטראָם — נישט קיין שטאַרקער.

שוין ביידע עמערס אָנגעשעפּט, האָט ער זיך גוט איינגעצויגן אין פּאַסיק, אונטערגעגאַרטלט די לענדן, אָנגעגורט מיט כוח, מיט איין מאָל אָנגעכאַפּט די עמער־הענטלעך און געמוטיקט זיך, זאָגנדיק:

— ווילך... געגאַנגען!

דאָס פרישענדיקע רעגנדל איז אַריינגעדרונגען טיף אין דער ערד, זי ווייך געמאַכט, די ליימיקע ערד איז געוואָרן אַ טייגעכץ. האָט ער אָנגעשטרענגט געריסן די פּיס פון דער ליימיקער מאַסע. אָבער ווי פאָרזיכטיק ער זאָל נישט זיין צו פאַרגיסן דאָס וואַסער, האָט דאָך דער עמער זיך אויסגעקרימט און פאַרגאָסן אַ ביסל וואַסער.

מיט אַ מאָל זענען צוויי הויכע געשטאַלטן אַרויפגעשפּרונגען אויפן וועג, ווי זיי וואָלטן אָפּגעטשאַטעוועט:

— דאָס וואַסער איז פאַר דער קיך, האַ? — האָבן ביידע גלייכצייטיק געפרעגט.

— יאָ, פאַר דער קיך! — האָט אַלעק דרייסט געענטפערט.

— פאַרשטאַנען. זעסט, אַז איך, הערש־בער מענדעלעס, זאָג, איז תמיד געטראָפן אין פּינטל — האָט איינער געזאָגט.

— פאַרשטעלט נישט דעם וועג! — האָט אַלעק זיך געבעטן.

— אָן שרעק, אָן שרעק! מיר זענען נישט קיין גזלנים. מיר ווילן נישט אייערס גאָרנישט. פאַרקערט, מיר ווילן אייך העלפן.

— דעם בעסטן דאַנק, מיר דאַרפן נישט קיין העלפערס.

די צוויי פאַרשוינען זענען נישט אָפּגעטרעטן: לאַנגע שאָטנס, פרעמדע געשטאַלטן.

— לאָזט זיך העלפֿן, און אויך מיר װעלן אָפּלעקן אַ ביינדל. אומזיסט טוט איר דאָך נישט די אַרבעט. זיכער קריגט איר פֿון דער קיך עפּעס מער װי אַנדערע — האָט געלאַסן גערעדט הערש־בער מענדעלעס. ער האָט אָנגעכאַפּט ס׳הענטל פֿון עמער.

— קוקט, װי נישט פּאַרזיכטיק איר זענט, איר האָט שױן אױס־געגאָסן אַ שפּאָר ביסל װאַסער — האָט אָלעק געהאַט פּאַרדרוס.

— זייט מוחל, װאָס גערעכט, איז גערעכט, מיט װאַסער דאַרף מען זיך אומגיין געלאַסן. אָבער װיל נישט, יידעלע, אַריינכאַפּן די גאַנצע המוציא רק פּאַר זיך. איך זוך שוין פֿון לאַנג אַן אופֿן צוצו־קריגן זיך צו דער קיך, אַפּילו און נאָר בלויז אונטערצוהייצן די קעסלען, אַבי זיך פּאַרדינען נאָך אַ לעפֿל געקעכטס. מאָרגן קאָכט מען רייז. דער טעם ליגט מיר שוין אין מויל. לאָז, ברודערקע, לאָז זיך העלפֿן — האָט ער שנעל גערעדט, װידער אָנגעכאַפּט דעם עמער, װידער אומפּאָרזיכטיק פּאַרגאָסן אַ ביסל פֿון עמער.

— דער קוכער װעט נישט באַשטיין. ער װעט נישט געבן פּאַר פּיר.

— װעסט בעטן, ער זאָל דיר געבן נאָך אַ לעפֿל צוויי, װעסטו האָבן זיך צו צעטיילן מיט אונדז.

— װעט איר דען זאַט װערן?

— װער רעדט װעגן זאַט װערן? כ׳מיין בלויז — נישט הונ־גערן — רופֿט זיך אָפּ דער צװייטער. אויך ער כאַפּט די עמערס פֿון אברהמען און אויך ער האָט פּאַרגאָסן אַ ביסל װאַסער.

— עס װעט שוין באַלד נישט זיין קיין װאַסער אין די עמערס — נעמט זיך אָלעק איבער.

— רײַם נישט, רײַם נישט! — זאָגט הערש־בער צום צווייטן און ער לענט אָן אַ האַנט אויף אָלעקס אַקסל. ער צערעדט זיך:

— איך האָב מיין זיידן נישט געקענט. מיין טאַטע ע״ה פֿלעגט מיר דערציילן, אַז מיין זיידע איז געװען אַ געװאַלדיקער ירא־שמים. ער האָט געפּאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. װאָס די באָבע מיינע האָט נישט געבערענגט פֿון באַקן חלות אויף שבת, האָט דער

זיידע נישט פאַרדינט. און ער האָט נישט געוואָלט נעמען פון קיי־נעם. ער האָט אָנגעזאָגט מיין טאַטן, אַז ער זאָל אויסהיטן די קינ־דער זאָלן זיין אָרנטלעכע, נישט נעמען קיין פרעמדס. איך האָב מיין טאַטן צוליב געטאָן. זיינע ווערטער זענען תמיד געווען ביי מיר קודש, און נאָך היינט. דעריבער זאָג איך איצט, אַז מיר זאָלן דורכקומען מיט גוטן, זיך טיילן. אויך מיר וועלן טראָגן וואַסער צו דער קיך. וועט עס זיין נישט גענומען, נישט אָוועקגעריסן פון קיינעם, נאָר זיך פאַרדינט. פון עמל־כפיים. ביידע: איך, ווי דו, געניסן מיר פון איין זכות, פון אונדזערע אָבות אבותינו. איך דערמאָן עס נאָר אַזוי, דרך־אגב. צו דעם היינטיקן לעבן דאַרף מען נישט קיין זכות. ס׳היינטיקע לעבן... קין געוועלטיקט — און הבל ליגט אין דער ערד... כ׳מיין צו זאָגן, אַז מיר זאָלן נישט זיין קין און הבל. זאָלן מיר זיך נישט אַמפּערן. שטרעק אוים די האַנט און קלאַפּ־צו. אויף מיין ידיד וועל איך שוין משפיע זיין, אַז ער זאָל זיך האַלטן אין דער מעלה. דו קענסט אים נישט, אָבער איך יאָ. אַז ער צעהיצט זיך, ווערט ער אוים מענטש. ער קאָן זיך צעבריקעווען, הערן ווילד און איבערקערן די עמערס, נאָר דאָס וועט ער נישט טאָן, ווען ער איז מיט מיר.

— לאָזט גיין! מיר זענען שוין גוט דורכגעווייקט פונעם רעגן — בעט זיך אָלעק.

— גערעכט, וואָס שטייען מיר? מען קאָן דאָך גיין און רעדן. דאָס מאָל וועסט דו טראָגן, און מיר וועלן גיין ביי דער זייט. אַ צווייט מאָל וועלן מיר טראָגן, און איר וועט גיין ביי דער זייט. וועסט מודה זיין, אַז מיר מאַכן אַ כשר געשעפט. וואָס דו וועסט אַריינ־לייגן, וועלן מיר אויך. און איך וועל זיך נישט רעכענען: אַ לעפל מער, אָדער ווייניקער. איך שווער נישט, נאָר מיין וואָרט איז אַ חתימה. הימל און ערד זענען עדות.

— הערש־בער, גיט אַכטונג, שוין נישט איין מאָל זיך פאַר־טשעפּעט מיט די פיס אין עמער — באַמערקט אים אָלעק.

— וואָס גערעכט, איז גערעכט, ברודערקע, עס קאָן געשען.

איך האָב קרומע פּיס. איך האָב צו זיי טענות, אָבער מוז לעבן מיט זיי בשלום.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו כאַפּן דעם אָטעם.

— מיט אַזאַ טעמפּאָ צו אַרבעטן, וועלן מיר מיט דער נאַכט נישט פאַרטיק ווערן — האָט הערש־בערס חבר זיך צערעדט און געכאַפּט די צוויי עמערס פון אברהמס זייט.

— נישט געכאַפּט! דערווייל נאָך נישט! — האָט אָלעק זיך פאַרטיידיקט.

— גערעכט, דערווייל טראָגט ער. שטעל אַוועק! — האָט הערש־בער אויסגערופן צום חבר.

— כ'פאַרשטיי נישט, עס רעגנט, און מען שפּאַצירט זיך דאָ מיט די עמערס, ווי אויף אַ פּראָמענאַדע!

— מאירקע, קאָנסט גיין, כ'דאַרף דיך דאָ, ווי אַ מכה אונטערן אָרעם — האָט הערש־בער ברוגזדיק אַ זאָג געטאָן.

מאירקע האָט האַסטיק אַוועקגעשטעלט די עמערס, אַ שפּרונג געטאָן און אַוועק אין דער פינצטערניש.

— איך האָב זיך צעלאָזט מיט דער צונג. מיינסטו, אַז איך הערש איבער אים, דעם מאירקע? זאָג איך דיר, אַז אויב דו מיינסט אַזוי, האָסטו אַ טעות. ער איז אַנטלאָפן, ווייל ער איז אַן איידעלער בחור. מיינע האַרבע ווערטער האָבן אים באַליידיקט. אָפּט, אַז איך באַצי זיך נישט איידל צו אים, טוט ער מיר אָפּ שטיקלעך, אַז די האָר שטעלן זיך מיר קאַפּויער. ווען ער איז באַליידיקט, רעדט ער נישט, נאָר טוט. איין מאָל האָט ער מיך, פאַר גרינגשעצן אים, באַפּישט. רעד איך צו אים איידל, ווייך, לאַשטשעט ער זיך צו מיר ווי אַ קאַץ, אַז עס נעמט מיך אָן אַ ברעכעניש. איי, וואָס האַלט איך אים לעבן זיך, חבר זיך מיט אים? ווייל ער קאָן אָפּטאָן שטיקלעך אַזעלכע, וואָס קיינעם וועט עס נישט איינפאַלן. איך קען זיך באַ־גיין איידל... אויך אין מיין קראָם האָב איך געהאַלטן די איידלסטע פּרוכטן: פייגן, טייטלען, מילגרוימען, באַנאַנעס און ווײַמפּערלעך.

מיין קאָפּ איז נישט קיין שישקע. אַז איך דאַרף אים, קומט ער מיר צו נוץ...

*

נאָך עטלעכע מאָל האָט מען געדאַרפט גיין מיט די עמערס וואַסער הין און צוריק. ביזן קאַנאַל און פון קאַנאַל צו דער קיך, האָט אַלעק איבערגעגעבן הערש-בערן די עמערס ער זאָל טראָגן. „איך וועל וואַרטן אויף אים ביי דער קיך". האָט הערש-בער נישט געוואָלט אַנדערש, ער זאָל מיטגיין מיט אים ביי דער זייט: שותפות, איז שותפות.

הערש-בער האָט געהאַט קרומע פיס, האָט ער אָפט פאַרטשעפּעט די עמערס. יעדעס מאָל האָט אַן עמער זיך אויסגעקרימט און ס'האָט זיך אויסגעגאָסן אַ ביסל וואַסער, אַזוי, אַז ווען ער איז צוגעקומען צו דער קיך, האָט ער געהאַט ווייניק אַריינצוגיסן אין קעסל אַריין. ער האָט זיך געשאָלטן מיט וויסטע קללות, אָבער דערביי געבעטן אַלעקן:

— ברוגז זיך נישט! איך וועל זיך נישט רעכענען דערמיט, אַז וויפל מאָל דו ביסט געגאַנגען, אַזוי פיל מאָל זאָל איך גיין. דער עיקר, די קעסלען זאָלן ווערן פול. איך פלעג תמיד אַלץ טאָן מיט אַ ברייטער האַנט. מיין ווייב האָב איך קיין מאָל נישט צוגעטיילט דעם גראָשן... מיינסטו, אַז האַנדלען מיט פייגן און טייטלען איז געווען אַזאַ זיסע פּרנסה? ביז איך האָב באַצאָלט אַ וועקסל, האָט זיך מיר אָנגעזאַמלט אַ שפּאָר ביסל זאַמד אויף די נירן. און אַז איך האָב שוין געצאָלט, איז מיר ביטער געוואָרן אין מויל, ווי די גאַל וואָלט זיך מיר צעגאָסן. פאַר וואָס, וועסטו פרעגן: פאַר וואָס? ווייל אַנדערע האָבן זיך געדרייט און נישט געצאָלט. שווער לעבן איז נישט ביי מיר קיין נאָווינע. אַ גרינג לעבן קומט בלויז מיט נסים. איז ווער בין איך, און וואָס בין איך, אַז אַ נס זאָל מיר ביישטיין?...

ביים לעצטן מאָל גיין האָט הערש-בער זיך פאַרטשעפּעט אין

עפּעס, וואָס האָט אים פאַרפּלאָנטערט די פיס און ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. עפּעס אַ שמאַטע איז עס געווען. פריִער איז זי נישט געלעגן אויפן וועג. עמעצער האָט דאָס איצט אַוועקגעלייגט, פאַרשיט מיט דער ליימיקער ערד, ס'זאָל נישט זיין אָנזעעוודיק. בײדע עמערס וואַסער אויסגעגאָסן — איז ער געלאָפן און אָנגעשעפּט אַנדערע:

— דאָס איז דעם משומדס, מאירלס, אַרבעט. דאָס איז זיין אויפטו — האָט זיך הערש־בער געכעסט — ווייזט אויס, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו נעמען קיין חלק פון דער פּאַרציע געקעכטס. צעבריקעוועט ער זיך און טוט זיך קילן מיט אָפּטאָן צולהכעיסן. נאָר ערגערט זיך נישט, אין וועג איז מען תמיד אויסגעשטעלט אויף מכשולים. צוויי מאָל וועט ער דאָס נישט טאָן. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט געצויגן פון אים די אָדערן, ווי שטריקלעך. בין איך אָבער נישט קיין גיבור. ווי דאַר און אויסגעסאָכניעט ער איז, האָט ער אין זיך אַ ווילדן כוח. ער איז אַ מאָל געגאַנגען מיט איינעם אויף „וואַלקעס", האָט ער יענעם צעפּלאַטשט די נאָז. אַ פּרא־אדם. קיין בייז קאָן איך אים נישט טאָן, נאָר אַ פּאָר אויגן וועל איך שוין יאָ אויף אים אָנשטעלן, אַז ער וועט זיך דערשרעקן, מי יודע וואָס איך גיי אים אָפּטאָן. איך בין אַ כוהן, און דער כעס ליגט מיר אין די אויגן. מיין טאַטע ע"ה פלעגט מיר זאָגן: „חלילה אויפצוהייבן אַ האַנט אויף ווער עמען, נאָר אַן אָנשטעל זאָלסטו מאַכן, אַז יענער זאָל מיינען, און מורא האָבן". מיין טאַטנס ע"ה וואָרט איז ביי מיר קדוש. מיין טאַטע ע"ה! איך ווייס נישט, צי ס'איז געווען נאָך אַ סך זיינס גלייכן. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין געלט, זיך געשפּילט מיטן גילדן אוים חוזק. געווען אַן אויסגעפּרוּווטער „דערדל"־שפּילער. איז נאָך דעם, ווי ער האָט שוין צוזאַמענגעלייגט די גאַנצע אפּותיקא געווינס, האָט ער אַרויסגענומען אַ בלייערן „דריידל" און פאַרגעשלאָגן אַ גורל: צי פאַר דעם געלט מאַכן שבת אַ קידוש, אָדער לאָזן אויפנייען אַ פּרוכת. איין מאָל האָט ער זיין שכן געררופן צום דיין פאַר מבייש זיין אַן אביון.

ס׳גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדער: דער שכן איז געווען א גוואַלדיקער קמצן: חוץ דעם, וואָס ער האָט נישט געגעבן מער ווי פּרוטות, האָט ער נאָך גענומען לעבער, געמאַכט, עס זאָל יענעם דאָס בלוט געזעצט ווערן. צום דיין האָט ער אים געלאָדן פאַר א מעשה שהיה: ווען ס׳זענען אויפגעקומען די באַנקנאָטן, די 100־גילדנדיקע, און ס׳איז צו אים אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן נאָך א נדבה, האָט ער אים געפרעגט, צי ער האָט שוין געזען דעם באַנקנאָט, דעם הונדערטער, און צי וויל ער זען? „אדרבא, אדרבא, ר׳ אלתרל, ווייזט, ווייזט! איך זאָל ווען עס איז פּאַרמאָגן א מאה, איז א חלום, זאָל איך כאָטש זען" — האָט דער אָרעמאַן א צאַפּלדיקער געבעטן. „פאַרמאַך די אויגן" — האָט ר׳ אלתרל געזאָגט — „אַז איך וועל א נים טאָן, זאָלסטו זיי עפענען, וועסטו זען א גלאַנציקן הונדערטער". כך הווה. דער אָרעמאַן האָט געטאָן, ווי ר׳ אלתרל האָט געהייסן. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער אים געוויזן צוויי פייגן...

אויף אָנצופילן די קעסלען האָט שוין נישט געפעלט קיין סך. אַלעק האָט זיך אָפגערעדט מיט הערש־בערן ווען און ווו זיי וועלן זיך טיילן מיט די פּאַרציעס עסן. איינער דעם אַנדערן האָט גוט־ברודעריש געקלאַפּט אויפן אַקסל. הערש־בער האָט אים נאָך אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט פאַרגעסן אין מאירלען, אויך ער זאָל עפּעס געניסן פון א גוטן שלונג גרויפּן. אברהם איז שוין געהאַט אַוועק, אויך אַלעק האָט געזאָגט, אַז דאָס לעצטע מאָל וועט ער שוין גיין אַליין. איז אָבער געשען א בראָך: ווען זיי זענען צוגעקומען צו די קעסלען, איז איין קעסל געווען ליידיק, פון קראָן האָבן בלויז געטריפט טראָפּנס. דאָס האָט מאירל זיי אָפּגעטאָן. זיי האָבן אים נישט געזען, ער האָט ערגעץ פון א באַהעלטעניש געלאַכט. זיין קול האָבן זיי געהערט.

— ס׳איז פינצטער, ער וועט נישט זען דעם פינקל אין מיינע אויגן! — האָט הערש־בער מיט א געבראָכענער שטימע גערעדט — איך האָב שוין נישט מער קיין כוח צו טראָגן די עמערס וואַסער,

טראַג אַליין. איך וויל נישט נהנה זיין פון דיין מי, איך וועל שוין, ווי עס איז, אַזוי דערלעבן די ישועה, נאָר אויף מאירלען וועל איך אָנשטעלן מיינע אויגן...

*

צוליב דעם שפּעטן שלאָפנגיין איז אַלעק דאָס מאָל נישט אויפגעשטאַנען גלייך מיט אַלע, ער איז געבליבן איינער אַליין אין קעלער, מחמת אַלע קוואַרטיראַנטן זענען מיט איין מאָל אַרויס אויף אַ באַפעל פון סערזשאַנט בערגער. אַלעק וואָלט אַזוי געשלאָפן ביז אין שפּעטן טאָג אַריין, ווען נישט דער הויפּטקוכער. ער איז אים געקומען זוכן כדי איבערצוגעבן:

— זאָלסט זיך האַלטן אין מיר!

די הונדערטער מענטשן פון די געצעלטן, פון דעם קעלער — אַלע פון קאַטעגאָריע „דע" און „ע" — אַלע ווי איינער, זענען געשטאַנען אין זעלנערישע רייען. דער כאַראַנזשי און דער קאַפּיטאַן האָבן געלייענט פון פּאַפּירן באַפעלן און פאַראָרדענונגען: אַלע „אַביוואַטעלע" קאָנען זיך ווענדן אין די „עוואַקאַפּונקטן" נאָך אַרבעט. קיינער פאַרלאָזט נישט די ריי אָן אַ באַפעל.

אין טאָל איז געשטאַנען אַ לאַנגער צוג. די מאַסע „דע" און „ע" איז אין זעלנערישער דיסציפּלין צוגעפירט געוואָרן צו די וואַגאָנעס. זיי זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים. אין דער מחנה איז אויך געווען אברהם, הערש-בער, מאירל, יידל קנאַפּער און הענעך פאָגעל.

כדי אַלעק זאָל נישט האָבן דעם זעלבן גורל וואָס אַלע, האָט דער קוכער אים גענומען אין קיך, און געמאָלדן דעם פּאָרוטשניק: „ביי דער קיך — דריי".

אין דער צייט ווען דער צוג מיט די אויסבראַקירטע פון מיליטער האָט פאַרלאָזט דעם טאָל, איז אויף דער ראַמפּע, אין דער הייך איבערן טאָל, אָנגעפאָרן אַן אַנדערער צוג. ס'זענען איינגע-

שטיגן די מונדירטע גאַרניזאָן-זעלנער, גרייטע צום אָפּפאָרן קיין איראַן. אַ מונטער געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון די וואַגאָנעם.

ביי איין וואַגאָן זענען געשטאַנען דער ראַדזינער און דער מיע־כאָווער, געוואַרט אויף אַן אָרט אין אַ וואַגאָן. מיט אַ מאָל האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַ פייף געטאָן, דער צוג האָט גערירט. די רעדער האָבן גענומען אַ שנעלערן טעמפּאָ. דער ראַדזינער און דער מיעכאָווער זענען נאָכגעלאָפן נאָכן צוג, אָבער אויף קיין וואַגאָן-טרעפּל האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אַרויפכאַפּן, עס האָט זיי אויסגעפעלט אָטעם. זענען זיי געבליבן שטיין, נאָכגעקוקט, ווי די רעדער דרייען זיך — אין אַן אַנדער וועלט אַריין.

## ביכער פון זעלבן מחבר:

1. **איבערגאַנג** (ראָמאַן), ווארשע 1931
2. **חבר יאָזע בראַף** (ראָמאַן), וואַרשע 1934
3. **געראַנגל** (לובלין 1939 — 1943) י. ל. פרץ פאַרלאַג, ת״א, 1958
4. **מענטשן און גאַסן** (דערציילונגען), י. ל. פרץ־פאַרלאַג, ת״א, 1962
5. **אין שטורעם** (ראָמאַן), פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״, אַרגענטינע, 1963